[illegible]

ווינער

ספריה עממית בטורונטו
יידישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

WM. AGRANOVE
38 AUSTIN TERRACE
TORONTO, ONT.

דיינעם

(ליטווישע און לעטישע פאָלקסלידער)

איבערגעזעצט, דערקלערט און מיט איינלייטונגען פון

אוריה קאצענעלענבאָגען

Copyright, 1930
By U. Katzenelenbogen.

PRINTED BY
INLAND
PRINTING HOUSE
LIMITED
TORONTO · CANADA

ליטוויש

ספריה עממית בטורונטו
יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

Digitized by the Internet Archive
in 2026

https://archive.org/details/dinam0000uria

38 Austin Terrace
Toronto, Ont.

איינלייטונג

דער רייכסטער קולטור־אוצר פון ווייטן עבר איז בא די ליט־ווינער די דיינע. א סך דיינעס־ווואריאנטן האָבן נאָך געקלונגען בא די ליטווינער, בעת זיי האָבן מיט יאָר־טויזנטער צוריק געוואנדערט נאָך דער „מאַמע־זונעלע" פון אַזיען ארויס.

געזונגען האָבן דערנאָך די דיינעס אף די נייע ערטער, בא די ברעגן פון ניעמאַן און ווילִיע, די „ווײדעלאָטינס"—ליטווישע מיידלאך־פריסטערינס אין די הייליקע וועלדלאך, ארום שטיינער־מזבחות, אין הייליקן טאַנץ.

פאררוקטע צווישן וועלדער און זומפּן איז בא די ליטווינער זייער שפּראַך, אזוי ווי א פליג, וואָס איז אין דורכזיכטיקן בורשטין אף יאָר־טויזנטער פארגליווערט געוואָרן.

דאָס ליטוויש האָט איינגעהיט פון דעם אוראַלטן אַזיאַטישן סאַנ־סקריט (די אַמאָליקע שפּראַך אין אינדיען און די ווייטע פאָר־שפּראַך פון אלע אייראָפּייאישע שפּראַכן) א גוזמא שרשים און גראַמאַטיקאַלישע פאָרמען.

אויך שפּראַכלאַכע אויסדרוקן באַווייזן אין איצטיקן ליטוויש שפּורן פונם אמאָליקן אַזיען־היים.

איז באקאנט, אז פון אמאָליקע אוראַלטע צייטן איז אין אינדיען עד היום שטאַרק פארשפּרייט דאָס אָפּטע מויל־שווייַנקעניש, ווייל דאָס מויל ווערט באַטראַכט פאַר זייער אומריין.

נישט נאָר זינגען די ליטווינער, ווי עס פלעגן קומען פאר דער לבנה צום קוואַלכל „שווייַנקען דאָס מײלכל" גאָטס זינדעלאך און גאָטס טעכטערלאך, (זע נומ. 11), נאָר דער אויסדרוק „שווייַנקען דאָס מויל" אָנשטאָט וואַשן דעם פּנים, איז אין ליטוויש פארבליבן און ווערט באַנוצט ביז היינטיקן טאָג, (זע נומ. 69).

די אמאָליקע ליטווינער האָבן זיך פעסט געהאַלטן אָן זייער לעבנשטייגער און קינדישער געצנדינערשאַפט. בוים, שטיין, קאַטשקע און קוקאַווקע, און באַרג און ווינט, און נאָך, און נאָך—אַלץ האָט מען

פארגעטערט און פאר׳גילגול׳ט. אַלץ האָט געוואָרפן אַן אימה, אָבער צו אַלעמען האָט מען געקענט בעטן, ווי צו די נשמות פון נאָענטע.

זאָל זיך דעמב־בוים פארוואנדלען אין טאַטעלען (זע נומ. 10). שווארצע קאַטשקעלאך זײנען טויטע ברידערלאך, וואָס שפּאַצירן אין דער אָזערע פארבײ דעם טאַטנס טײערן. (זע נומ. 4). די שוועסטערלס נשמה הילכט אָפּ פונם ברודערס פײפל. (זע נומ. 3). די לבנה איז א טאַטע, און דאָס זונעלע איז דאָס ליב מאַמעלע. פּארשפּעטיקט זונעלע אויפצוגײן, האָט עס הינטער בערגל דערוואָרעמט פּאַסטוכער, אָפּגעהיט יתומות. (זע נומ. 6). אַלײן די שלאַנג קען זײן פון די געטער א שליח׳ל אויסצעקלױבן א באַשערטע. (זע נומ. 13). און כדי דער קאָרן זאָל געראָטן אפן פעלד, און דאָס גראָז זאָל זײן געדיכט און גרין, איז נאָר נײטיק, מען זאָל ברענגען א שוואַרץ בעקעלע צום בערגל פאר א קרבן. (זע נומ. 17).

נאָר אָט איז איבער א יאָר־טויזנט פארלאָפן פון קריסטוסעס געבורט. אײראָפּע איז אַלײן פון קריסטנטום באַזיגט און לאָזט זיך צום זיג־מאַרש צו אַלע ערד־ווינקלען, וואָס זײנען דער דעמאָלטיקער אײראָפּע געווען באַקאַנט. און דאָ שטעקט באַ די ברעגן פון ווילִיע און ניעמאַן, ביזן באַלטישן ים, אַן עקשנות׳דיק פאָלק, וואָס האָט, אפשר, אַזוי פיל געטער, וויפל ביימער אין וואַלד. מען שרעקט זיך מער פאַר אַלעמען פאַרן גאָט פון דונער און בליץ און מען איז היימיש מיט מאַמעלע־זונעלע און טאַטעלע־לבנה. מען לאָזט זיך אין טאַנץ מיט די שטערן—גאָטס טעכטערלאך און גאָטס זינדעלאך, און צו זײ אַלעמען קאָן אָנקומען איטלאכער פּאַסטוך, אַז עס ווערט אים פאַרלאָרן א שעפּסל. (זע נומ. 7).

אומברײנגען די ליטווישע געצנדינערשאַפט איז א קידוש־השם זאַך געוואָרן פאַר אַלע אַרומיקע פעלקער, וואָס זײנען געווען באַ זיך אַזוי האָפערדיק און באַרעכטיקט צו אַלץ דורך... די לײדן פון געקרײציקטן יעזוס׳ן און די קרײצטרעגער האָבן מיטן אָנגענײטן צלם אפן רוקן און מיטן שווערד אין האַנט זיך געלאָזט אף ליטע.

לאַנגזאַם און נאָך אַן עקשנות׳דיקן קאַמף האָבן זיך די ליטווינער אונטערגעגעבן צום נײעם גלויבן. די קרײצטרעגער האָבן ראַבירט, געצונדן און גענומען געפאַנגענע. (זע נומ. 19).

איבערגעוואַלט פלעגן די ליטווינער ווערן גע׳טובל׳ט, געהײליקט צו ווערן צום קריסטנטום, אָבער ווי דער שונא פלעגט אוועק, פלעגן די ליטווינער גײן צום ניעמאַן און צו דער דווינע, אַראָפּצעשווײנקען פון

זיך די קריסטלאכע טבילה און זי אָפּשיקן מיט די כוואַליעס צוריק צום ים, פון וואַנען די קרייצטרעגער זיינען אָנגעקומען.

אין געהיים האָט מען אין די הייליקע וועלדלאַך געזונגען די מיטאָ־לאָגישע דיינע. גלחים האָבן זיך געלאָזט אויסברענגען די הייליקע וועלדלאַך, אויסרייסן די הייליקע שטיינער און פאַרטיליקן די געצנדינערישע דיינע. די ליטווינער אליין האָבן זיך פון איר מיט שווידער אָפּגעטרייסלט, אַז מען איז צום נייעם גלויבן געקומען. עכט־געצנדינערישע דיינעס זיינען כמעט ניט פאַרבליבן, אָבער מיטאָלאָגישע שפּורן האָבן זיך דאָך אין אַ סך דיינעס איינגעהאַלטן.

איצט ווערט פאַרשטאַנען אונטערן וואָרט „דיינע” נאָר דאָס וועלט־לאַכע פאָלקסליד. דאָס קריסטלאַך־רעליגיעזע ליד ווערט אין ליטוויש אָנגערופן „גיעסמע”.

ווי די „ווײַדעלאָטינס”—פּריסטערינס—האָבן פריער דערהאַלטן אין וואַלד און וועלדער דאָס הייליק פייער פאַר פּערקונאַסן, דעם גאָט פון דונער און בליץ, אַזוי האָט שפּעטער די ליטווישע פרוי אויפגע־האַלטן אין פאַרשטעקטן דאָרף די דיינע.

אַלע ווײַלע באַפאַלן, פלעגן די מענער זיך פאַרבאָרגן פון הינטער די באַפעסטיקטע בערגלאַך (פּילקאַלנעס) און פייערן פון בערגל צו בערגל צעצינדן, אַלע זאָלן קענען שונא אַרויס. די ווײַבער און קינדער פלעגן זיך פאַרשטעקן אין גריבער אָדער אַנטלויפן אין וואַלד.

אַלץ אומעטיקער האָט די דיינע געקלונגען.

היסטאָריש איז די וועלט פריער באַקאַנט געוואָרן מיט דער ליט־ווישער מלוכה, איידער מיטן ליטווישן פאָלק. אין מיטן פון דרייצנטן יאָרהונדערט האָט דער ליטווישער גרויספירשט מינדויגאַס פאַראייניקט די פעאָדאַל־צעברעקלטע ליטע און ווייסרוסלאַנד אין איין גרויסער ליטע. אין 1250טן יאָר נעמט ער אָן קריסטנטום און באַקומט אַ קיניגלאַכע קרוין, וואָס נאָר דער פּויבסט האָט געקאָנט צוטיילן.

אין 1260טן יאָר, אַז אין ליטע איז אויפגעקומען אַן אויפ־שטאַנד קעגן דעם אָרדן פון די קרייצטרעגער, וואָס האָבן שטאַרק געדריקט די ליטווינער, איז מינדויגאַס אַליין צוגעשטאַנען צום אויפ־שטאַנד. שפּעטער ווערט ער דערהרג׳עט פון זיינע מקורבים. מען ווייס פון אַ ריי שפּעטערדיקע גרויספירשטן, וואָס האָבן רעגירט מיט אַ גרויסער ליטע, וואָס איז געווען באַפעלקערט ניט נאָר מיט ליטווינער, נאָר אויך מיט ווייס־רוסן און אַנדערע.

די גרויספירשטן, אַלע כמעט דערווייטערט פונם ליטווישן פאָלק, האָבן געפּראַוועט הויך־פּאָליטיק, געשלאָסן אָפּמאַכן מיט מלוכות, גע־

פירט אונטערהאנדלונגען מיטן פויבסט וועגן איבערגיין צום קריסטנ־טום, ארויסגעשטעלט ארמייען און אָפּגעהאַלטן נצחונות, פאַרלייגט פעסטונגען און רעזידענץ־שטעט, בראָש מיט ווילנע, און אַלץ געריסן זיך פאַרויס צו פאַרנעמען נייע געגנטן. האָבן די ליטווינער א שפּריכ־וואָרט: „קיסרים האָבן לאַנגע הענט". די ארמייען פון ליטע האָבן זיך אין פערצנטן יאָרהונדערט ווייט אַזש ביז קיעוו און אונטער די ווענט פון מאָסקווע ארייינגעריסן אין רוסלאַנד, וואָס איז דעמאָלט געווען פאַריאָכט פון די טאָטערן,—אָבער בא די אַלע נצחונות האָט דאָס ליטווישע פויערים־פאָלק גאָרניט געוואונען, נאָר זייער שטאַרק אין די מלחמות געבלוטיקט, (זע נומ. 22־24).

אין היפוך צו אנדערע פעלקער, האָבן די ליטווינער קיינמאָל ניט באַזונגען קיין קריגערישע האָפּערדיקייט און קיין מלחמה־העלדן. נאָך ווינציקער האָט עס געקאָנט באַזינגען די פאַרוואָרלאָזטע, פאַר׳אַלמנה׳טע ליטווישע פרוי אין היימישן אָרימן דאָרף. מען האָט נאָר באַוויינט די געפאַלענע. אויפגעקומען זיינען א סך יתומים־דיינעס, וואָס ווייזן טאָקע, לויטן ליטווישן שפּריכוואָרט, אַז „יתומים׳שע טרערן קענען לעכערן א שטיין", (זע נומ. 86־92).

די דיינע איז פאַרבליבן אפילו אין דער גלאַנץ־תקופה פון דער היסטאָרישער ליטע אונטערן שטרויענעם דאַך. די איינגענומענע געגנטן, וואָס זיינען אין רוב געווען סלאַוויש, האָבן באַהערשט ליטע מיט שריפט און שפּראַך, מלוכה־פיר און לעבנשטייגער. מען האָט גע־קוקט אױף מאָסקווע און קיעוו, מען האָט געשלאָסן יחוס׳דיקע פירשט־לאַכע שידוכים, און די שכנ׳ישע פוילן האָט געקראָגן מער און מער איינפלוס, ביז מען האָט געשלאָסן אין 1385טן יאָר די ערשטע אוניע, די פאַראייניקונג פון פוילן מיט ליטע. דער ליטווישער גרויספירשט יאַגעלאָ האָט אין 1386טן יאָר חתונה מיט דער פוילישער טראָנ־יורש׳טע יאַדוויגע און ער ווערט דער הערשער פון פוילן און ליטע. פוילן באַוועלטיקט אַלץ מער ליטע. עס ווערט פאַרשפּרייט צווישן דער ליטווישער אַריסטאָקראַטיע פוילישע פראַכט און קאַטוילישע פרומקייט און צום גרונט ווערט געשטויסן די ליטווישע געצנדינער־שאַפט. די ליטווישע פירשטן, מלחמה־פירער און אויפגעקומענע פריצים האָבן פון די פויערים־געזאַנגען געוויכט, און די אומעטיקע דאָרף־דיינע פאַרגליכן צו א „וואָיעניש פון וועלף". די קריסטלאַכע גייסטלאַכע האָבן טאַקע כמעט ביזן סוף ארויסגעשטויסן די אומצאָליקע אַלטע קלאָג־לידער, „ראַודאָס", (זע נומ. 93־96), און זיי האָבן זיך איינ־געהיט אין א קליינער צאָל. דאָס יאָמערדיקע געוויין נאָך א טויטן איז אין די אַלטע צייטן געווען בא די ליטווינער א מין קולט. זיינען

געװען ספּעציעלע גערונגענע קלאָגערינס, (זע נומ. 97). מען ברײנגט, אז אין די אַלטע געצנדינערישע צײַטן האָבן די ליטװינער אפילו געהאַט פאַר די טעמפּלען טרערן־װאַזעס פאַר די טרערן פון די קלאָגנדיקע.

אױף הונדערטער יאָרן איז ליטע באַהערשט געװאָרן פון פּױלן. נאָך דער אנטגילטיקער צעטײלונג פון פּױלן אין 1795טן יאָר איז ליטע צוגעטײלט געװאָרן צו רוסלאַנד. דער ליטװישער פּױער איז אָבער פאַרבליבן דער לײבקנעכט פון פּױלישן פּריץ.

די דײנע האָט געמעגט, װי אומעטיק קלינגען, אָבער איז ניט אונ־טערגעגאַנגען.

געזונגען און געדיכטעט פון פרױען איז די דײנע דורך און דורך ליריש, נאַאיװ און צניעות׳דיק און קײנמאָל ניט געקינסטלט. זײער א סך דײנעס הױבן זיך אָן מיט אײנעם און דעמזעלביקן אויסרוף־װאָרט, און דאָס באַװײזט, אז זײ האָבן פאַרמאָגט אַלגעמײנע אור־טעקסטן. דער גראַם איז ניט נאָכגעזוכט, איז בלױז געדולדעט, אױב ער קומט צופעליק. ניט געקוקט אױף דעם, װאָס די ליטװישע שפּראַך איז אַזױ רײך אין גראַם.—איר אומגעהױער־גרױסע צאָל ליבלינג און פאַרקלענערונגס־ענדונגען גראַמען זיך פון זיך אַלײן,—און דאָך איז די דײנע כמעט אינגאַנצן פרײ פונם גראַם. אױפן ערשטן אָרט איז דאָס געפיל, װאָס איז אַלע מאָל עכט, ניט געפאַרבן, אָפּטמאָל באַהױכט מיט א שטילער איראָניע. אינם שלל דױטן־דײנעס, װאָס די ליטװינער פאַרמאָגן, הערשט אפילו אינם בחור׳ס געזאַנג דער פרױען־טאָן. מען קאָן דערפון דרינגען אז פון די דױטן־דײנעס זײנען פריער געװען געזונגען די דײנעס פונם מײדל, (זע נומ. 13, 45, 99־100).

װי אין אַלע פאָלקס־לידער, איז אויך אין דער ליטװישער דײנע די מעלאָדיע אױפגעגאָסן מיטן טעקסט. קומט דאָך, אײגנטלאָך, די מעלאָדיע און טעקסט פון אײן קװאַל, און די דײנע־מעלאָדיע קלינגט אַלעמאָל עלעגיש. ברעכט זי אױס, טרעפט, גלײך צום פױגל־געזאַנג, גאָר פּלוצלונג, אָבער פאַלט שנעל אָפּ און אַלעמאָל פאַרשװעבט זי זאַנפט.

א מערקװירדיקײט, די זינגערינס און זינגער אין דאָרף בלײבן נאָך יעדער אױסגעזונגענער דײנע זינקען אין שטיל־שװײגן. דאָס זינגען אַלײן װערט הײַך געשעצט און באַזונגען, (זע נומ. 98־100).

דאָס גרעסטע אָרט פאַרנעמט דאָס עראָטישע ליד. עס איז אָבער אַלעמאָל צאַרט און צניעות׳דיק. פאַרמאָגן אפילו א חנ׳עװדיקע גע־צאַמטקײט די רװיקאַליש־שטיפערישע, (זע נומ. 37־38).

אין אן ערך א העלפט פון אלע דיינעס ווערט דערמאָנט דאָס ברוין פערדל, דער שטאָלץ און פּוץ פונם בחור, און אין א דריטל—דאָס רוטן קרענצל, וואָס דאָס ליטוויש מיידל טראָגט ביז דער חתונה. די גרינינקע רוטן פלעגט דאָס מיידל איינהיטן דורכן גאנצן יאָר, ווינטער פארגראָבנדיק אין דער ערד.

אף חתונות פלעגן ווערן די דיינעס געזונגען אף אן אופן פון א דראמאטישער אימפּראָוויזאציע, וואָס פלעגט זיך אָפּטמאָל ציען עטלאכע טעג נאָכאנאנד.

די אימפּראָוויזאציעס האָבן געוויינטלאך א סך נוסחאות, ווערן אין פארשיידענע געגנטן אנדערש איינגעטיילט און געזונגען. דער פארשפּרייטסטער אופן איז: די ערשטע באקאנטשאפט, (זע נומ. 29). אָנקום פון שדכנים, וואָס ווערן אגב אָפּטמאָל ביטער אויסגעלאכט, (זע נומ. 80-81). מתנות פונם חתן, (זע 74). דאָס צעבייטן זיך מיט די רינגען פון חתן־כלה. דאָס ציטער פונם מיידל ווערט פארגליכן צו דער אָנגעבויגענער ליליע (זע נומ. 30-31). אינם ערב־חתונה־אָוונט זינגען אינם הויז באם מיידל אירע חבר'טעס וועגן איר גורל, (זע נומ. 66-69). דאָס ארויסלאָז פון דער כלה מיט איר אויסשטייער (זע נומ. 71-72). עס צעזעגנט זיך דאָס מיידל מיט דער מאמען (זע נומ. 63). די מערכה פון דער שנור, (זע נומ. 75).

דאָס ליטוויש מיידל היט אָפּ איר גערטנדל, פּאַלגט מאַמעלען, גרייט איר נדן אין געפארבטן קופערט, אָבער איר גורל נאָך דער חתונה מאָלט זיך איר אזוי אומעטיק און אָפּט גרויליק.

אָט ווערט דאָס ניי לעבן, וואָס די כלה וועט דארפן פירן נאָך דער חתונה, אלעגאריש פארגליכן צו אן אָזערע, וואָס איז איינגעפראָרן. זאָל „ליימע", די געטין פון גליק, שיקן א זוניק טאָגעלע און צעווארעמען די פאראייזטע אָזערע, (זע נומ. 73). אזוי אָפּט ווערט געזונגען פון דער שלעכטער שוויגער, בייזע שווועגערינס און שטריינגע שוואָגערלאך. פארגלייכט אָפּט דאָס מיידל אין דער דיינע איר גורל צום בחור'ס: ער וועט פארבלייבן בא זיין פּאַטערל, זי דארף אוועק אין דער פרעמד. אזוי אָפּט רייסט זי זיך צוריק פון דער שוויגער צו דער מאמעלען. בלאָנקנדיק אין וואלד, הערט זי אינם געשריי פון דער קוקאווקע דאָס רופן פון דער מאמעלען (זע נומ. 64).

אָבער דאָס מיידל זעט פאָרויס אויך, אז מען וועט נאָך דארפן צאָלן מס צום פריץ (זע נומ. 131).

עס שרעקט זיך דאָס מיידל פאַר אַ שלעכטער מערכה באַם שטריינגגן מאַן, ער זאָל ניט שלאָגן, צי ער זאָל ניט זיין אַ שיכור און אַ לא יוצלח. (זע 76־78).

עס זוכט אויך דער בחור אַ גוטע שפינערין און וועבערין— אַ גוטע אַרבעטערין. ער טרייסט זיין כלה, אַז ניט דורך שילטן און שווערער אַרבעט, נאָר דורך גוטע ריידעלאַך וועט מען זי לערנען פאָלגן דער שוויגער און די שוועגערינס. (זע נומ. 62). דאָ רימט ער זיך, אַז ער האָט אַ בייטשעלע, פיין געשניצט, געדיכט געפלאָכטן, זיין ווייב צו לערנען שפינען פיין, געדיכט צו וועבן, (זע נומ. 70). דערהערט אַזוינס אַמאָל דאָס מיידל און זי באַליידיקט זיך: „ניט געוועזן נאָך חתונה, זאָגט ער צו מיך שלאָגן", און ער פאַררעדט, אַז מיטן בייטשעלע וועט ער דאָס פערדל שמייסן, מיטן ריטעלע פליגעלאַך אָפּטרייבן (זע נומ. 60).

דאָס גרעסטע אומגליק איז פאַרן בחור אַ ווייב אַ „שפרינגערקע", ניט קיין בריה, (זע נומ. 52 און 61). אַזוינע פאַראַכטנדיקע ברוטאַלע ווערטער האָט דער בחור פאַרן זאָרגלאָזן מיידל, (זע נומ. 126).

אַרבעט, שווערע אַרבעט ווייס די ליטווישע פויערישע משפחה. „באַם אַרבעטער איז שוואַרץ אַלעמאָל אונטער די נעגל", „עס וויינט דאָס ברויט, אַז אים עסט אַ פוילער", „שוואַרצע הענט—ווייס דאָס ברויט, ווייסע הענט—שוואַרץ דאָס ברויט", „ליגט דער וואָלף—איז מאָגער דער וואָלף, לויפט דער וואָלף—איז פעט דער וואָלף". דאָס זיינען די שפּריכווערטער פון ליטווינער וועגן אַרבעט און אין דעם גייסט באַזינגט מען די אַרבעט. מען פאַרוויגט דאָס קינד, עס זאָל קענען האָרעווען, קערן פלינק אין פעלד דאָס אַקער־אייזן, (זע נומ. 102).

אָפּגעשפּאָרט נאָך אַ יאָר אַרבעט באַם פּריץ אַ הון, נאָך אַ יאָר אָפּגעשפּאָרט באַם פּריץ אַ קאַטשקע, נאָך אַ יאָר—אַ גאַנדז, ביז ער אַרבעט זיך אָפּ ניינטן יאָר אַרויף און דער פּריץ מאַכט אים חתונה, (זע נומ. 112). איז אין דעם ליד דאָ מער ערנסט, ווי שפּאַס. לערנען זיך אַרבעטן פון אַ בין—דאָס איז די העכסטע מדרגה: מאַכן זיס מיטן האָניק פון דער אַרבעט דאָס לעבן פונם מענטשן, (זע נומ. 140).

די אַרומיקע נאַטור אַפילו איז פאַרהילט מיט זאָרגן; אַליין די פייגעלען זינגען, ווי פאַרפאָלגטע, עלעגיש־אומעטיק, (זע נומ. 132).

רייסט זיך דער ליטווינער אַמאָל אַרויס פון זאָרג און גרויען לעבן און קומט צו דער שיינק, (זע נומ. 114, 116, 118, 125, 128). דאָס שטילע פויערים־פאָלק האָט אין דער געשיכטע פאַר די לעצטע הונדערט

יאָר אפילו אויפגעקומענע פארהערלאכטע גזלנים, וואָס האָבן זיך אָנגע־נומען פאר די אָרימע, (זע נומ. 124). זיינען אָבער בכלל בא די ליטווינער פאראן זייער ווייניק טרינק־לידער און וואוילערישע.

די וואוילערישע דיינעס זיינען דאָס רוב נאָר וואריאנטן פון על־טערע פארשפרייטע דיינעס.

בא די ליטווינער, ווי בא אנדערע פעלקער, באזירט זיך אָפטמאָל דאָס וואוילערישע פאָלקסליד נאָר אף ווערכן פארשפרייטן אויסרוף, וועמעס באטייט עס איז לאנג פארגעסן געוואָרן און עס איז נאָר גע־בליבן א קלאנג. אָט איז עס אינם „דאלי־דאָם, א־פא־פא", אָדער אינם „זשו־זשו־זשו־זשעמזשו", צי „איי, דזשים־דזשום", (זע נומ. 82, 128 און 133).

אָבער רעשטן זיינען נאָך דאָ פון די עלטערע צייטן, ווען מען האָט נאָך געהאט פרייע טאנץ־דיינעס, ווען מען האָט איינגעלאדן אליין די געטינס צום טאנץ, (זע נומ. 14).

זיינען פאראן מיינונגען, אז דאָס פאָלקס־ליד צעבליט זיך בא א פאָלק אין צייטן, ווען עס לעבט גליקלאך. די ליטווינער אָבער האָבן הונדערטער־הונדערטער יאָרן געלעבט אין עבדות און יאָך.

קענטיק, אז זינגען הערט ניט אויף א פאָלק אפילו אין די שווערסטע צייטן, נאָר אָפטער בלאנקט די טרער, מען זינגט אומעטיק און געצאַמט.

צום ערשטן ווערט די ליטווישע דיינע דערמאָנט אין דרייצנטן יאָרהונדערט.

דייטשישע און פוילישע היסטאָריאָגראפן פלעגן אָנווייזן אף די האַרטנעקיקע עקשנות פון די געצנדינער־ליטווינער, וואָס שטרייטן קעגן די שכנ'ישע קריסטן, וואָס ווילן פארנעמען ליטע. זיי ברייינגען דערביי, אז די ליטווינער באקלאָגן זייערע געפאַלענע מיט יאָמערדיקע געזאַנגען.

די ערשטע געפונענע שריפטלאכע ליטווישע פארצייכענונג, בריינ־גען אנדערע, איז אף א גורט, וואָס זאָל געהערן צום 1512טן יאָר— דאָס איז אן אכט־שורה'דיקע אויסגעהאָפטענע דיינע, (זע נומ. 67).

אין 1747טן יאָר האָט דער פּאַסטאָר רוהיג פארעפנטלאכט אין דייטשלאנד די ערשטע דריי דיינעס בא זיינע „באטראכטונגען וועגן דער ליטווישער שפראך", וואָס ער האָט ארויסגעגעבן אין דייטש אינ־איינעם מיט א ליטוויש־דייטשישן און דייטשיש־ליטווישן ווערטער־בוך; ער האָט געבראכט די דיינעס אין ליטווישן אָריגינאל און אין א

ווערטלאך־פּראָזאאישער דייטשישער איבערזעצונג. דאָס זיינען די ער־שטע דריי געדרוקטע דיינעס, (זע נומערן 29, 63, 70).

בנוגע דער ליטווישער שפּראך באמערקט רוהיג: „ווארשיינלאך וועט אנדערן זיין פּארדראָסיק, וואָס מען וויל צושרייבן צירליכקייט אזא ניט קולטיווירטער און פּאראכטעטער שפּראך, ווי ס׳איז ליטוויש". בנוגע די געבראכטע דריי דיינעס איז רוהיג נאָך עניוות׳דיקער: „עס וואָלט אודאי ניט אָנגעשטאנען,—שרייבט ער,—דאָ צו ברייגנען אזוינע שטות׳ערייען, ווען מען וואָלט פון אָט די געזאנגען ניט קענען דער־לערנען וואָסערע ניט איז שפּראך־אידיאָמאטיזמען".

צופעליק קומט אין 1759טן יאָר רוהיג׳ס ווערק צו דער האַנט דעם גרויסן דייטשישן דראמאטורג און קריטיקער לעסינג און די דריי דיינעס מאכן אף אים א וואונדערלאכן רושם.

אָט איז א שטעל פון זיינע „ליטעראַרישע בריוו":

„ניט לאנג צוריק האָב איך געבלעטערט רוהיג׳ס ליטווישן ווערטער־בוך, און צום סוף פון די געבראכטע „באטראכטונגען" האָב איך גע־טראָפן א זעלטנהייט, וואָס האָט מיך אומענדלאך דערפרייט. אייניקע ליטווישע דיינעס, אָדער לידלאך, וואָס ווערן געזונגען פונם אָרימן דאָרפס־מיידל. וועלכער נאַאיווער וויץ, וועלכער רייצנדער איינפאל! מען קען דערפון לערנען, אז אונטער יעדן הימלשטריך קענען דיכטער ווערן געבאָרן און אז די לעבהאפטע עמפּפינדונג איז ניט קיין פּאָר־רעכט פון די מער־אנטוויקלטע פעלקער".

אין 1779טן יאָר פארעפנטלאכט דער באקאנטער דייטשישער דיכ־טער הערדער אין זיינע „שטימען פון פעלקער אין לידער" אכט ליט־ווישע דיינעס, איבערזעצט אין דייטש, צווישן זיי איינע פון רוהיג׳ס. אין 1785טן יאָר האָט דער גרעסטער דייטשישער דיכטער געטע, באאיינפלוסט פון הערדערן, די אייגענע רוהיג׳שע דיינע, (זע נומ 63), אויסגענוצט פאר אן אָנהויב צו זיין זינג־שפּיל „די פישערין".

געטע׳ס באַגייסטערונג פאר דער ליטווישער דיינע איז ניט גע־ווען קיין צופעליקייט. אין 40 יאָר ארום, אז דר. רעזא האָט אין קעניגסבערג פארעפנטלאכט 85 דיינעס מיט א דייטשישער איבער־זעצונג, האָט זיך געטע אָפּגערופן וועגן דער זאמלונג זייער ווארעם. ער הויבט אָן דעם אָפּרוף מיט די ווערטער: „דורך דער זאמלונג איז ווידער א מאָל מיינער א וואונטש מקוים געוואָרן!"

רעזא׳ס זאמלונג איז אין דער דייטשישער געזעלשאפט גוט אויפ־גענומען געוואָרן און ערשט דעמאָלט האָט די ליטווישע אינטעליגענץ אָנגעהויבן אראָפּצוקוקן אף דער פאָלקס־דיינע. פריער די פּאר־

דייטשישטע ליטווישע אינטעליגענץ פון דער פרייסישער ליטע, דערנאָך די פארפוילישטע ליטווישע אינטעליגענץ. מען הויבט אויך אָן זאמ־לען דיינע־מעלאָדיעס.

אין 1829 גייט ארויס אין ווילנע דאָס ערשטע קליינטשינקע דיינעס־זאמלונג אין ליטוויש פאר ליטווינער „30 זאמעטער דיינעס". אין 1844טן יאָר גייט ארויס א זאמלונג מיט א פויליישער איבערזעצונג פון 51 דיינעס.

דאָס דיינעס־זאמלעניש האָט זיך מער ניט אָפּגעשטעלט—אפילו אין די שווערסטע צארישע צייטן, ווען מען האָט נאָכן פוילישן אויפ־שטאנד פון 1863טן יאָר, אַף גאנצע 40 יאָר איינגאנצן פארבאָטן צו דרוקן ליטוויש.

פון 1864 ביז 1904 איז דאָס ליטווישע וואָרט געווען אין רוס־לאנד פארבאָטן צו דרוקן. גאנצע פערציק יאָר! זאָגן די ליטווינער: „די ציינער פון דער צייט זיינען שארף, די צייט וועט אויך א פעל צעגריזשען". און די ליטווינער האָבן אלץ געהאָפּט און עקשנות'דיק זיך געהאלטן אָן זייער שפּראך. דער דאָרפישער דרדקי־מלמד איז אויפגעקומען. ער פלעגט עסן אלע וואָך בא אן אנדער פויער, לער־נענדיק געהיים די דאָרפישע קינדער דאָס פארבאָטענע ליטוויש. ביז דער אוריאדניק פלעגט אויפדעקן דעם טריף־פסול'דיקן מלמד און ער פלעגט זיך לאָזן גיין צו א צווייטן דאָרף.

דרוקן עפּעס מיט ליטווישע אותיות האָט מען ניט געטאָרט, אפילו געבעט־ביכער, און מען פלעגט זיי ארייַנשמוגלען פון אויסלאנד. זשאנדאַרן פלעגן ארומרינגלען קירכן און אָפּנעמען בא די ליטווינער די געבעט־ביכער.

די דיינע איז אָבער געזונגען געוואָרן ניט נאָר אין די שטיבער. מען פלעגט פארבאָרגענערהייט זיך אויפזאמלען אין שייערן און וועל־דער צום דיינעס־געזאנג און טאנץ.

אָבער אפילו אין אָט דער צייט האָבן זיך געפונען זייער אייפער־דיקע דיינעס־זאמלער. אליין די ברידער יושקא האָבן אויפגעזאמלט טויזנטער דיינעס. מיט דער הילף פונם פּראָפעסאָר באָדואן־דע־קור־טענע, וואָס איז באקאנט אין מזרח־אייראָפּע ניט נאָר אלס גרויסער שפּראכן־פאָרשער, נאָר אויך אלס קעמפער פאר רעכט פון שפּראכן, האָט זיך די ברידער יושקא איינגעגעבן צו אָפּדרוקן אין די יאָרן 1880־1883 ביים קאזיאנער אוניווערזיטעט, אלס א ביילאגע צו די „וויסנשאפטלאכע אוניווערזיטעט־שריפטן", 4 בענדער מיט 2,669 דיינעס.

באָרוען־דע־קורטענע האָט שפּעטער ארויסגעגעבן א באנד דיינע־מעלאָדיעס.

פיל זאמלונגען זיינען דערשינען, דער עיקר אין פּרייסן, וואו דרוקן ליטוויש האָט מען געקענט פראנק און פריי.

אין דער איצטיקער ליטע, זייט דעם 1918טן יאָר, ווען זי האָט באקומען איר אומאָפּהענגיקייט, האָט פּראָפעסאָר מיקאלאס ביר־זשישקא ארויסגעלאָזט עטלאכע דיינעס־זאמלונגען, צוגעפּאסט פאר שולן.

טויזנטער געזאמלטע ניט פארעפנטלאכטע דיינעס געפינען זיך אין ליטע, ווי אויך אין קעניגסבערג, ווילנע און אנדערשוואו.

ביז איצט זיינען פארעפנטלאכט אן ערך זיבן און א האלב טויזנט דיינעס, אריינגערעכנט ווואריאנטן און איבער׳חזר׳ונגען. א דריי טויזנט, אויך מיט איבער׳חזר׳ונגען און וואריאנטן, זיינען פארעפנט־לאכט דיינע־מעלאָדיעס.

מען מוז אָבער צוגעבן, אז דאָס רוב זאמלונגען זיינען ניט סיס־טעמאטיזירט, מיט א פארעלטערטער אָרטאָגראפיע און כמעט ניט צו באקומען. אין ליטע גרייט מען זיך ערשט צו א פולקומענער אקאדע־מישער דיינעס־אויסגאבע.

אונז אידן, וואָס וואוינען לאנגע יאָרהונדערטער אין ליטע, מוז אויפקומען די שאלה, צי זיינען פאראן דיינעס וועגן אידן.

א זעקס טויזנט דיינעס, אלע וויכטיקסטע און פולסטע זאמלונגען, האָב איך דורכגעשטודירט און האָב נאָר א פּאָר צענדליק אָנגעציילט, וואו עס דערמאָנט זיך א איד.

אין דער אַלטער היידנישער דיינע איז ניטאָ פון אידן קיין שפּור. אין די שפּעטערדיקע ווערן אידן יאָ דערמאָנט, אָבער... דאָ מוז די פראגע באהאנדלט ווערן אין אן אנדער פלאך. אין א פאָלקסליד זאָל פאָלק צו פאָלק און לאנד צו לאנד זיך באציען צארט און פריינטלאך, דאָס איז בכלל נאָך מוזיק פון דער ווייטער צוקונפט, און פאָלקסלידער שטעקן אין עבר.

זינגט דער ליטווין, בא וועמען עס ווערט אזוי אָפט אפן פעלד צעפּוילט די תבואה פון די שפּעטיקע רעגנס, אז די וואָלקן זאָלן גיין צו פּרייסנלאנד, אין ליטע זאָל שיינען מאַמעלע־זונעלע. (זע נום. 15).

דארף מען נאָך געדיינקען, אז ניט איטלאך אנאָנים לידל קען ווערן פאררעכנט פאר א פאָלקסליד. א פאָלקסליד קען נאָר דעמאָלט פאר־רעכנט ווערן פאר עכט, ווען עס איז צעצווייגט אין וואריאנטן, ווערט

געזונגען אין פארשיידענע מקומות, ווערט דורך דורות געלייטערט און מיטגעדיכטעט און ווערט אן אמת׳דיקע קאלעקטיוויסטישע שאפונג.

דער דאזיקער כלל איז אויך גילטיק פאר דער דיינע. מען דארף נאך צוגעבן, אז דאס גרויסע רוב דיינעס איז פרויענדיכטונג. אויב מיר טרעטן צו מיט דעם קריטעריום, האבן מיר כמעט גארניט קיין ליטווישע דיינעס וועגן אידן. די ליטווינערין האט בכלל קיינמאל ניט געהאט פארוואס, חלילה, איבער אידן צו זינגען מיט גאל. איר ברודער אף מלחמה האט דער איד ניט אוועקגעריסן און אין געפאנגענשאפט ניט פארנומען. דאס ליטוויש מיידל האבן אידן ניט אוועקגערויבט, ווי עס זינגט זיך וועגן טאטערן און אנדערע, (זע נומ. 21, 25, 26). קיין אידישע איבערפאלנדיקע מחנות, ווי די אמאליקע קרייצטרעגער, צי שוועדן—צי ווער ניט?—זיינען ניט געווען, (זע נומ. 18, 19).

איז ניט געווען קיין אידיש פריציש זינדל, בא וועמען ס׳זאל זיך בעטן מיידלס מאמעלע: „פריציש זונדעלע, שיינער פריצ׳ל, גיב אפ מיין טאכטערס קרענצעלע”, (זע נומ. 42).

אידן ווערן דערמאנט אין גאר אלטע היסטארישע דאקומענטן פון ליטע. האט דער בארופענער געדימין, גרויספירשט פון ליטע אין די יארן 1316־1341, זיך געהאט געווענדעט צווישן אנדערן אויך צו די אידן, מען זאל אים העלפן בויען די נייע רעזידענץ־שטאט ווילנע. געדימין איז צו אידן געווען פריינטלאך און ער ווערט פארגליכן אין אידישע ספרים צו כרשן. אין 1388טן יאר באקומען די אידן פריווילעגיעס פון א צווייטן בארופענעם ליטווישן גרויספירשט—וויטאווטן.

זיינען דאך פון די אלע ליטווישע גרויספירשטן אליין כמעט ניטא קיין שפור אין דער דיינע, און מען קען ניט זוכן דעם אידן אין די דיינעס פון יענע צייטן.

וויים מען, אז מען האט די אידן געהאט אויפגעווארפן, אז זיי שטערן די ליטווינער אננעמען קריסטנטום. וויים מען נאך,—אין א סך שפעטערדיקע צייטן, אין 1769טן יאר, בשעת׳ן פויערים־אויפשטאנד אין ליטע,—האט מען באשולדיקט די אידן, אז זיי העלפן די פויערים. דער אנטיסעמיטיזם האט זיך באוויזן ווי א גיפטיקע שפראץ צווישן די ליטווינער א סך שפעטער. נאך דער פויערים־באפרייאונג, פארן רוסישן צאר אלעקסאנדער דעם צווייטן, נאכן 1863טן יאר, האבן אנדערע ליטווישע גלחים געוואלט פארזען, אז דער צאר האט איבערגעלאזט די ערד און די וועלדער צו דער מלוכה, פריצים און צארישע משרתים, און דערפאר איז דער פויער אזוי ארים. מען האט אנגעהויבן ראטעווען די פויערים מיט גאטספארכטיקייט און

ניכטערקייט און אָנגעהויבן העצן קעגן אידישע שיינקערס און הענדלער. זיינען טאַקע פאַרבליבן וואו ניט וואו אזוינע הפקר׳דיק־וואוילערישע און אָפּלאַכערישע דיינעס קעגן אידן, טאקע פארשריבענע אין די זיבע־ציקסטע יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. ס׳איז אָבער ניט צו מערקן אפילו אין די דאָזיקע דיינעס קיין שפּור פון אן איינגעפונדרעוועטער עקאָנאָמישער אָדער פּאָליטישער שנאה צו אידן.

ווי געזאָגט, דאָמינירט אין די דיינעס די פרויען־דיכטונג און הפקר׳דיק־וואוילערישע, ווי אויך שיינק־דיינעס, זיינען פאראן אין א נישטיקער צאָל.

די איינציקע אָפּגעריסענע דיינעס וועגן אידן, זיינען גיכער מע־נערישע דיכטונג, וואוילעריש געגראַמט, אויבערפלעכלאך און אָן וואריאנטן. קיין אַלטע עכטע דיינעס (פון אייגנארטיקע מעלאָדיעס צו זיי איז אָפּגערעדט), זיינען וועגן אידן ניט בנמצא.

טרעפט אָט א דיינע, וואו מען שטעלט אמאָל אריין דעם ליטווישן נאָמען „יורגיס״, אמאָל—דעם דייטשישן „האַנס״ און אמאָל גאָר דעם אידישן—„יאָסל״, (זע נומ. 121). טרעפט אויך א שפּאַסיקע נאַאיוו־ברוטאלע דיינע, געזונגען פון א פרוי, וואו ס׳ווערט דעמאָנט א איד, (זע נומ. 120).

לאָזן זיך דערביי מאכן השערות... וואָלטן גאָר אמאָל בא ליטווינער געווען אידן־פיינטלאכע אָדער אידן־אָפּשפּעטערישע דיינעס, וואָלטן די אַלע קאַטויליש־קאַלוויניש־פּראָטעסטאנטישע קריסטן־פריידיקער, וואָס האָבן אזוי פיל אַלט־ליטווישע דיינעס פארטיליגט, דווקא די אידן־פיינטלאכע, אפשר, איינגעהיט.

א צווייטע השערה: זיינען די פריערדיקע דיינעס־זאַמלער אַלע גע־ווען פאָרגעשריטענע פאָלקס־אינטעליגענטן, און ליטע איז געווען אזוי פאַריאָכט, אז ניט צום הארצן איז געווען, אפשר, צו פארצייכענען, פאַראייביקן דיינעס מיט א גרעבלאך־געפעלשטן ביי׳טעם, וואָס באליי־דיקן א שכנ׳יש אונטערדריקט פאָלק, ווי עס זיינען געווען די אידן.

אויב אמונה, עקאָנאָמישע סיבות און פּאָליטישער דרוק רייסן אָפּט פיינטלאך און אָפּשפּעטעריש פאנאנדער די וואָרט־טעקסטן פון שכנ׳ישע פאָלקסלידער, האָבן זיי דערפאר כמעט גאָר קיין שליטה ניט אף די פאָלקס־נגונים.

דאָס פאָלקסליד, ווי אויך זיין נגונ׳דל, פורעמען זיך און שפּאַלטן זיך אף וואַריאַנטן. דאָס נגונ׳דל אָבער פליסט אומבאמערקבאר פון פאָלק צו פאָלק, לייגט זיך בא פאָלק מיט פאָלק אויף, גלייך די פליגלען

פון א פרידנס־טויב. געוויינטלאך, נעמט איטלאך פאלק אויף דאס נגונ׳דל אייגנארטיק, ניט אים צו זיין שטיינגער. שטאמען אפט אפ די הייליק־סטע פאלקס־ניגונים פון א דערבייאיק פאלק. געגוג דער אנווייז— אונזערע חזנ׳ישע וואלעכלאך, וואס שטאמען פון וואלאכיען. שטאמט דאך אפ אונזער ניגון פון „לכה דודי״ פון א פוילישן טאנץ־געזאנג פון דרייצנטן יארהונדערט. די דיינע־מעלאדיעס האבן אודאי געהאט אן איינפלוס אפן אידישן פאלקסליד אין ליטע, און די זמרלאך מיט די נגונ׳דלאך פון אידישע קאראבעלניקעס, קרעטשמערס און ישוב׳שע חתונות האבן זיכער אויך געהאט זייער איינפלוס אף די דיינע־מע־לאדיעס.

אפשאצן די געמיינזאמע ווירקונג פון דער ליטווישער דיינע און אידישן פאלקסליד מוז מען מיט גרוים פארזיכט. מען מוז האבן אין באטראכט דאס פאלקסליד פון אלע ארומיקע פעלקער און אלעמעס געמיינזאמקייט. ניט נאר אין ניגון געפינט מען געמיינזאמקייט בא פאלק מיט פאלק, נאר אויך אינם פערזנבוי און אינהאלט.

אזוינע דיינעס, וואו מען רעכנט אוים פארן מיידל כל׳ערלייאיקע חתנים, (זע נומ. 108), צי די קינדרישע דיינע „מאן״, (זע נומ. 111), די רעטענישן־דיינעס, (זע נומ. 129־130), וואו מען פרואווט אוים דעם שכל פונם מיידל, אדער די דיינעס, אין וועלכע ס׳בעט זיך דאס בהור׳ל אז דאס מיידל זאל אים ארייננלאזן, (זע נומ. 37 און 38), צי די דיינעס וועגן וואלף און ציגעלע, (זע נומ. 133, 134), און אנדערע— צו די אלע קען מען געפינען ענלאכקייט אויך אין זייער פארשפרייטע אידישע פאלקסלידער. זיינען בכלל פאראן פון אלטע צייטן אן גע־מיינזאמע טעמעס פונם פאלקסליד בא פאלק און פעלקער און ס׳איז ניט קיין חידוש, וואס אזוינע געפינען זיך סיי בא ליטווינער, סיי בא אידן.

די אומצאליקע ליבלינגס און פארקלענערונגס־פארמען פון דער ליט־ווישער דיינע, האבן אודאי אויך באאיינפלוסט דאס פאלקסליד פונם ליטווישן אידן. איז אבער מערקווירדיק, וואס איבערפולט מיט פאר־קלענערונגס־ליבלאכע פארמען זיינען נאר די אידישע ווינגלידער, אבער בא די ליטווינער זיינען וויגלידער דווקא פאראן גאר א קליינע צאל. די פארשקלאפטע ליטווינערין, טוענדיק אירע שווערע היים־ און פעלד־ארבעט האט ניט געהאט קיין צייט צו פארוויגן איר קינד מיט וויג־לידער. אוועקלייגנדיק דאס קינד אונטער א בוים, בעט זי נאר, אז דאס ווינטעלע זאל בלאזן פאוואלינקע, (זע נומ. 101).

איך ברייננג אוראי א קליינעם טייל פון די דיינעם, וואָס וואָלטן ראוי זיין צו פארעפנטלאכט ווערן אין אידיש. בשעת מען פאר־עפנטלאכט אייגענעם פאָלקלאָר איז אָן סכנה, אויב צווישן די גאָלד־קערנדלאך קומט אריין זאמד. דער געזונטער פאָלקס־חוש וועט זיכער די גאָלד־קערנדלאך ארויסבאקומען. באם איבערטראָגן דעם פאָלקלאָר פון א צווייטן פאָלק, מוז מען דעם זאמד איינגאנצן אָפּוואַרפן, כדי ניט צו פארמישן אונזער פאָרשטעלונג וועגן פרעמדן פאָלק.

איך האָב געזוכט צו איבערזעצן די מער־עכטע און עלטערע דיינעס און כמעט איינגאנצן אויסגעלאָזט וואריאנטן.

באם איבערזעצן פון ליטוויש פארשאפן שוועריקייטן די אלטער־טימלאך־אָפּגעקירצטע גראמאטיקאלישע פאָרמען און ספּעציפישע אייגנ־ארטיקייטן. אין ליטוויש איז, דהיינו, דער אדיעקטיוו, ווען ער באַ־ציט זיך צו פארשיידענע קעגנשטאנדן, אויסגעדריקט מיט פארשיידענע ווערטער. למשל: „א גרויער מענטש", „א גרוי פערד", „א גרויע קו" און א „גרויער גארניטער",—בא די דאָזיקע פיר קעגנשטאנדן ווערט דער אדיעקטיוו „גרוי" אויסגעדריקט מיט פיר פארשיידענע ווערטער. נאָך מוז ווערן אָנגעוויזן אפן אומגעהויערן שלל ליבלינגס און פאר־קלענערונג־פאָרמען, וואָס לאָזן זיך באין אופן ניט איבערגעבן אין אן אנדער שפראך.

אין ליטוויש איז אגב אין אלע פארקלענערונגס און ליבלאכע פאָר־מען דער טראָפּ אפן פאָרלעצטן טראף. אין אידיש אָבער באקומט אָפּטמאָל די ליבלינג און פארקלענערונג־פאָרם א פארעכטלאכן בייטעם, אויב דער טראָפּ איז אף דעם פאָרלעצטן טראף; פעלד—פעלדל, טייך—טייכל, בוים—ביימל. אין אידיש האָבן ס'רוב פארקלענערונגס און ליבלאכע פאָרמען דעם טראָפּ אף דעם פאָר־פאָר־לעצטן טראף: פעלד—פע'ל־דע־לע, טייך—טיי'־כע־לע, בוים—ביי'־מע־לע.

זייער א סך דיינע־שורות ענדיקן זיך מיט א ליבלינג אָדער פאר־קלענערונג־זאכוואָרט. אין דער אידישלאכער ליבלינג־פארקלענערונגס ענדונג איז דער טראָפּ אף דעם פאָר־פאָר־לעצטן טראף, הגם אין ליט־וויש איז, ווי דערמאָנט, דער טראָפּ אין די אלע פאלן אפן פאָר־לעצטן טראף. אין דער אידישער איבערזעצונג איז, פארשטענדלאך, אין אזוינע שורות צוגעקומען נאָך א טראף.

אויך די אדיעקטיוון זיינען אין אידיש און אין ליטוויש פארשיידן געבוים. אידיש איז רייך אין פארקלענערונגס־ליבלאכע אדיעקטיוון און איך האָב מיט זיי ערטערווייז קאָמפּענסירט די זאכווערטער, וואָס לאָזן זיך אין אידיש ניט פארקלענערן, אָדער ווערן צו זיס. אָנשטאָט

„גרינע רוטעלאך" איבערגעזעצט גרינינקע רוטן, אנשטאט „נאכטיגאל־כעלע"—נאכטיגאל קליינינקע.

ליטוויש האט אבער נאך א ספעציפישן אנווייזונג־אדיעקטיוו, וואס קלינגט אפט, ווי א פארצערטלונג און לאזט זיך ניט אין אידיש איבערגעבן.

ליטוויש האט אויך ניט קיין ארטיקל פאר זאכווערטער און איך האב געמוזט צוליבן ריטם אויסמיידן, וואו מעגלאך, דעם ארטיקל אין דער אידישער איבערזעצונג. אין ליטוויש זיינען ניטא קיין הילף־צייטווערטער פאר דער פארגאנגענער און קומענדיקער צייט. כדי ניט צו פארגרעסערן די צאל טראפן, האב איך אין אידיש אפטמאל געענדערט, וואו עס איז געווען דערלאזבאר, די פארגאנגענע צייט אף דער איצטיקער.

עס דארף אויך ווערן אנגעוויזן, אז דער טראפ איז בכלל אין דער דיינע וואקלדיק, און איך האב דעריבער פארבויגן די פעדאנטישקייט פון ריטם, צוגעגעבן אדער פארמינדערט א טראף אין א שורה, אבי ניט צו שעדיקן אן אייגנטימלאכן אויסדרוק אדער בילד.

א באַרימטער אידיש־רוסישער זשורנאליסט, פון צווייטן העלפט פון פאריקן יארהונדערט, א. ארשאנסקי, האט פארגעלייגט, מען זאל, כדי אויסצוואווארצלען פונם רוס די בלבולים אף אידן פון מכלומרשטער עשירות, גייציקייט און פארקויפטקייט, איבערזעצן די אידישע פאלקס־לידער, וואו עס זינגט זיך אזוי פיל פון ארימקייט און דחקות, פאמיליען־איבערגעבנקייט און טרייקייט. געווײנטלאך, קלינגען היינטיקע צייטן אזוינע אפאלאגעטישע מאטיוון פאר איבערזעצן פאלקסלידער אומ־ווירדיק און קינדיש. גענוג עסטעטישע און עטישע ווערטן פארמאגן פאלקסשאפונגען, זיי זאלן ראוי זיין צו ווערן איבערגעטראגן פון פאלק צו פאלק. און דאך... זאל אין דער איצטיקער גרוויליקער צייט פאר די אידן דאס פרעמד־איבערגעזעצטע פאלקסליד אין אידיש דינען אונז פאר א טרייסט, אז ריין און צארט איז דאס פאלקס־געפיל בא די שכנות'דיקע מענטשן. הערן מיר אין א שטוב זינגען, גלויבן מיר ניט, אז דארטן זאל זיין שלעכטס...

אידישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא

I.

מיטאָלאָגישע

1

באַגינען־שעה א חתונה,
דורך טויער רייט פּערקונאַס *),
דעם גרינעם דעמב צעשפּאַלט ער.

פון דעמב דאָס בלוט, האָט זידנדיק,
באַשפּריצט מיין רוטן־קרענצל,
באַשפּריצט מיר מיינע קליידער.

זונ׳ס טעכטערל האָט, וויינענדיק,
געלאָזט זיך דריי יאָר קלייבן
די בלעטעלאך פאַרוועלקטע.

—וואו זאָל איך, ליבע מאַמעלע,
די קליידער מיינע וואַשן,
און זיי פון בלוט אָפּוואַשן?

—מיין יונג, יונג טעכטערל,
דו גיי צו יענער אָזערע,
וואָס צעפּלייצט זיך אין ניין טייכעלאך.

—וואו זאָל איך, ליבע מאַמעלע,
די קליידער מיינע טריקענען,
אַף דער זון זיי טריקענען?

—מיין יונג, יונג טעכטערל,
אין יענעם גרינעם גערטל,
וואו רויזעלאך ניין וואַקסן.

—ווען זאָל איך, ליבע מאַמעלע,
די קליידער מיינע אָנטאָן,—
זיי ווייסינקע צעטראָגן?

—מיין יונג, יונג טעכטערל,
אין יענעם טאָג אין העלן,
ווען זונעלאך ניין שיינען.

---

*) גאָט פון דונער און בליץ.

2

לויפט אַף בערגל גערטין ליימע,*)
באַרוועס לויפט זי, רופט זי, שרייט זי:

—כ׳האָב פאַרקליבן זיך אַף בערגל,
זע איך שיפן זיך דריי פישער,—
דיונען־מענטשן,—איבער ימ׳עלע.
האָט איר ניט געזען מיין ברודערל
איבער הויכן ימ׳עלע?

—איי, דו ליליען־מיידעלע,
ליגט דיין ברודערל דערטרונקען
אפן דעק פון ימ׳עלע,
שווינקען כוואַליעס זיינע הערעלאך,
גריזשעט זאַמד זיין פנימ׳ל.

—דיונען־מענטשן, שכנים ליבע,
וועט איר ברודערל ארויסציען
פונם אָפּגרונט ימ׳עלעס?

—פאַרן ארויסציען וואָס גיסטו אונז?

—איינעם גיב איך זיידן גאַרטעלע,
דעם צווייטן גיב איך גילדן רינגעלע,
און דעם דריטן, וואָס צו געבן?
וועל מיט אים אליין באַדינגען,—
מיטן יונגען רודערער:
רודערער, דו קלוגער מאַנסביל,
לערן גוט דאָס שיף דיינס פירן,
פירן נאָכן ווינט און ווינט אַנטקעגן.

*) געטין פון גליק.

3

ליפּע-ביימער דריי באַם טייכל,—
אַלע וואַקסן פון איין וואָרצל,—
מיידעלאך דריי אָנגעקומען
פאַרן טייכל צו די ליפּעס.

שוועסטער צוויי די צווייגעלאך
אָנגעהאַלטן און אַריבער,
און די לעצטע אויסגעגליטשט זיך—
איז אין טייכעלע געפאַלן.

האַלט ניט טייכעלע דאָס מיידעלע,
האָט׳ס פאַרטראָגן אַזש צום ניעמאַן-טייך,
האַלט ניט ניעמאַן-טייך דאָס מיידעלע,—
האָט׳ס פאַרטראָגן אַזש צום ים׳עלע.

האַלט ניט ים׳עלע דאָס מיידעלע
און פאַרטראָגט׳ס אַף ברעג אַף זאַמדיקן:
וואַקסט דאָרט אויס א גרינע ליפּע,
וואָס צעוואַקסט זיך אין ניין צווייגן.

גייט דער ברודער פייפלאך שניידן
פון דער גרינער ליפּעס צווייגן.
—אוי, ווי שיין עס קלינגט מיין פייפל,
מיט אַן אומעטיקן אָפּהילך.

ענטפערט מאַמעלע אין טרערן:
—ניט פון ליפּע-בוים דער אָפּהילך,—
ס׳רופט דיין שוועסטערלס נשמה,
איבער וואַסערל שווימנדיק.

4

פאַרביי מיין טאַטנס טייערן
איז דאָ א טיפע אָזערע.

עס שווימען דאָרט צוויי קאַטשקעלאך,
זיי שווימען אום און שרייען.

ניין, ניט קיין שוואַרצע קאטשקעלאך—
דאָס זיינען ווייסע ברידערלאך.

„קום האָרכן ביידע, ברודערל,
וואָס זאָגט ער, אונזער טאַטעלע?

ער האָט פערדלאך צוויי אונז צוגעזאָגט
און זאַטעלאך צוויי לעדערנע.

געוועלט אונז ווייט ארויסלאָזן,
אהינטער פינצטערע וועלדעלאך.

מיר זאָלן דאָרט אָפט וויינען
און זעלטן לידער זינגען.

דאָרט ניטאָ קיין שיינע מיידעלאך,
פאר לידער ניט קיין ערטערלאך.

בא אונז די שיינע מיידעלאך,
בא אונז פאר לידער ערטערלאך.״

5

איך רייט דעם בריק דורך,
גליטש אוים פון פערד זיך,—
איך פאַל אין בלאָטע.

איך ליג דאָרט אָפּ׳עט
דריי גאַנצע וואָכן—
מיך מערקט ניט קיינער.

נאָר אָט־אָ פליען
אין שוואַרצער נאַכט
דריי געשפּריינקלטע קוקאַווקעס.

עס שרייט די ערשטע
בא מיר צופוסן,
די צווייטע שרייט צוקאָפּן,

און זי, די דריטע,
געשפּריינקלטע קוקאווקע,
שרייט מיר לעבן האַרצן:

—די פרוי—צופוסן,
די שוועסטער—צוקאָפּן,
באם האַרץ—די מאַמע.

די פרוי באקלאָגן
וועט דיך דריי וואָכן,
דריי יאָר—די שוועסטער.

די גוטע מאַמע,
וואָס האָט דיך געבאָרן,
ווי לאַנג זי׳ט לעבן.

די פרוי באגלייט דיך
דעם פעלד אריבער,
די שוועסטער—ביזן טיפלע.

די גוטע מאַמע,
וואָס האָט דיך געבאָרן—
גייט מיט ביז׳ן בית-עלמין.

6

ליב זונעלע, גאָטס-טעכטערל,
וואַו האָסטו פאַרהאַלטן זיך,
וואו געוועזן אַזוי לאַנג,
גאָר פארלאָזן אונז?

—אַהינטער ימים, בערג,
יתומות אָפּגעהיט,
פאַסטוכער דערוואַרעמט:
האָב אַ סך מתנה׳לאך.

—ליב זונעלע, גאָטס-טעכטערל,
ווער האָט פרימאָרגן און אין אָוונט—
דיר פייערל געצונדן,
דיר אויסגעבעט דאָס בעטעלע?

—מאָרגנשטערן, אָוונטשטערן:
מאָרגנשטערן—פייערל,
אָוונטשטערן—בעטעלע,—
האָב איך א סך קרובימ׳לאך.

7

אוי, נעכטן שפּעט אין אָוונט
פאַרבלאָנדזשעט האָט א שעפּסל,
ווער וועט מיר העלפן זוכן
מיין איינציק, איינציק שעפּסל?

איך גיי צום מאָרגנשטערן,
דער מאָרגנשטערן ענטפערט:
—פאר זונעלע פרימאָרגן
א פייערל מוז איך צינדן.

איך גיי צום אָוונטשטערן,
דער אָוונטשטערן ענטפערט:
—איך מוז דער זון אין אָוונט
ס׳געלעגערל אויסבעטן.

צו לבנה׳לע נאָך גיי איך,
עס ענטפערט די לבנה:
—פון שווערד בין איך צעשניטן
און טרויעריק איז מיין פּנים.

בין צו דער זון געקומען,
און זונעלע האָט געענטפערט:
—ניין טעג, אוי, וועל איך זוכן,
דעם צענטן—אויך ניט רוען.

8

לבנה׳לע און זונעלע
פאר׳קנס׳ט אין פריען פרילינג.
באגינען גייט אויף זונעלע,
לבנה׳לע טיילט אָפּ זיך.

לבנה׳לע אליין שפּאַצירט,
קריגט ליב דעם אָוונטשטערן.
פערקונאס אין גרויס צאָרן
צעהאַקט מיט שווערד לבנה׳לע *).

למאַי עס טיילט זיך פון דער זון אָפּ,
אַליין באַנאַכט שפּאַצירט,
פאַרליבט אין אָוונטשטערן?—
ס׳פאַרפילט זיין האַרץ אן אומעט.

*) לבנה איז אין ליטוויש מענלאכער מין.

9

אוי, שלאָפן, שלאָפן,—
אַף שלאָף, אוי, בעט איך,—
אז איך זאָל איינשלאָפן
א קליינע ווײַלע.

ווען איך זאָל איינשלאָפן
א קליינע ווײַלע,
וואָלט איך פאַרוואַנדלט זיך
אין א קוקאַווקע.

וואָלט איך פארוואנדלט זיך
אין א קוקאַווקע:
„קו־קו!"—פרימאָרגן,
„קו־קו!"—אין אָוונט.

עס גייט א בחור'ל
אַף גרינעם הויפל,
נאָר ער פאַרשטייט ניט,
ווער איז דער פויגל.

עס איז דאָס קול'כל,
ווי פון א מיידעלע,
נאָר פעדערלאַך געשפּרייקלטע
פון א קוקאַווקע.

—גיי, גיי, דו מיידעלע,
גיי, גיי, דו יונגינקע,
פאַרפראָרן דיינע
הענטלאַך, פיסעלאַך.

איז אויסגעבלייכט
דיין קלאָר פּנימ׳ל,
פארגאנגגען זונעלע
אין פרימאָרגן העלן.

וועל דיר דערוואַרעמען
די הענטלאַך, פיסעלאך,
וועל ווידער אָפּלעבן
דיין קלאָר פּנימ׳ל.

10

אין דער מיט פון טייכן, ימימ׳לאך,
שטייט א הויך, הויך בערגעלע,
אַף דעם באַרג, דעם בערגעלע
גרינט א דעמבעלע.

—וועסט זיך, דעמבעלע, פאַרוואַנדלען
אין מיין טאַטעלען?
דיינע גרינע צווייגעלאך—
זיינע ווייסע הענטעלאך?

דיינע גרינע בלעטעלאך—
זיינע ליבע ריידעלאך?—
ניט פאַרוואַנדלט האָט זיך ס׳דעמבעלע
אין מיין טאַטעלען.

זיינע גרינע צווייגעלאך—
ניט אַף ווייסע הענטעלאך,
זיינע גרינע בלעטעלאך—
ניט אַף זיסע ריידעלאך.

11

אונטער קליאַן-בוים שלאָגט אַ קוואַלכל,
קומען דאָרט גאָטס זינדעלאַך,
קומען טאַנצן פאַר לבנה׳לע
מיט גאָטס שיינע טעכטערלאַך.

אונטער קליאַן-בוים פארן קוואַלכל,
גיי איך שווינקען מיילכל,—
שווינקנדיק דאָס מיילכעלע,
פאַלט אַראָפּ מיין רינגעלע.

וועלן אָנקומען גאָטס זינדעלאך
מיט די נעצן זיידענע
און ארויסציען מיין רינגעלע
פונם טיפן וואַסערל.

אָנגעריטן א יונג בחור׳ל
אַף אַ טונקל פערדעלע,
און באם פערדל טונקל-ברוינינקן
פּאָדקעוועלאך גאָלדענע.

—קום אַהער, דו מיידעלע,
קום אַהער, דו יונגינקע,
מיר׳ן ריידן זיסע ריידעלאך,
טרעפנישן צוטראַכטן:

וואו עס שלאָגט דער שטראָם צום טיפסטן,
און פון אַלץ, וואָס ליב—איז ליבער?
—ניין איך קאָן ניט, יונגינקער,
שרייען וועט מיין מאַמעלע.

שרייען וועט מיין אַלטיטשקע,
אז איך וועל זיך זאַמען.
—דו וועסט זאָגן, מיידעלע,
דו וועסט זאָגן, יונגינקע:

שוואַנען צוויי דאָ אָנגעפלויגן
און צעמישט מיט זאַמד דאָס וואַסערל,—
האָסט געוואַרט, ס'זאָל אויסקלאָרן.
—איז ניט אמת, טעכטערל,

איז ניט אמת, יונגינקע,
האָסט גערעדט מיט בחור'ל,
האָסט פאַרבראַכט מיט יונגינקן
אין זיס-ליבע ריידעלאך.

12

בליט גאָטס ביימעלע,
גרינסטו, ביימעלע,
צווישן רוטן,
אינם גערטנדל.

האָט געבלאָזן
צפון-ווינטעלע,
ברעכט אָפּ צווייגעלע
פון גאָטס ביימעלע.

קומט אָן רייטנדיק
א יונג בחור'ל,
האָט ער פרייגעלאָזט
זיין ברוין פערדעלע.

דאָס ברוין פערדעלע
טרעט די רוטן אוים,
און דאָס בחור'ל
קושט דאָס מיידעלע.

פיר אָפּ פערדעלע
פונם גערטנדל,
און דאָס בחור'ל
פונם מיידעלע.

13

(בחור׳ס געזאַנג)

אײ, דו שלאַנג, דו שליינגעלע,
פון די געטער שליח׳ל,
פיר מיך צו דעם בערגל,
צו דעם ליבן געטעלע,—
ער זאָל מיידעלע מיר געבן,
מיין מתנה אָננעמען.

(מיידלס געזאַנג)

אײ, דו דעמב, יונג דעמבעלע,
ביימעלע דו גרין,
הודזשעסטו, איי הודזשעסט
אינם פינצטער וועלדעלע.

דו פאַרטראָג מיין קומער
צו מיין ליבן געטעלע,
ער׳ט מיר געבן חתנ׳דל,
הערצעלע באַרואיקן.

∾ ∾ ∾

14

די האַק

(שפּיל)

לאָמיר טאַנצן, לאָמיר שפּרינגען—
היינט די רעכטע צייט.

ווער היינט טאַנצט און הוליעט,
דער איז אונזער פריינט.

אַלע עלטסטע פון די געטינס
בעטן מיר—אהער!

וועלן אונז די געטינס העלפן—
מאָרגן, נאָר ניט היינט.

היינט געטרונקען און געהוליעט—
היינט איז אונזער צייט.

און אַף מאָרגן ווער קאָן וויסן,
ווער וואוהין פאַרשווינדט.

מיידעלע העל־האָריקע,
איינעם פון אונז קלויב.

אינם בחור׳ל דעם פלינקסטן
מיטן העקל טרעף, מיטן העקל טרעף!
אוי, אוי, מיטן העקל טרעף!

15

טרייב, ווינטעלע,
דעם רעגנדל—
אוועק פון אונז,
אוועק פון אונז.

גענוג געליטן
פון רעגנדל,
זאָל קומען זונעלע,
מאַמע־זונעלע!

שוועבט, וואָלקנדלאך,
וואָלקן שווארצינקע,
צו פרייסנלאנד,
צו פרייסנלאנד.

מאַמע־זונעלע,
דערבארעם זיך
אַף אונז אָרימע,
מאַמע־זונעלע.

ס׳צעשפּרייט דער נעבל זיך
אַף פעלדל־פעלדעלע,
ס׳באַקט היים זונעלע,
צעווארעמט טאָגעלע.

זונעלע־מאַמעלע,
האָט דערבארעמט זיך,
אַף אונז אָרימע,
מאַמע־זונעלע.

16

זונעלע־מאַמעלע
צו אונזער לאַנד,
צו אונזער לאַנד.

וואָלקנדל־טאַטעלע,
ניט צו אונזער לאַנד,
ניט צו אונזער לאַנד.

אָט־אָ אין פּרייסנלאַנד
איז באַרג און אַקער־פעלד,
גלייך זאַמד צע׳שרפ׳עטער.

די פעלדער אונזערע,
פון איבער בערגעלאַך—
צעפלייצטע טייכעלאַך.

זונעלע־מאַמעלע,
צו אונזער לאַנד,
צו אונזער לאַנד.

וואָלקנדל־טאַטעלע,
ניט צו אונזער לאַנד,
ניט צו אונזער לאַנד.

17

דו בעקעלע שוואַרצבערדלדיקס,
וואַקס, וואַקס, וואַקס!
איי, אונזער געטל וואַרט אַף דיר—
וואַרט, וואַרט, וואַרט.
באַם טייך איז דאָ א בערגל,
וואו טאָג און נאַכט א פייערל,
ווי א שטערנדל זיך סמילקעט, סמילקעט:
דאָרט וועט קאָרן־גאָט מיט היי־שניט־גאָט,
גאָטס בעקעלע, דיך שטיקן,—שטיקן...

נאָך תבואה־שניט און זייען,
ווען מיר, שוואַרצבערדל, פירן
דיך אַף יענעם בערגל,
דיך אַף יענעם בערגל,
וואו ס׳וועט קאָרן־גאָט מיט היי־שניט־גאָט
צום לויב און רום פאַר אונזערע געטער
דיך דערשטיקן,
דיך דערשטיקן.

°°°

II.

היסטאָרישע

18

—נו, זינג, מיין שוועסטערל,
וואָס זיצטו אומעטיק,
אַף דיינע הענטלאַך אָנגעלעגט,
די הענטלאך אזוי רואיק?

—וואו זאָל איך זינגען
און וואו זיך פרייען?—
מיין גערטנדל צעשעדיקט,
חרוב איז מיין גערטנדל.

צעטראָטן רוטן,
צעפּליקט די רויזן,
די ליליען איינגעבראָכן,
דער טוי אראָפּגעטרייסלט.

—האָט ווינט געשטורעמט,
האָט טייך פאַרטרונקען,
האָט, צאָרנדיק, פּערקונאַס
מיט בליץ געשלאָגן?

—ניט ווינט געשטורעמט,
ניט טייך פאַרטרונקען,
ניט, צאָרנדיק, פּערקונאַס
מיט בליץ געשלאָגן.

פון ים די מענשן,*)
מיט בערד באַוואַקסן,
צום ברעג ארונטער,
דאָס גערטנדל צעגראָבן.

---

*) שוועדן.

צעטראָטן רוטן,
צעפּליקט די רויזן,
די ליליען איינגעבראָכן,
דעם טוי אראָפּגעטרייסלט.

און איך אַליין האָב
זיך קוים באַשירעמט
אונטער רוטן־צווייגעלע,
אַהינטער ביימעלע.

19

היינט אַף דער לאָנקע,
פינף פרייע ברידער,
מאָרגן אונז אַלע
קרייץ-טרעגער פאַנגען.

ווי אונז געפאַנגען
ברידערלאַך יונגע,
פים אונז געפענטעט
אין אייזערנע פענטעס.

אייזערנע פענטעס
פים אונז צעוואונדיקן,
טרייבט מען צופוס אונז,
טרייבט מען קיין טילזיט.

קרייץ-טרעגערס הויפּטמאַן
ווייסט קיין רחמנות,
הייסט ער נאָך ברייִנגען
ריטעלאך גרינע.

ווי מען געבראַכט האָט
ריטעלאַך גרינע,
שטעלט ער צו צוויי אוים
אונז פון די זייטן.

און ווי זיי שלאָגן,
בלוט האָט געפלאָסן,
פליסט אונטער פים אונז,—
ערד האָט געציטערט.

אונזער הייס בלוט
דעמפּט אַפּז שליאַך-וועג
אונזערע טרערעלאך
גיסן אַראָפּ זיך.

—קיסרים ליכטיקע,
דאַרפט איר באַטראַכטן,
פאר וואָס מיר גייען
ניט צו אייך דינען.

האָט פון שטאָל הארטן
אויסגעשפריצט פייער,
וועט אפן פלאַץ מער
קיינער ניט בלייבן.

מאַמעלע־מאַמע,
האָסט מיך געהאָדעוועט,
בעסער באדארפט מיך
קינדווייז דערטרינקען,

מאַמעלע, דאַנק דיר
פאַר דיינע זאָרגן,
טאַטעלען אַלטן—
פאַרן ברויט ווייסן.

איר'ט געזען, עלטערן,
ווי איך בין געבוירן,
זאָלט איר ניט אָנזען,
ווי איך וועל שטאַרבן.

נאָר איבער געסל
הערט זיך א רופן:
—איר זאָלט באַשיצן
וונדעלעס קערפער.

ער ליגט אַף הפקר,
ליגט ניט באַגראָבן—
הענט און פיס ווייסע
הינט ארום רייסן.

20

ניין יאָר פארלאָפן
און ניט איין טאָג,
טרא-לא, לא-לא,
און ניט איין טאָג.
מען האָט מיך אין קריג געפאנגען,—
אין תפיסה׳לע פארשפארט.

אָ, ווען ס׳זאָל קומען
מיין מאַמעלע
און זי זאָל ברייגגען
א צוויי-דריי הונדערטער,
וואָלט מען מיך אָפּגעלאָזט,
די פּיס און הענט מיר פריי געמאכט.

עס איז געקומען
מיין מאַמעלע
און האָט געבראכט
די הונדערטער,
נאָר מיך האָט מען ניט אָפּגעלאָזט,
די פּיס און הענט ניט פריי געמאכט.

אָ, ווען ס׳זאָל קומען
מיין שוועסטערל
און זי זאָל ברייגגען
א צוויי-דריי הונדערטער,
וואָלט מען מיך אָפּגעלאָזט,
די פּיס און הענט מיר פריי געמאכט.

עס איז געקומען
מיין שוועסטערל
און האָט געבראַכט
די הונדערטער,
נאָר מיך האָט מען ניט אָפּגעלאָזט,
די פּיס און הענט ניט פריי געמאכט.

אָ, ס׳איז געקומען
מיין מיידעלע
און האָט געבראַכט
א גאָלדן רינגעלע,—
מען האָט מיך דעמאָלט אָפּגעלאָזט,
די פיס און הענט מיר פריי געמאַכט.

21

הינטער דער שטאָט ווילנע,
אין א רוטן־גערטל,
דאָרטן האָט שפּאַצירט זיך
א מיידעלע א שיינס,—
די גרינע רוטן, צערטלענדיק.

זיינען אָנגעריטן שררות,
אלע שררות פונם מלך,
און זיי בעטן, בעטן זיך:
—פליק אַראָפּ א רוטן־צווייגל.

—ניין, איך וועל ניט אָפּפליקן
ניט קיין צווייגעלע, קיין בלימעלע,
בין איך נאָר א יונגינקע
ווילנער פּרינצעסין,—
פּאַס ניט פארן מלכ׳ס טראָן.

—אָ, איך האָב זעקס גוטע רייט־פערד,
אלע אויסגעצירט אין גאָלד.
—בין איך נאָר א יונגינקע
ווילנער פּרינצעסין—
פּאַס ניט פארן מלכ׳ס טראָן.

די פּרינצעסין איינגערעדט,
אין קאַרעט ארייַנגעזעצט.
—בין איך עס די יונגינקע
ווילנער פּרינצעסין—
פּאַס איך פארן מלכ׳ס טראָן.

די ערשטע טויערן—קופּערנע
די צווייטע טויערן—מעשענע,
און די דריטע, די לעצטע,—
זיינען גאָלדענע,—
דורך זיי האָט מען זי ארייַנגעפירט.

מען האָט געפּייקלט מיט די פּויקן
אוןּ געצימבלט מיט די טאַצן:
—איצטער לאָמיר טרינקען ווײַן
פון די בעכער גילדערנע
פונם מלכ׳ס ווינקעלער.

III.

מלחמה

22

בערג און טאָלן,
ווייסע לאַנקעס,—
גרעזעלאך געבלימלט.

שניטער יונגע
דריי שפּאַצירן,—
קאָסעס נייע בלאַנקען.

איז א שוואַרצער
קראָ געפלויגן
איבער גרינער לאַנקע.

האַלט אין שנאָבל
א האַנט א ווייסע
מיט א גאָלדן רינגעלע.

איי, דו פויגל,
קראָ דו שוואַרצער,
אויסגעקליגטער פויגל.

זאָג, פונוואַנען
די האַנט די ווייסע
מיטן גאָלדן רינגעלע?

—הינטער טייכן,
הינטער ימים
איז א שלאַכט א גרויסער,—

דאָרט גענומען
די האַנט די ווייסע
מיטן גאָלדן רינגעלע.

פעלד צעצאַמען
לאַנגע שפּיזן,
פאַלן שווערדן—בליצן.

גרין וואַסער
אויסגעפּלאסטערט
מיט די שוואַרצע היטעלאך.

אינם וואַסער
ברעג אריבער
אַנגעוואָרפן ברידערלאך.

ניט איין מאַמע
זיצט אַף בערגל
און באַוויינט איר זונדעלע.

ניט איין שוועסטערל
גראָבט אין זאַמדעלע—
זוכט איר ברודערל.

ניט איין מיידל,
כלה יונגינקע,
דאָרט באוויינט איר חתנ׳דל.

23

אײַ, אויפגעטריבן
אַלע אײַנאײַנעם,
צום קריג זאָל רײַטן
דערפּעלע גאַנצע.

באַ אונז, אוי גאָטעלע,
אײן יונג ברודערל,
מער קאָן ניט קײנער
רײַטן צום קריג־פּלאַץ.

די עלטסטע שװעסטער
ריכט אױס דעם ברודער,
די צװײטע שװעסטער
זאָטלט זײַן פערדל.

און זי, די דריטע,
שװעסטערל אינגסטע,
צעעפנט טױער,
לאָזט אים ביז פעלד צו.

—אוי ברודער, ברודער,
ברודערל ליבינקער,
װאָס װעסטו ברענגען
אונז פון מלחמה?

—דער עלטסטער שװעסטער—
א גאָלדן רינגעלע,
דער צװײטער שװעסטער—
א זײדן פאַטשײלקעלע.

און דיר, די אינגסטע,
דיר, ליבסטע מײנע,
דיר װעל איך ברענגען
שיכעלאך פײנע.

אריבער בערגל
אָפּוואַרטן גייען
אלע דריי שוועסטער
ברודערלס אָנקום.

אראָפּ צום טאָלכל,
אף בערגלס רוקן—
אָן יאַסין־ביימלאך
שפּאַרן זיי זיך אָן.

און באַלד דערזעען
שוועסטערלאך אַלע,
ס׳לויפט אָן א פערדל—
קערט זיך פון שלאַכט־פעלד.

פון זייט אלץ נענטער
שווערדעלע פינקלט,
עס שאָקלען זיך ליידיקע
רייט־רונגען גאָלדענע.

—אוי, ליב פערדל,
פערעדעלע—פערדל,
וואו ס׳טו געלאָזן
ברודערל אונזערס?

—איי, אייער ברודערל,
ברודערל אייערס,
אין שלאַכט דערשלאָגן,—
טויט איז געפאַלן.

געפאַלן קעפּעלע,
ווי קרויט א קעפּל.
זיין בלוט איז געפלאָסן,
ווי א טייכעלע.

—אוי, ווי אונז, גאָטעלע,
גאָטעניו ליבינקער,
ווער העלפט אונז וויינען
אף ברודערל אונזערס?

עס רופט אוים זונעלע
האלב שוין פארגאנגען:
—איר טרויערט, שוועסטערלאך,
איך וועל אייך העלפן.

איך וועל אף הימל
ניין טעג ניט אויפגיין,
און נאָך אין צענטן
וועט הימל כמאַרן.

24

באם אלטן טאַטן
ניין זין געוואַקסן,
א צענטע אײנע,—
א טעכטערל.

אף דעמב געוואַקסן
ניין גרינע צווייגן,
א צענטער אײנער—
שפּיץ פון בוים.

ניין זין באם טאַטן
אין קריג געפאַלן,
גאָט האָט באשירעמט
דאָס טעכטערל.

דעם קאָפּ האָט טאַטעלע,
וואו צוצוטוליען,
דאָס הארץ פארקלעמטע,
וואו איינצושטילן.

דעם דעמבס ניין צווייגן
פון ווינט צעבראָכן,—
האָט גאָט באשירעמט
שפּיץ פון בוים.

פאר דער קוקאווקע—
„קו־קו״—צו שרייען,
פאר נאַכטיגאַל—
צום צוויטשערן.

IV.

אוועקגערויבטע כלה

25

ניט געקרייט האָט נאָך דאָס הענדל,
מאַמעלע הויבט אויף זיך,—
—זינדעלאך, הויבט אויף—הויבט אויף זיך,
שוועסטערל פארשוואונדן.

איר דארפט פאָרן, איר דארפט רייטן,
שוועסטערל געפינען,
איילט אף גיך צו דער סטאַדאָלע,
פערדעלאך אוי, זאָטלט.

—מאַמע־טייבעלע געטרייע,
וועלכן וועג, זאָג, רייטן?
—וואו איר׳ט, רייטנדיק אף שליאך־וועג,
זען צעשאָטן רוטן.

וואו איר׳ט זען אף גרינער לאָנקע
שטייט א גרינע ליפע,
אף א שפּיץ פון צווייג—אף ליפע—
טרעפט איר א קוקאווקע.

אָנגעריטן אפן שליאך־וועג,
אויסגעשאָטן רוטן,—
אף א שפּיץ פון צווייג—אף ליפע—
זיצט זיך א קוקאווקע.

—זאָג, געשפּריינקלטע קוקאווקע,
וואו איז אונזער שוועסטערל?
—רייט אייך, בחורים׳לאך,
שוועסטערל ניטאָ דאָ.

רייט ביז צו א בארג א הויכן,
ביז צום פריציש הייפל,
איר׳ט דאָרט שוועסטערל געפינען,
זיצט אין א פּאָטעל זיך.

רייטן מיר צום באַרג צום הויכן,
ביז צום פּריציש הייפל,
האָבן שוועסטערל געפונען,
וויינענדיק גאָר ביטער.

—ווייִן ניט, ווייִן ניט, שוועסטערל,
מיר׳ן דיך באַפרייען,—
מיר׳ן פערדעלאַך אָפּגעבן,
נאָר ניט דיך אָפּגעבן.

דיך באַפרייען, ניט אָפּגעבן
אונזער ליבע שוועסטערל.
—ברידערלאַך, אוי נעכטן אָוונט,
וואו זייט איר געוועזן?

אז געוועזן בין איך א מיידעלע
אונטער רוטן-קרענצל,
אָבער היינט, אוי היינט פאַרפאַלן,—
בין מיט מאַן געלעגן.

26

האָט דורך נאַכטעלע,
היינטיק נאַכטעלע,
הייפּעלע געליאַרעמט.

אָנגעריטן
פלינקע רייטערלאך—
טעכטערל אוועקגעפירט.

אויפגעשטאַנען
אַלטע מאַמעלע
און געפינט ניט ס'טעכטערל.

ניט געפונען
האָט זי ס'טעכטערל—
ווייסע ליליען־בלימעלע.

—גיכער, גיכער,
שטייט אויף, זינדעלאך,
זאָטלט אייערע פערדעלאך.

אייערע פערדעלאך
גיכער זאָטלט,
יאָגט זיך נאָכן שוועסטערל.

וואו דאָס שוועסטערל
איז פאַרבייגעפאָרן—
אויסגעשאָטן רוטן.

בא דער זייט פון וועג,
באם שליאך־וועג—
דאָרטן ברענט א פייערל.

פאַרן פייער,
רויטן פייערל,
טאַנצט מען קאַראַהאָדן.

—לאָמיר רייטן,
רייטן, ברידערלאך,
ביז'ן גרינעם וועלדעלע.

צוגעריטן
צום גרין וועלדעלע,—
פיטערט מען די פערדעלאך.

—לאָמיר רייטן,
רייטן, ברידערלאך,
ביז'ן שטראָמיק טייכעלע.

צוגעריטן
צום שטראָמיק טייכעלע,—
טרינקט מען אָן די פערדעלאך.

—לאָמיר רייטן,
רייטן, ברידערלאך,
ביז'ן טאַטערישן הייפעלע.

צוגעריטן
צו די טאָטערן—
דאָ געפונען שוועסטערל.

א פאַרפוצטע,
שימערירנדיק,
זיצט זי אינם פּאַלאַץ.

—קער צוריק זיך,
שוועסטערל,
גדולה מאַמעלעס.

—ניין, ניט אמת,
מיינע ברידערלאך,
פאַלשע אייערע ווערטערלאך.

געוועזן נעכטן
נאָך אין קרענצל
און פאַרפוצט מיט סטיינגעס.

היינט קוקט אָן מיך,
מיינע ברידערלאך,
אַף מיין קאָפּ א הייבעלע.

—ביזט נאָך נעכטן,
שוועסטער־שוועסטערל,
געווען מאַמעס טעכטערל.

און א טאָטערין
ביזטו היינט גאָר,—
ביזט א שנור בא טאָטערן.

27

עס שיקט מיך מאַמעלע
אין סווירנע*) שלאָפן,—
איך זאָל דאָרט שלאָפן זיס.

האָב קוים אַנטדרעמלט,
האָב איך דערשפּירט באַלד,—
עס קומען מענער אָן, ווי וועלף.

די טיר צעבראָכן,
מיר הענט געבונדן,—
מען פירט מיך צום מאַיאָנטעק.

געבראַכט צום פּאַלאַץ,
אוועקגעזעצט,—
און מיר די פיס געפּענטעט.

אוי, אוי, דו גאָטעלע,
מיין ליבער גאָטעלע,
ווער וועט אָנזאָגן מיין מאַמעלען?

*) אַ קלייט צו האַלטן תבואה און כל'ערליי מטלטלין. זומער־צייט שלאָפט מען דאָרטן, ס'רוב מיידלאַך, וואָס האָבן אַנגב דאָרטן זייער פּוידקאַמערל.

28

דורך בעריאָזע־וואַלד שטראָמט טייכל—
ס׳איז מיין וויין דער קלאָרער,
פאַלט דער טוי פון די בעריאָזעס—
ס׳איז מיין גאָלד און זילבער.

רייט איך דורך בעריאָזע־וועלדל,
רייט דורך גאַנצן וועלדל,
זע איך די בעריאָזעס בליען,
אָבער קיינע גרינט ניט.

—בליען, בליט איר, אוי, בעריאָזעס,
זאָגט הלמאי איר גרינט ניט?
—טרויעריק איז דאָס האַרץ באַם אינגל,
טרויערן מיר מיטן אינגל.

דאָרטן ווייט באַם הייפלס מויער,
פארן פעסטן טויער,
ברידערלאַך פיל אָנגעריטן,
פערדעלאַך דאָרט טראַמפּלען.

ברעכן איין דעם פעסטן טויער,
רייסן אוים דעם מויער,
טרעטן אוים דאָס גראָז דאָס גרינע,
טרעטן גרינע רוטן.

מ׳פירט דאָס יונג־יונג טעכטערל,
מ׳פירט זי אָפּ צום קלויסטער,
צום אַלטאַר איז זי געקומען,
זי איז דאָך נאָך אירע. — —

—קער צוריק זיך, מיין ליב מיידל,
קוק דאָך אָן דיין ערשטן!
—רייד ניט, איי דו, כוואַטסקער בחור,
ס'איז ניטאָ קיין אמת!

אוי, געוויינט דאָס האַרץ האָט מיינס,
נאָר געלאַכט האָט אירס,—
פון אַלטאַר מאַרשירט א שטאָלצע,
שוין געוועזן א פּריצטע.

~

V.

ליבע

29.

שפּראָץ אַף טאָג—באַגינענדל,—
אויפגעגאַנגען זונעלע;
פאַר באַגלאָזטן פענצטערל
איז געזעסן מאַמעלע.

—פרעג איך באַ דיר, טעכטערל,
וואו האָסטו שפּאַצירט זיך?
און וואו האָט דיין קרענצעלע
טויעלע באַטריפט?

—שפּראָץ אַף טאָג—באַגינענדל,—
בין געגאַן נאָך וואַסערל,—
און דאָ האָט מיין קרענצעלע
טויעלע באַטריפט.

—איז ניט אמת, טעכטערל,
פאַלשע דיינע ווערטערלאך,—
אוי, דו האָסט דיין בחור׳ל
אויסן פעלד באַגלייט.

—עס איז אמת, מאמעלע,
ריכטיק דיינע ווערטערלאך,—
איך האָב מיט מיין בחור׳ל
נאָר איין וואָרט גערעדט.

.30

—דער ווינט, וואָס בלאָזט ער,
דער וואַלד, וואָס רוישט ער,
וואָס בויגט זיך איין די ליליע?

—עס בלאָזט דער ווינט ניט,
עס רוישט דער וואַלד ניט
און ס׳בויגט זיך ניט די ליליע.

עס וויינט מיין שוועסטערל,
מיין יונגע שוועסטערל,
אַף קאָפּ דאָס קרענצל ציטערט.

ניט וויין, מיין שוועסטערל,
דו יונגע, וויין ניט,
ווערסט מאָרגן מערער וויינען.

טוסט אוים דאָס קרענצל,
טוסט אָן א טיכל,
ווערסט האָבן מער צו וויינען.

ווערסט האָר פאַרפלעכטן,
דאָס הייפל זיידנס,—
אָט דאָס איז דאָך דיין יוגנט.

טוסט אוים דאָס רינגעלע *)
פון ווייסן הענטל,—
אָט דאָס איז דאָך דיין שיינקייט.

*) ביז דער חתונה טראָגט דאָס מיידל א רינגעלע אַף דער לינקער האַנט, בא דער חופה צעבייט זי זיך מיטן חתן די ריגנען.

.31

אוי, האָט ארויסגעשפּראָצט
ווייסער באַגינען,
הויך—איבער הימל—
שווימט אום דאָס זונעלע.

זען זי, מיין מיידעלע,
מיידעלע ליבינקע,
דרויסן, באַם טייכעלע,
וועש אַ קאָרב שווינקט זי.

אַף ברעטעלע ווייסן
לייוונטל ריינינקן,
מיידעלע יונגינקע—
איז זי די וועשערין.

—טריי בלייב מיר, מיידעלע,
גאנצע דריי יאָרעלאך,
איך וועל דיר קויפן
זיידן פּאַטשייקעלע.

איך וועל דיר קויפן
גרינזיידענע סטיינגעס,
און וועל דיר שיינקען
גילדן רינגעלע.

—אין זיידן פאטשיילקעלע—
אין גרינינקן זיידנס—
וועל איך פּאַרוויקלען
שולטערן מיינע.

גרינזיידענע סטיינגעס—
גרינינקער זיידנס—
אָנהאַלטן וועלן
צעפּעלאך מיינע.

בחור'לס רינגעלע,
גילדן רינגעלע,
איינג וועט ארומנעמען
דאָ—מיר דאָס פינגערל.

.32

האָב איך א מיידל,
שענער פון אלע,
גייט זי דורך פעלדל
פאַכן די סטיינגעס.

זיצט זי באם וועבשטולכל,
לייוונטל וועבט זי,
שפּילט און עס קלינגלט
נייאינקער וועבשטולכל.

וועבשטולכל קלינגלט,
שיפעלע רודערט,
בליצלט און פינקלט
ווייסינקע לייוונטל.

מיידעלע ליבינקע,
מיין שוואַרצאויגיקע,
אין פינצטערן נאַכטעלע—
שרעקט זיך פאר גאָר ניט.

הויך איז איר סווירנא *)
קלעטערט אליין זיך,
דאַרף ניט מיט פייערל
וועג אירן לויכטן.

דארף ניט מיט פייערל
וועג אירן לויכטן,
לויכטנדיק קוקן
די אייגעלאך שוואַרצע.

---

*) זע אנמערקונג פון נומער 27.

.33

לויף, לויף, מיין פערדל,
ברוינינקע פערדל,
ביז צו דער לאַנקע.

קומסטו צעלויפן
ביז צו דער לאַנקע,—
פיטער איך אָן דיך.

לויף, לויף, מיין פערדל,
ברוינינקע פערדל,—
צום שטראָמיק טייכל.

קומסטו צעלויפן
צום שטראָמיק טייכל,
גיב איך דיר טרינקען.

לויף, לויף, מיין פערדל,
ברוינינקע פערדל,—
ביז צום שווערם הייפל.

קומסטו צעלויפן
ביז צום שווערם הייפל,
לאָז איך דיך רוען.

מיידעלע מיינס
קומט פונם גערטל,
פלעכטנדיק קרענצל.

—מיידעלע מיינס,
קוק אָן מיין פערדל,
קוק, ווי עס ציטערט.

ווּעסט אַזוי ציטערן
אונטערן קרענצל,
בּאַ אונזער חופּה.

בּעת מ'וועט דיך פירן,
ווּעסטו בּאַם זייט מיר,
גלייך וואַקס צעשמעלצן.

.33

—יונגע מיידעלע מיינע,
שוואַרצע אייגעלאך דיינע,—
אוי, וואָלט זיך מיר געלוסטן
מיט דיר טאַנצן, שפּרינגען.

וואָלט אָפּגעבן צוויי הונדערטער,—
אבי דיך איינמאָל קושן,
און א דריטן צולייגן,—
אבי מיט דיר צו טאַנצן.

דערלייג, יונג בחור׳ל,
א דריטן הונדערטער,
אַף מיין קעפּל קרענצעלע—
איז נאָך טייערער.

רוטן-קרענצעלע
איז נאָך טייערער
פון דיינע הונדערטער,
יונג בחור׳ל.

וועסט מיך אוועקפירן
אין א פרעמדן געגנטל,—
מיר וועט קיינער זאָגן:
„גוט מאָרגן, מיידעלע!"

עס וועלן שוועסטערלאך
קומען רייסן רוטן,—
איך איינע—שוועסטערל—
אין זייט וועל וויינען.

עס וועלן שוועסטערלאַך
זיין גרין באַקרענצלט,—
איך איינע—שוועסטערל—
וועל זיין אין טרערן.

באַ אלע שוועסטערלאַך
די הערצער פריילאַכע,
און מיר וועט שוויגערל
מיין וועלט פאַרפינצטערן.

.35

איבער בערגל-בערגעלע
אויפגעגאנגען זונעלע.

דורכן פענצטער-שייבעלע
קוקט ארוים דאָס שוועסטערל.

פרייט זי זיך מיט זונעלע,
זעט עס הויך און העכער.

און עס האָט דאָס ברודערל
פערדעלע געזאָטלט.

—ברודערל, דו רייטערל,
זאָג, וואו ווילסטו רייטן?

—שוועסטער, נעלקע-בלימעלע,
רייטן צו מיין מיידעלע.

ברודערל-פיאָנענבלום,
וואוינט זי ווייט פון דאנען?

—דאָ, וואו גאָלד און זילבער—
דאָרטן וואוינט מיין שוויגערל.

וואו דימאַנטן, פערעלאך—
דאָרטן איז מיין מיידעלע.

בליען דאָרטן רויזעלאך,
בליען נעלקן-בלימעלאך.

ווי די נעלקן רויטינקע
שטראַלן אירע בעקעלאך.

.36

זאָלסט שפּאַנען, דינער,
דאָס ברוין פערדל,
מיטן זילבערן צאַמעלע.

אוי, איך וועל רייטן
צו יענעם דערפל,—
וואו כ׳וועל מיין האַרץ באַרואיקן.

וואו הויך די שטיבער,
די פענצטער—ליכטיק,
און דער אריינפאָר איז אין גרינס.

באם טויער—קליאָנען,
פאר פענצטער—בעריאָזעס,
אין הייפל—בלומענגראָז.

ארויסגיין—גייט זי
פון ליליען־גערטל,
דאָס קעפּל גלעטנדיק.

—מעגסט גלעטן, נישט גלעטן
דאָס קעפּל, מיידעלע,
וואו ביזטו, זאָג, געלעגן?

איך בין געלעגן,
אוי האָב גע׳חלומ׳ט
פון אונטער ליליענקוסט.

געבלאָזט האָט ווינטל,
געוויגט די ליליען,
צעשויבערט מיינע הערעלאך.

.37

אין א פינצטער נאַכטעלע—
אלע שלאָפן רוענדיק,
גיי איך שא, אין שטילינקן,
גיי איך צו מיין מיידעלע.

שטערן אַפן הימל,
גרויסע, ווי די קליינע,
באלויכטן טונקל שטעגעלע
צו מיין מיידעלע.

—קום איך צו דיר, מיידעלע,
ווינטשן אַ גוט נאַכטעלע,
מיידעלע, זאָלסט נאַכטעלע
דורכשלאָפן א גליקלאכע.

ריידן מיט דיר, מיידעלע,
מיידעלע מיין ליבינקע,
איך וואָלט ליב זיך צושפּאַרן
נאָענט דיר באַם זייטעלע.

טויזנט מאָל דיך אויסגעקושט,—
אף דיר איינע האָף איך,
מיידעלע, דיר צו שווערן—
האָבן מיט דיר חתונה.

—אינגעלע, ניט בייזער זיך,
וועל דיך ניט אריינלאָזן,
מאַמעלע אין סווירנא *)
שלאָפט מיר האַרט באַם זייטעלע.

*) זע אנמערקונג פון נומער 27.

.38

אוי, מיין מיידעלע,
יונג מיידעלע,
וועסטו, יונגינקע,
מיך אריינלאָזן?

—ניין, מיין ליבינקער,
גלויב מיר, אינגעלע,
אז איך קאָן ניט
דיך אריינלאָזן.

סקריפּעט טירעלע,
בעת איך עפן עס,
קלאַפּערט ריגעלע
באם אוועקשאַרן.

—אוי, ליב מיידעלע,
יונג מיידעלע,
וועל דיך אויסלערנען,
שאַרך צו אויסמיידן:

הויב אויף טירעלע—
וועט׳ס ניט סקריפּענען,
דריק אָן ריגעלע—
וועט׳ס ניט קלאַפּערן.

—אוי, ניין, קלוגיטשקער,
זאָלסט ניט לערנען מיך,
לערן פערדל דיינס,
רייט אוועק פון מיר.

דיין ברוין פערדעלע
איז א טויגעניכטס,
און דו, אינגעלע,
ביזט א מיידלניק.

.39

איי, פיטער, פּאַטערל,
דאָס פערדל ברוינינקע,
לאָז מיך רייטן צו מיין מיידעלע.

בין אָנגעריטן
ביז צו איר הייפל,—
בין נישט געפעלן דער מיידעלע.

דו מיידל־מיידעלע,
מיין ליב מיידעלע,
פאר וואָס האָסטו מיך פיינט?

האָב איך נים ווייסע
און ראָזע באַקן,
בין איך נים פּאָטערס זונדעלע?

—דו מעגסט זיך האָבן
וויים־ראָזע באַקן,
נאָר ס׳איז דיין שכל א פיטשינקער.

—בא מיר אין הייפל,—
דאָרט פליסט א טייכל
פון ווייך קלאָר־זיסינקן.

—דו ביזט א ליגנער,
דו ביזט אן אָפּנארער,
ווילסט מיט ליגנס מיך פארנאַרן.

בא דיר אין הייפל,
דאָרט פליסט א טייכל,
וואָס איז פון טרערן ביטערע.

—פאַרבײַ מײַן הײַפל,
דאָרט שפּרינגען העזעלאַך
און עס שפּילט זיי נאָך דאָס ווינטעלע.

—דו ביזט אַ ליגנער,
דו ביזט אַן אָפּנאַרער,
ווילסט מיט ליגנס מיך פאַרנאַרן.

פאַרבײַ דײַן הײַפל—
דאָרט לויפן מייז אום
און עס יאָגן קעץ זיי נאָך.

40.

—איי, דו פערדל־פערדעלע,
פערדעלע ברוין־ברוינינקע,
אזוי הויך, וואָס הירזשעסטו?

ווילסטו פרישן האָבערל,
אָדער פריש־געשניטן היי,
אָדער ריינעם וואַסערל?

—ניט איך וויל קיין האָבערל,
ניט קיין היי קיין גרינינקן
און ניט ריינעם וואַסערל.

לויפן וואָלט איך נאָר געוואָלט
יעדן שבת אַף דער נאַכט
צו דער יונג־יונג מיידעלע.

איז ארוים דאָס מיידעלע,—
ווייסע ליליענבלימעלע,
ווייסע ליליענבלימעלע.

—פרעג איך בא דיר, פערדעלע:
צו איז גוט מיין אינגעלע,
פירט ער אויף זיך ערלאך?

ענטפערט אָפּ דאָס פערדעלע,
ענטפערט אָפּ דאָס ברוינינקע—
פערדעלע ברוין ענטפערט:

—וואָלט איך ריידן נאָר געקאָנט,
וואָלט איך דיר פארציילט א סך
פונם יונגן אינגעלע.

ליגט אין קרעטשמע גאַנצע טעג,
שלאָפט בא נאכט ניט אין דער היים,
שלאָפט בא נאכט ניט אין דער היים.

.41

האָט שפּאַצירט א מיידעלע
הינטער רוטן-גערטנדל,
מיטן פישביין-קעמעלע.
קעמט זי אירע הערעלאך.

האַלט דאָס רוטן-קרענצעלע
א גרינינקן אף אירע הענטעלאך,—
אירע יונגע טעגעלאך,
ווייס זי, ווי צו היטן.

—ניט פאראן אין ימ'עלע
אזוי פיל גרויע שטיינדעלאך,
וויפיל אף מיין ליבינקן
רכילות-ווערטעלאך.

קאָן איך נאָר אין גערטנדל
פליקן רוטן, ליליען,
קאָן איך נאָר מיין ליבינקן
איין מאָל אין א טאָג זען.

ווייס איך ניט קיין שענערס,
און וואָס זאָל זיין ליבער
פון מיין איינציק-ליבינקן—
ראָז און ווייס זיין פנימ'ל.

.42

עס שרייט דאָס מאַמעלע
און ס'וויינט דאָס טעכטערל,—
—זאָג אוים, וואו איז דיין קרענצעלע?

עס ענטפערט טעכטערל,
ביטער וויינענדיק:
—פריציש זונדעלע האָט צוגענומען.

—דו פריציש זונדעלע,
דו שיינער פריצ'ל,
נו גיב־זשע אָפּ דאָס קרענצעלע.

עס שווימט א שוואן אום
און שרייט אוים שווימנדיק:
—וואָס איז דאָס פאר א קרענצעלע?

—פון גרינע רוטן,
געפלאָכטן שוועסטערלאך,
און אויסגעזעצט מיט בלימעלאך.

.43

איז צו זען אַן רויטן עפּעלע,
ווען ס'איז אינעווייניק ווערמדיק,
איז צו זען, אז מיין ליב מיידעלע
אין געדאנקען האָט אַן אנדערן.

איז צו זען אַן רויטן עפּעלע,
ווען ס'איז אינעווייניק ווערמדיק,—
איז צו זען אז מיין ליב אינגעלע—
אין געדאנקען האָט אַן אנדערע.

44.

אוי איז שיין דאָס מיידעלע,
גלייך פון בלום דאָס הערצעלע.

זיסע אירע ליפּעלאך,
גלייך א זיס-זיס עפּעלע.

אז איך קאָן ניט זען זי,—
בין איך א צעמישטער.

45.

(מיידלס געזאַנג)
דריי אינגעלאך

צוליב מיר, מיידעלע,
האָבן זיך געקריגט.
ערשטער זאָגט:
—זי איז מיינע!
דער צווייטער:
—ווי באַשערט איז.
ער, דער דריטער,
מיין ליבינקער,
האָט פארטראכט זיך אומעטיק.

(בחור'ס געזאַנג)
דריי שוועסטערלאך

צוליב מיר, אינגעלע,
האָבן זיך געקריגט.
ערשטע זאָגט:
—ער איז מיינער!
די צווייטע:
—ווי באַשערט איז.
זי, די דריטע,
מיין ליבינקע,
האָט פארטראכט זיך אומעטיק.

.46

—וואָס וועט זיין, מאַמעלע, וואָס?
וואָס וועט זיין, ליבינקע, וואָס?
אריין איז א העזעלע
אין רוטן־גערטנדל,—
וואָס וועט זיין?

—דאָס וועט, מיין טעכטערל, זיין,
דאָס וועט, מיין ליבינקע, זיין:
וועל הינטל אריינלאָזן,
זאָל כאַפּן דעם העזעלע,—
דאָס וועט זיין!

—וואָס וועט זיין, מאַמעלע, וואָס,
וואָס וועט זיין, ליבינקע, וואָס?
אריין איז א בחור׳ל
אין הויכינקן קלייטעלע,—
וואָס וועט זיין?

—דאָס וועט, מיין טאָכטערל, זיין,
דאָס וועט, מיין ליבינקע, זיין:
וועל שטעלן א שומר׳ל,
זאָל כאַפּן דעם בחור׳ל,—
דאָס וועט זיין!

.47

אז איך וועל אויסוואַקסן,
דאגה׳לע מיין,—
ווען וועל איך דיך אויסקלאָגן?

אז איך וועל אויסוואַקסן,
קריגן א חתנ׳דל—
וועל איך דאגה׳לע אויסקלאָגן.

48.

פיר איך פרי באגינענדל
אָנטרינקען מיין פערדעלע
און ס׳פארזינקט אין וואסערל
פערדלס גאָלדענע פּאַדקעווע.

—מיידל־ליליענבלימעלע,
גיי נאָך וואַסער פרי באגינען
און זאָלסט זוכן, דו זאָלסט אויפהויבן
פערדלס גאָלדענע פּאַדקעווע.

—איי, דו בחור־רייטערל,
וואָסער וועג ביזטו געריטן?—
—געריטן פריער פאזע טייך,
שפּעטער—צו מיין מיידעלע.

49.

בין איך געגאנגען
דורך א הייפעלע.

דאָרט אינם הייפעלע—
דריי סאַזשעלקעס.

באַ איטלאך סאַזשעלקע
שטייט א מיידעלע.

בא איטלאך מיידעלע
שטייט אן אינגעלע.

.50

ס׳ארא וואונדער, גרויסער וואונדער,
פלאַנץ איך רוטן—בליען רויזן.

—פלעכט זיך, מיידעלע, א קרענצל,
פלעכט א גרינעם רוטן-קרענצל!
וואַסער שעפּן גיי, דו מיידעלע!

—אז איך גיי אַוועק נאָך וואַסער,
טרעף איך אָן אַף ווינט פון צפון
און ער בלאָזט אראָפּ מיין קרענצל
אינם ים אין טיפינקן.

בחורים׳לאך דריי אַף לאַנקע,—
שניידן היי אַף גרינער לאַנקע.

—ווער פון אייך איז מיין באשערטער,
ווער וועט שווימען נאָך מיין קרענצל?

—איך וועל זיין דיין ליבער חתן
איך וועל שווימען נאָך דיין קרענצל,
אינם ים אין טיפינקן.

ס׳שווימט צום ברעג ארויף דאָס קרענצל,
נאָר צום גרונט פאַרזינקט דאָס בחור׳ל.
קרענצל אַף די הענטעלאך,
בחור׳ל אַף ברעטעלאך.

.51

הינטער טייכן
הינטער וואַסערן,—
דאָרט וואַקסט מיין מיידעלע,
דאָרט גרייט זי איר נדנ׳עלע.

—דינער־דינערל,
שפּאַן דאָס פערדעלע—
איך וועל רייטן צו מיין מיידעלע,
וועל מיין מיידעלע באַזוכן.

איך קום צערייטן
צום שווער אין הייפל,
און באַלד דעם שווער באַגעגנט,
צו מיר אַרויסגייענדיק.

—א גוטן מאָרגן,
ליבער שווער,
איז דאָ אין שטוב מיין מיידעלע,
איז דאָ אין שטוב מיין יונגינקע?

—זיין—יאָ, איז זי,
נאָר זייער קראַנק,
זי ליגט אין נייעם קלייטעלע,
דאָרט אין געפּאָרבן בעטעלע.

נאָנט צוגעקומען,
האָב איך אַרויסגערעדט:
—וועסטו נאָך אויפשטיין, מיידעלע,
וועסטו נאָך אויפשטיין, יונגינקע?

—ניטאָ קיין הילף פאר מיר,
קען ניט געהערן דיר,—
דו וועסט באַווינען מיך
מיט האַרץ פאַרקומערטן.

מיין יונגינקער,
ליב אינגעלע,
דו מאַך פאַר מיר א טרונעלע—
פון ווייסע ליפּע־ברעטעלאך.

—איך וועל מאכן
פאַר מיין מיידעלע
א גאָלדן טרונעלע
אף דימענטענע פיסעלאך.

אין איטלאך ווינקל
א זייגערל,
אין דער מיט פון טרונעלע—
צוויי העלינקע קוקאווקעס.

דורך דערפל טראָגנדיק,
וועלן שלאָגן די זייגערלאך.
די קוקאווקעס וועלן שרייען: „קו־קו!"—
אין דער מיט פון טרונעלע.

—דו זאָלסט מיך אויסריכטן,
מיין ליב בחור׳ל,
מיט די קליידער פון מיין קופערטל,
דאָרט וועלן בלייבן נאָך פאַר מיידעלאך.

—איך וועל דיך אָנטאָן,
מיין ליב מיידעלע
אין זיידנס גרינינקן,
די שענסטע קליידעלאך.

וועל לאַנג באוויינען דיך,
מיין ליב מיידעלע,
א צוויי־דריי יאָרעלאך
וועל איך באוויינען דיך.

—עס איז ניט אמת,
מיין יונג אינגעלע,—
פֿאַלשע דיינע ווערטערלאך.

דורך ערשטן טויערל
וועסטו באגלייטן מיך,
דורך צווייטן טויערל—
די געסט ארויסלאָזן...

דורך דריטן טויערל
אליין ארויסרייטן,—
זיך שדכנ'ען צו אנדערע.

52.

אין וואַלד פאַרגאַנגען,
געהאַקט דאָרט ביימער
און באַלד באַם וואַלד א שיף געבויט.

איי, איך האָב אויסגעבויט
א שיף שוואַרצע,
א שיף מיט ווינקלען אַכט.

אין איטלאַך ווינקל—
א ליפּע־בוים,
א ליפּע־בוים מיט צווייגן ניין.

אף איטלאַך צווייגל
צוויי שיינע פייגל—
מיט זיסע קול׳כעלאַך.

—איי, ברודער, ברודער,
ליב ברודערל,
וואוהין דאָס שיף פירן?

צום מאַיאָנטעק,
צי צום שטעטל,
צי גאָר צום נאָנטן דערפעלע?

—אין קליינעם דערפעלע
נאָך קליינע מיידעלאַך,
נאָר זייער ליבינקע.

ווען איך ניט קריגן,
ווער ס׳וועט מיר געפעלן,
וואַרט איך ביז זי וועט אויסוואַקסן.

און קריג איך זי ניט,
ווען זי וועט אויסוואַקסן,
נעם איך דעם פישערס טעכטערל.

דעם פישערס טעכטערל
מיט שוואַרצע אייגעלאך,
נאָר טויגן וועט זי ניט צו ארבעט דריי:

צו שפּינען דין,
געדיכט צו וועבן,
שפּין־ראָד צו פאַרריכטן.

וועט פרי נאָר אויפשטיין,
אין שיפל זיצן,
וואַשן אירע ווייסע הענטעלאך.

.53

עס שיקט מיך מאַמעלע
צום ניעמאַן־טייכעלע,
גיין שעפּן וואַסערל.

נאַסציעס גאָלדענע,
האַקנס מעשענע,
עמערס זילבערנע.

איבער וועג רייט אַן
א יונג בחור׳ל
אף ברוינעם פערדעלע.

בעט דאָס בחור׳ל
בא יונג מיידעלע,
זיין פערדל אָנטרינקען.

זי בויגט די נאַסציעס ניט,
זי שטעלט ניט עמער אָפּ,—
טרינקט ניט אָן דאָס פערדעלע.

ווערט ער כעס׳דיק,
יונג בחור׳ל,
אף יונג מיידעלע.

צעברעכט די נאַסציעס,
צעברעכט די עמערלאך,
גיסט אויס דאָס וואַסערל.

א פארביטערטע
וויינט דאָס מיידעלע,
ס׳פאַרדריסט איר ס׳וואַסערל.

—שטיל זיי, מיידעלע,
וויין ניט, יונגינקע,
כ׳וועל דיר אָפּצאָלן.

מיט רענדלאך גילדענע
דיין שאָדן אומקערן.
און אויב מיין געלטעלע

שטעלט ניט צופרידן דיר,
וועל איך, שיין מיידעלע,
דיך אליין נעמען.

∾ ∾

.54

גרינינקער־גרין,
וועלדעלע גרין,
דאָרט אינם וועלדעלע—
פינצטערע תפיסה.

דאָרט אינם וועלדעלע
פינצטערע תפיסה,
זיצט אינם תפיסה׳לע
בחור׳ל יונגינקער.

ווייסט ניט דאָס בחור׳ל,
ווען עס איז ווינטער,—
ווען קאַלטער ווינטער,
ווען עס קומט פרילינג.

זעט ניט דאָס בחור׳ל
זונעלעם אויפגיין,—
זונעלעם אויפגיין,
זונעלעם אונטערגיין.

וואָלט איך געוואָרפן
מיין גילדן רינגעלע
און וואָלט צעשלאָגן
אין תפיסה פענצטערל.

אז ער זאָל זען
זונעלעם אויפגיין,—
זונעלעם אויפגיין,
זונעלעם אונטערגיין.

איך וואָלט געוואָרפן
פון שניי א קיילכל,
אז ער זאָל וויסן,
ווען עס איז ווינטער.

איך וואָלט געוואָרפן
פון בלעטער א בעזימל,
אז ער זאָל וויסן,
ווען עס איז זומער.

~ ~

.55

בין איך געגאנגען
דורך גרינעם וועלדל,
דורך גרינעם וועלדל—
בעריאָזע וועלדל.

איך טרעף, עס גייען
דריי יונגע יעגער,
דריי יונגע יעגער—
גאָר פיינע יונגען.

זיי זאָגן פריינטלאך:
—גוט מאָרגן, מיידעלע.
איך האָב געשוויגן,
קיין וואָרט געענטפערט.

זיי הויבן חנ׳וודיק
די שווארצע היטעלאך,
און איך, איך ריר ניט
פון קאָפּ מיין קרענצל.

—וואָס גייסטו, מיידעלע,
אזוי שטאָלצירנדיק,—
קיין וואָרט ניט אויסגערעדט,
און ריירסט ניט קרענצעלע?

—ווי זאָל איך, מיידעלע,
ניט גיין שטאָלצירנדיק,—
כ׳געהער ניט קיינעם,
האָב קיין געליבטן ניט?

אז איך זאָל ליבן
א יונג בחור׳ל—
זיין תפיסה־פענצטערל
וואָלט איך אויסשלאָגן.

בית ... טורנטו
יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

אהין געוואָרפן
א ווייסן שניי־קויל,
און זאָל ער וויסן
פון קאַלטן ווינטער.

אהין געוואָרפן
א רוטן־צווייגל,
און זאָל ער וויסן
פון שיינעם זומער.

מיין רוטן־קרענצל
באַצאָלט איז טייער,
און אייערע היטעלאך—
אין מאַרק געקויפטע.

.56

שטראָמיק טייכעלע,
ריין וואַסערל,
נעבן טייכעלע,
נעבן וואַסערל:
וואָס וויינסטו, מיידעלע?

—ווי ניט וויינען
און ניט טרויערן?—
האָב אזוינס גאָר
נישט געדאכט,
וואָס איך טראָג אין הארצן.

שלאָף באַנאַכט נישט,
זאָג צו זיך מיין צוזאָג:
אייביק טריי זיין,
קיינמאָל נישט
מיט אים זיך שיידן.

זאָל מיר ליבערשט
גוף פון נשמה
זיך צעשיידן,
אַבי נישט שיידן זיך
מיט מיין ליב בחור׳ל.

.57

אוי, אוי, ווי בין איך מיד,
נאָך ניט געגעסן היינט
און ניט געטרונקען היינט—
קיין איינציק טראָפּן מילך.

איך קום אין גערטנדל
און וואַש מיין פּנים'ל
מיט פרישן רוטן-טוי,
מיט פרישן רוטן-טוי.

וויש אָפּ די בעקעלאך
מיט ליליענבלימעלאך,—
מיט ווייסע בלעטעלאך,
מיט ווייסע בלעטעלאך.

איך בויג די ליליע איין,
דאָ פאַלט מיין רינגעלע
אראָפּ פון הענטל מיינס,
פון ווייסן הענטל מיינס.

פארלאָרן איז עס מיר,
זאָגט, ווער האָט עס געזען?
געפינט ווער רינגעלע,
קערט'ס ווידער אום צו מיר!

ס'איז ניט מיין רינגעלע,
עס האָט מיין ליבינקער
געקויפט דאָס רינגעלע,—
גיט עס פאר ליבשאפט מיר.

.58

פון דער פערדן־טשערעדע
קלויב איך אוים שענסט פערדעלע.
מיר געפעלט א מיידעלע—
דרייצן יאָר די יונגינקע.

—וואַרט נאָך אָפּ׳עט, אינגעלע,
לאָז מיך פריי דריי יאָרעלאך,
לאָז זיך מיר נאָך אָנשפּילן
אין דער היים באם טאַטעלע.

—שפּיל דיך, שפּיל דיך, מיידעלע,
זיי דיך פריי דריי יאָרעלאך,
נאָר ניט שפּיל זיך, מיידעלע,
מיט קיין יונגע אינגעלאך.

קוים פארלויפט א יאָרעלע,
רייט איך זי באזוכן,—
מענטשן, הער איך, ריידנדיק...
ס׳איז פארוועלקט איר קרענצעלע.

קום איך צו איר טייערל
אינם שפּעטן אָוונטל,
זיצט מיין יונג־יונג מיידעלע
הינטער פענצטער־שייבעלע.

—גוטן אָוונט, מיידעלע,
כ׳האָב געהערט א נייעסל,
אז דיין רוטן־קרענצעלע
אזוי גיך האָט אָפּגעוועלקט.

—אוי, עס האָט גרין־קרענצעלע
אף מיין קעפּעלע פארטריקנט.
כ׳האָב די בליטן גרינינקע
דורכגענעצט מיט טרערעלאך.

לויף ניט, וואַרט צו, אינגעלע,
איך וועל דיך באַגלייטן...
וויש אָפּ מיינע טרערעלאַך,
מיר׳ן ליב פֿרברייננגען.

—גיי באַגלייטן, מיידעלע,
דעם, וואָס האָט פֿאַרבראַכט מיט דיר,
וועמען דו האָסט אוועקגעשאָנקען
דיין גרין רוטן־קרענצעלע.

.59

וואָלט איך אויסזינגען א לידל,—
כאָטש א קליינע, נאָר א שיינע.

וואָלט איך קויפֿן זיך א פֿערדל,—
כאָטש א קליינעם, נאָר א שיינעם.

אָנטאָן וואָלט איך אים א זאָטעלע,
כאָטש א קליינעם, נאָר א שיינעם.

זעץ איך אויף אָף אים זיך, בחור׳ל,
כאָטש א קליינער, נאָר א שיינער.

האָבן חתונה מיט א מיידעלע,—
כאָטש א קליינע, נאָר א שיינע.

60.

בין געווען א כוואַט—א בחור'ל,
האָב געהאַט א ברוינעם פערדעלע,
זאָטל לעדערנעם אין גאָלד געפּוצט,
פערדלס צאַמעלע פון זילבער.

רייט איך פּאַזע סאָסנע־וואַלד,
טראָגט דער שטויב זיך איבער ביימער,
טרעפט דאָס פערדל אָף א שטיינדל,
בליצט א פייערל.

רייט איך, קום איך צום ווייס שטיבעלע
בלאַנקען אלע פענסטערלאַך,
דאָ שפּאַצירט אום, זינגנדיק,
א יונג מיידעלע.

—איי, דו מיידל־מיידעלע,
וועסטו מיינע זיין?
—זיכער וועל איך,
נאָר איך קאָן ניט טאָן קיין ארבעט.

קאָן אין פעלד דעם פלאַקס ניט רייסן,
קאָן ניט קאָרן־גאַרבן בינדן,
קאָן ניט אין די זומער־טעג
שאַרן היי אָף לאָנקע.

—וועט פון פעל א בייטשעלע
ארבעטן דיך אויסלערנען,
א בעריאָזע ריטעלע—
פרי באַגינען אויפשטיין.

—ניט געווען נאָך חתונה,
זאָגט ער צו מיך שלאָגן.
בין איך נאָך א פרייאינקע,
מעג איך אים ניט פאָלגן.

—מיט מיין פעלן-בייטשעלע
וועל איך פערדל שמייסן,
מיט בעריאָזע ריטעלע
פליגעלאך אָפטרייבן.

.61

וואָס ווייסטו, בחור׳ל,
וואָס ווייסטו, יונגינקער?
—איך האָב א מיידעלע,
א גרויסע שפרינגערקע.

ווען אנדערע שפינען,
ווען אנדערע שפולן,
דאן טאַנצט מיין מיידעלע
אין קרעטשמעלע.

ווען אנדערע וועבן,
ווען אנדערע נייען,
דאן שלאָפט מיין מיידעלע
געשמאַק אין קלייטעלע.

ווען אנדערע גלעטן, *)
ווען אנדערע בלייכן, *)
האָט זיך מיין מיידעלע
נאָך ניט אויסגעטשוכעט.

*) דעם לייוונט.

.62

איך פיטער ס׳פערדל
דעם הערבסט דעם גאַנצן,—
איך ווייס, כ׳האָב ווייט צו רייטן.

ארויסגעריטן,
פאַרגעסן אָפּפליקן
א בלימל—מיטצונעמען.

איך רייט דורך פעלדל,
זוך אָפּ א בלימל,
פאַרשטעק צו זיך אין היטל.

איין בלימל נעם איך,
צעפליק א צווייטן,
האָט׳ס ווינטעלע פאַרטראָגן.

איך רייט צו לאָנקע,
שנייד גרינעם גראָז אָן,—
גרייט פוטער אָן מיין פערדל.

רייט אָן צום הייפל,
הויב אויף מיין היטל,—
באַגריס דאָס מיידלס טאַטעלע.

צום שטוב געקומען,
רייד אפן קול הויך,—
דאָס מיידעלע זאָל הערן.

געזעצט צום טיש זיך
און וויין געטרונקען,—
געוויינט האָט אָבער ס׳מיידעלע.

—אוי נעם, מיין מיידעלע,
א זיידן טיכעלע,—
וויש אָפּ די טרערן ביטערע!

—אוי, אוי, מיין גאָטעלע,
זאָל איך דען, יונגינקע,
שוין באַלד א כלה ווערן?

איך וועל ניט וויסן,
ווי, פאָלגן שוויגערל,
ווי האָרכן שוועגערינס.

—שטיל איין זיך, וויין ניט,
מיין ליב מיידעלע,—
וועסט שוויגערל גוט פאָלגן.

ניט דורך שילטן
און שווערער אַרבעט,—
דורך ליבע, גוטע ריידעלאך.

VI.

משפחה

.63

האָב געלאָזט וויסן
מאַמעלע מיינער,—
האָב אין מיט זומערל
איר געלאָזט וויסן:

—מאַמעלע, זוך זיך,
זוך זיך א שפּינערן,
זוך זיך א שפּינערן,
און אויך א וועבערן.

האָב געגוג אָנגעשפּינט
פלאַקסעלע ווייסן,
האָב געגוג אָנגעוועבט
לייוונטל דינעם.

האָב געגוג אָנגעשאַרט
היי אף דער לאָנקע,
האָב געגוג קאָרן
געשניטן אף בערגל.

אוי, דו מיין קרענצל,—
גרינינקע רוטן,—
וועסטו ניט גרינען
לאַנג אף מיין קעפּל.

זייד־סטייגגעס גרינע,
וועט איר ניט פינקלען
פון מיינע צעפּעלאך
אף גליענדן זונעלע.

איר מיינע הערעלאך,—
הערעלאך בלאָנדע,—
וועט איר ניט פלאטערן
אף פרייען ווינטעלע.

איך וועל באזוכן
מאַמעלע מיינס—
ניט גרין באַקרענצלט,
נאָר ווייס באַהייבלט.

דין—דין הייבעלע,
הייבעלע ווייס,
וועסטו נאָך רוישן
אַף פרייען ווינטעלע.

דורכגעוועבט שטרייפעלאַך,
אויסגעשטיקט פליטערלאַך,
וועט איר נאָך פינקלען
אַף גליענד זונעלע.

פון מיינע צעפּעלאַך,—
זייד־סטיינגעס גרינע,
וועט איר אַף וואַנט הייננען—
מאַכן מיר ווייננען.

רינגעלאַך מיינע,
אוי, מיינע גאָלדענע,
איר וועט אין קופּערטל
ליגן און ראַסטן.

.64

האָסטו, ליב מאַמעלע,
האַרצעלע־מאַמע,
דערצויגן אונז טעכטערלאך—
דריי, גלייך ווי איינע.

דערצויגן אונז טעכטערלאך—
דריי, גלייך ווי איינע,
אין פרעמד אויסגעגעבן—
מיך אָבער איינע.

ווייט, ווייט הינטער פעלדעלאך,
וועלדעלאך גרינע,
ווייט, ווייט הינטער וואַסערל,
הינטערן ניעמאַן.

דריי טעג איבער שליאַך־וועג
בין איך געגאַנגען,
דריי נעכט, ליב מאַמעלע,
אין וואַלד דורכגעלעגן.

„קו־קו"—א קוקאַווקע,
הער איך, דאָרט שרייען,—
פאַרטראַכט איך זיך—טראַכט איך:
מאַמעלע רופט מיך.

האָט האַרצעלע־מאַמע
מיך ניט גערופן,—
אליין די קוקאַווקע
אין וואַלד האָט געשריגן.

.65

ניין יאָר פאַרלאָפן,—
און ניט איין טאָג,—
פון מאַמע־היימעלע
האָב איך צעשיידט זיך.

וואָלט זיך פאַרוואַנדלט
אין א קוקאַווקע,
געלאָזט זיך פליען
צו מאַמע־היימעלע.

געלאָזט זיך פליען
צו מאַמע־היימעלע,—
וואָלט אָפּגעשטעלט זיך
אַף עפּלבוים.

„קו־קו!"—פרימאָרגן,
„קו־קו!"—אין אָוונט,—
ניט קיינער הערט מיך,
ניט ווער פאַרשטייט מיך.

און בלויז עס הערן
פון מיינע ברידער,—
פון מיינע ברידער,—
די פערד אין שטאַלן.

איי, מאַמע אַלטעטשקע,
מאַמעלע אונזערס,
זאָג, וועלכער פויגל
פאַראומערט קוקעט?

—אוי, מיינע זינדעלאך,
איר יונגע מיינע,
ס'איז אייער שוועסטערל,—
ווי ביטער וויינט זי.

איר'ט ניט באַטײלט איר
מיט גאָר איר נדן,
איר'ט ניט באַלאָדן
אַ הױכן װאָגן,

איר'ט ניט באַלאָדן
אַ הױכן װאָגן,
איר'ט ניט באַטײלט איר
אַ בלומען בײטל.

—אײ, שאַ, ניט װײן מער,
דו, ליב שװעסטערל,
מיר'ן דיך באַטײלן
מיט גאָר דײַן נדן.

מיר'ן דיך באַטײלן
מיט גאָר דײַן נדן,
פאַר דיר אָנלאָדן
אַ הױכן װאָגן.

פאַר דיר אָנלאָדן
אַ הױכן װאָגן
קריגסט פאַרן טױער
אַ בלומען-בײטל.

דו װעסט פאַרפלאַנצן
גרין-גרינע רוטן,
און װעסט פאַרפלאַנצן
פּיאָנען רױטע.

און פון פּיאָנען—
בוקעטן פליקן,
פון גרינע רוטן—
אַ קראַנץ זיך פלעכטן.

—שוין ניט די צייט מער,
אוי, ברידער מיינע,
ווען איך פאר׳קנס׳ט בין
צו מיין געוויילטן.

ווען איך פאר׳קנס׳ט בין
צו מיין געוויילטן
און בין געוואָרן
א שנור באַ לייטן.

וועל מער ניט פלעכטן
פאר זיך קיין קרענצל,
אז ניט צעטראָגן
האָב איך עס בא מאַמען.

.66

—איי, רוטן, איר רוטן,
איר, גרינינקע מיינע,—
ווי לאנג וועט איר נאָך גרינען?

—אזוי לאנג נאָך גרינען,
אזוי לאנג זיך וויגן,—
ביז דו גיסט אוים דיין טעכטערל.

ארויסגעלאָזט טעכטערל,
ארויסגעלאָזט יונגינקע,
ארויסגעלאָזט מיין וועבערין.

העט-ווייט הינטער טייכן,
העט-ווייט הינטער וועלדער,
אהינטער גרויסע וואַסערן.

—צוריק קער זיך, טעכטערל,
צוריק קער זיך, יונגינקע,
איי, קער צוריק זיך, וועבערין.

צוריק קומט ניט טעכטערל,
צוריק קומט ניט יונגינקע,
צוריק קומט ניט די וועבערין.

—ניטאָ דאָרט קיין וועבשטול,
קיין זיידענע פעדים,
פון קליאָנען-האָלץ קיין שפינדל.

—אין פרעמדינקן געגנט,
באַם בחור'ל יונגן,—
דאָ איז מיר אלץ צום האַרצן.

דאָ האָב איך מיין וועבשטול,
האָב זיידענע פעדים,
פון קלאָרן זילבער א שפינדל.

67.

בא מאַמעלען געוואקסן,
א פרייאינקע געוועזן,—
אין גערטנדל שפּאַצירט זיך,
געפלאָכטן רוטן-קרענצל.

פון גערטנדל ארויסצוגיין,
צעעפנט האָב איך ס'טירל,—
און ס'איז מיין רוטן-קרענצל
פון קאָפּ אראָפּגעפאַלן.

68.

בין איך, יונג מיידעלע,
געווען בא מאמעלען,
האָט אף מיין פּנימ'ל
געבליט א רויזעלע.

האָט אף מיין פּנימ'ל
געבליט א רויזעלע,
אף מיינע הענטעלאך
געבלימלט ליליען.

אף מיינע הענטעלאך
געבלימלט ליליען,
און אונטער פיסעלאך
פלעגט שעפּטשן פעלדעלע.

.69

האָב איך, זייענדיק בא מאמעלען,
ניט געטאָן קיין ארבעט,
האָב געהאט מיין בלומען-גערטל
מיט א צאָם פון קליאָנען.

ניט פארטראכט זיך, ניט גע׳דאגה׳ט,
וואָסער זאָט צו פלאַנצן,—
פלעג צו מאַמעלען גיין פרעגן,
וואָסער זאָט פארפלאנצן.

—זאָג מיר, מאַמעלע געטרייע,
וואָסער זאָט פארפלאנצן?—
—דו זאָלסט פלאַנצן רוטן, מענטע,
דו זאָלסט פלאַנצן ליליען.

פלאַנץ איך רוטן, פלאַנץ איך מענטע,
פלאַנץ איך ווייסע ליליען,—
פלאַנץ איך מיינע טעג די יונגע,
ווי די גרינע רוטן.

שפּראָצן רוטן, שפּראָצט די מענטע,
שפּראָצן ווייסע ליליען,—
שפּראָצן מיינע טעג די יונגע,
ווי די גרינע רוטן.

רייס איך רוטן, רייס איך מענטע,
רייס איך ווייסע ליליען,—
רייס איך מיינע טעג די יונגע,
ווי די גרינע רוטן.

פלעכט איך רוטן, פלעכט איך מענטע,
פלעכט די ווייסע ליליען,—
פלעכט איך מיינע טעג די יונגע,
ווי די גרינע רוטן.

גרינג פאר דיר איז, מיין ליב בחור׳ל,
בלייבן בא דיין פאָטערל,
אָבער ביטער איז מיר, מיידעלע,—
אין דער פרעמד פארוואָגלט זיין.

וועט דיין שוואַרצע היטעלע
אױף דיין קאָפּ פארבלייבן,—
נאָר מיין גרינעם רוטן-קרענצל
האָב איך אױף א ווײלע.

אויב איך קריג א מאן א גוטן,
וועל איך, גאָטעניו, דיר דאנקען,—
קריג איך אָבער א לא-יוצלח,
וועל איך אייביק וויינען.

—זאָלסט ניט זאָרגן, שוועסטערל,
פיין זיך אויסצופוצן,—
פוצן וועלן דיך די שוועגערינס
מיט די שטאָלצע ריידעלאך.

זאָלסט ניט זאָרגן, שוועסטערל,
ווי דאָס מיילכל שווינקען,—
דו וועסט מיילכעלע דיינס שווינקען
מיט די טרערן ביטערע.

זאָלסט ניט זאָרגן, שוועסטערל,
זיך צו ווישן מיט א האַנטוך,
וועסט זיך אָפּווישן אן אַרבל,—
קענסטו דען באווייזן?

זאָלסט ניט זאָרגן, שוועסטערל,
ווי די האָר פֿאַרקעמען,—
דײַנע בלאָנדע צעפּ פֿאַרקעמען
וועט דײַן מאַן מיט די נעגל.

זאָלסט ניט זאָרגן, שוועסטערל,
וואַשן דײַנע קליידער,—
וועסט דײַן העמד אויסוואַשן
אױף דײַן ווײַסן אַקסל.

~ ~

70.

האָב געהאט א פערדעלע,
כאָטש א קליינעם, נאָר א שיינעם.

טראָגט ער מיך, יונג בחור׳ל,
מיך אין מיין גאַרניטערל.

לויפט ער פוס־טראָט באַרג ארויף,
באַרג ארונטער אין גאַלאָפּ.

איבער טייכן שפּרינגען—שפּרינגט ער,
איבער ימים שווימען—שווימט ער.

טרעף איך אָן א מיידעלע,
ארבעטן פארשטייט זי ניט.

זי פארשטייט ניט פיין צו שפּינען,
שפּינען פיין, געדיכט צו וועבן.

אוי, האָב איך א בייטשעלע,
פיין געשניצט, געדיכט געפלאָכטן.

האָב מיט אים געלערנט זי—
שפּינען פיין, געדיכט צו וועבן.

71.

בין איך בא ליב מאמעלען
איינציק טעכטערל,
ארבעט דאַך פאר מאַמעלען:
טו די שווערסטע שטוב־ארבעט,
גלייך מיט אלע מיידעלאך.

הייסט מיך מיין ליב מאַמעלע
פרי־באגינען אויפשטיין,
פאָלג איך, שטיי אויף פרי־באגינען:
צינד פאר איר דאָס פייערל,
אף צו קאָכן פרישטיק.

הייסט מיך מיין ליב מאַמעלע
דינעם פאָדים שפינען,
פאָלג איך, שפין, ניט רוענדיק:
דינעם פאָדים אויפגעדרייט,—
מאטקעס גאנצע טויזנטער.

הייסט מיך מיין ליב מאַמעלע
וועבן דינעם לייוונטל,
פאָלג איך, וועב איך לייוונטל:
דינעם לייוונט אויפגעראָלט—
אין געפּאַרבטן קופערט.

פירט מען שוין מיין אויסשטייער
צו א פרעמדן געגנטל,
אף א צוויי־דריי פורעלאך,
אף א פיר־פינף פערדעלאך—
מחותנימ׳לאך באגלייטן.

נאָר די פורעלאך פארזינקען,
רייסן זיך די שטריק פאנאנדער,
שטריקעלאך צעפלאצן,
פלאצט פאר אומעט הערצעלע
בא מיר, יונגער מיידעלע.

קומענדיק אין קלייטעלע,
שאָקלט די פאָדלאָגע זיך,
שאָקלען-שאָקלט זיך פאָדלאָגע,—
פאלן-פאלן טרערעלאך
פון מיין פנים׳ל.

.72

פארגאנגען זונעלע,
באַלד קומט דער אָוונט.
—קומט מיך ארויסלאָזן,
איר, ליבע ברידערלאך,—
דורך קאָרנפעלד,
דורך גרינער לאָנקע.

ארויסגעריטן,
באגלייטנדיק,
דורך גרינער לאָנקע,
הויך רופנדיק:

—אצינד, ליב שוועסטערל,
דו גרויסהאלטערין,
געזעגן אויף אייביק זיך
האָסטו בא מאמעלען.
ווי וועסטו בויגן זיך
פאר בייזער שוויגערל,
און ווי געפעלן
די שטאָלצע שוועגערינס?

—איך וועל פרי אויפשטיין
נאָך פאַרן וועקן,
צעצינדן פייערל
נאָך פארן הייסן.
וועל פאר דער שוויגערל
צעצינדן פייערל,
וועל פאר די שוועגערינס
גיין שעפּן וואַסערל.

איך פלעג בא מאַמעלען
דאָס גרעט מיט זייף וואַשן.
די גלעזער רייבן,
זיי זאָלן פינקלען.
און איצט בא שוויגערל
וועל איך דאָס גרעט וואַשן
מיט מיינע טרערעלאך,
און וועל עס טריקענען
מיט מיינע זיפצן.

~ ~

73.

אוי, א וואונדער,
איז געשען א וואונדער,—
זומער איינגעפראָרן
אלע אָזערעס.

—וואו דיך, פערדעלע ברוין,
פירן טרינקען?
ליפּע-עמערל
וואו זאָל איך שוויינקען?

גליקט אָפּ ליימע
מיט א זוניק טאָגעלע
און צעוואַרעמט
א פאראייזטע אָזערע.

פערדעלע ברוין,
דאָ גיב איך דיר טרינקען,
ליפּע-עמערל
דאָ וועל איך שוויינקען.

פונם פריץ
קויפט א פערד מיין ברודער—
קומט ער באַרג ארונטער
מיט זיין כלה.

—זאָג, זאָג אוים, וואָס הירזשעסטו
ברוין פערדל,
זאָג, זאָג אוים, וואָס וויינסטו,
כלה-מיידל?

הירזשעט פערדעלע,
ס'איז שוואַרץ דער האָבער,
וויינט דאָס מיידל
אפן ערשטן טאָגעלע.

.74

ניט באטראכט האָסטו זיך מיידעלע,
זייענדיק א יונגינקע:
צוגעהערט פון בחור'ל
זיינע ליבע ריידעלאך.

דו פאַרפּלעכסט היינט דיינע צעפּעלאך
שוין דאָס לעצטע מאָל,—
די מתנות צוגעשיקט
פונם יונגן בחור'ל.

די מתנות צוגעשיקט
פונם יונגן בחור'ל:
גרינעם רוטן־קרענצעלע
און א גאָלדן רינגעלע.

וועסט ניט מער שפּאַצירן, מיידעלע,
איבער מאַמעס הייפעלע,—
וועסט ניט רייסן גרינע רוטן,
זיך ניט פלעכטן קרענצעלע.

ניט שפּאַצירן אפן יאָרמאַרק
מיט א פריילאך הערצעלע,—
חנ'דלען זיך מיט בחורים'לאך,
ריידן ליבע ריידעלאך.

אָפּגעזונדערט, מיידעלע,
ביזטו פון די שוועסטערלאך:
האָסט צעבליט זיך, ווי א רויזעלע,
אין א ליליען־גערטנדל.

ניט צעבליט האָבן די רויזעלאך
היינטיקס יאָר נאָך ניט קיינמאָל,
דו פארוועלקט האָסט, מיידעלע,
שוין אף אלעמאָל.

75.

פון וואָס געזאַמלט
איז דאָס הויך בערגל?—
דאָס זיינען מיינע זיפֿצן.

פון וואָסער אויספליייץ
איז אָט די אָזערע?—
דאָס זיינען מיינע טרערן.

אוי, ווייט, העט־ערגעץ
האָב איך מיין היימעלע,—
ס'וועט זיין א מייל צוויי הונדערט.

אהינטער טייכן,
אהינטער וואַסערן,
אהינטער וועלדער פינצטערע.

אוי, גאָט, אוי וויי מיר,
אוי, איך האָב, גאָטעניו,
געטראָפן שלעכט מיט מאַנעלע.

א בייזע שוויגער,
און בייזע שוועגערינס,
ניט פריינטלאכע די שוואָגערלאך.

כ'וואָלט נעמען וועבשטול
און מיין דין נעדעלע,—
זיך לאָזן איבער טייכעלע.

צעבראָכן וועבשטול,
צעבראָכן נעדעלע,
ניטאָ מיין גרינער זיידנס.

וועל ווי א פישעלע,
וועל ווי א העכטעלע,
אין וואַסערל דערטרינקען.

וואָלט, ווי א פישעלע,
וואָלט, ווי א העכטעלע,
צום ברעג ארויס געראנגלט זיך.

אוי שווער דער אָטעם
אין ים פאר פישעלע,—
דאָרט אינם גרויסן וואַסערל.

76

אוי, אלע שילטן מיך,
ס'העלפט מיר ניט קיינער.
מאַנעלע שלאָגט מיך,
קאָן מיך ניט ליידן.
—וואַרט, וועסט דערוואַרטן זיך,
מאַנעלע-רשע,
איך וועל פארקלאָגן
דיך פאר מיין טאַטעלען.

קומט אָן מיין טאַטעלע,
קומט ער געגאַנגען,
ברייננגט ער מיין מאַנעלע
עטלאכע הונדערטער:
—שילט נאָר און לערן זי,
איידימל ליבינקער,
טו, ווי דיר איז געפעלן.

אוי, אלע שילטן מיך,
ס'העלפט מיר ניט קיינער,
מאַמעלע שלאָגט מיך,
קאָן מיך ניט ליידן.
—וואַרט, וועסט דערוואַרטן זיך,
מאַנעלע-רשע,
איך וועל פארקלאָגן
דיך פאר מיין מאַמעלען.

קומט אָן מיין מאַמעלע,
קומט זי געגאַנגען,
ברייננגט זי מיין מאנעלע
פיינינקן שטעקעלע:
—שילט נאָר און לערן זי,
איידימל ליבינקער,
טו, ווי דיר איז געפעלן.

אוי, אלע שילטן מיך,
ס׳העלפט מיר ניט קיינער,
מאַנעלע שלאָגט מיך,
קאָן מיך ניט ליידן.
—וואַרט, וועסט דערוואַרטן זיך,
מאַנעלע־רשע,
איך וועל פאַרקלאָגן
דיך פאַר מיין שוועסטערל.

קומט אָן מיין שוועסטערל,
קומט זי געגאַנגען,
ברענגט זי מיין מאַנעלע,
לייוונטל ווייסן:
—שילט נאָר און לערן זי,
שוואָגערל ליבינקער,
טו, ווי דיר איז געפעלן.

אוי, אלע שילטן מיך,
ס׳העלפט מיר ניט קיינער,
מאַמעלע שלאָגט מיך,
קאָן מיך ניט ליידן.
—וואַרט, וועסט דערוואַרטן זיך,
מאַנעלע־רשע,
איך וועל פאַרקלאָגן
דיך פאַר מיין ברודערל.

קומט אָן מיין ברודערל,
קומט ער געגאַנגען,
ברענגט ער מיט שווערדעלע
גלאַנציקן, שאַרפן:
—זאָלסט גיך אנטלויפן,

שוואָגערל מיין,
וועסטו זיך ראַטעווען.

ווי אין א האָלץ מען האַקט,
וועל איך צעהאקן דיך,
זאָלסט צו דער ערד פאַלן,
גלייך צו א דעמב, וואָס פאַלט.
בלוט דיינס זאָל שפריצן,
לעבן פארשווינדן,
ווי אף ווינט—מעקענע.

77

טעגעלאך דריי פריילאכע,—
דאָס גאנצע לעבן וויינען,—
אוי, דו מיידל-מיידעלע,
ביטער וועסטו וויינען.

קומען אָנגעהוליעט
וועט דיין מאן פון קרעטשמע,—
ברייגען א ניי בייטשעלע
דיר אנשטאָט א לעקאכל.

שלעפּן דיך פון בעטעלע
גיי, דערלאנג אים וועטשערע!
צי דו האָסט, צי ניט,
נאָר דערלאנגען מוזטו.

דו וועסט ביי דער זייט זיך שטעלן,
ווי א זעלנערל,
אוי, דו מיידל-מיידעלע,
ביטער וועסטו וויינען.

78

איך וועל ניט זינגען,
נאָר ביטער וויינען:

מיין מאַן געוואָרן איז א ציגיינער,—
האָט אלץ געביטן זיין ברוין פערדל.
ער האָט פארמאָגט דאָס איינציק פערדל,
האָט ער עס טרייבנדיק, גע׳פּטר׳ט.

איך וועל ניט זינגען,
נאָר ביטער וויינען:

איך האָב א מאַן א וויסטן שיכור,
ער האָט פאר׳שיכור׳ט מיין לעצט קליידל.
געהאט האָב איך דאָס איינציק קליידל ,
וואָס כ׳האָב נאָך ניט געהאט צעטראָגן.

איך וועל ניט זינגען,
נאָר ביטער וויינען:

מיין מאַן געוואָרן איז א רימער,
האָט אויסגעפלאָכטן פאר מיר א קאנטשיק.
פאר וועמען זאָל איך מיין צער אויסגיסן?—
אנטלויפן וועל איך צו מיין מאַמעלען.

פאר איר ניט זינגען,
נאָר ביטער וויינען.

79

—מיין ליב מיידעלע,
פארקומערט הערצעלע,
זאָג־זשע, מיידעלע,
פון וואנען קומען די געסט?

—דער שדכן קומט פון ווילנע,
א קרוב׳ל פון טילזיט,
און דאָס יונג בחור׳ל
פון א ווייטן דערפעלע.

—מיין ליב מיידעלע,
פארקומערט הערצעלע,
זאָג־זשע, מיידעלע,
מיט וואָס וועסטו מכבד זיין די געסט?

—דעם שדכן מיט ביר,
דעם קרוב׳ל מיט מעד,
און מיין ליבן בחור׳ל
ועל איך ווין דערלאנגען.

—מיין ליב מיידעלע,
פארקומערט הערצעלע,
זאָג־זשע, מיידעלע,
עסן געבן, וואָס וועסטו די געסט?

—דעם שדכן חזיר־פלייש,
דעם קרוב׳ל געגדזנס,
און מיין ליבן בחור׳ל
א ווייס הינדעלע.

—מיין ליב מיידעלע,
פארקומערט הערצעלע,
זאָג־זשע, מיידעלע,
אויפוועקן מיט וואָס וועסטו די געסט?

—דעם שדכן מיט א ריטעלע,
דעם קרוב'ל מיט א פעדערל,
און מיין ליב בחור'ל
מיט ווערטער ליבינקע.

—מיין ליב מיידעלע,
פארקומערט הערצעלע,
זאָג־זשע, מיידעלע,
ביז ווי וויט ווען די געסט באגלייטן?

—דעם שדכן ביז'ן ערשטן טויער,
דעם קרוב'ל—ביז'ן צווייטן,
און מיין ליבן בחור'ל
אריבער גלייכן פעלדעלע.

80

שדכן, דריי־קאָפּ, דו מולירער,
האָסט פארלויבט דעם חתנ׳ם היימעלע,—
דערציילט פון א געמויערט הייפעלע,
פון קרישטאָלענע פענצטערלאך.

איך בין, יונגע, אָנגעקומען
און האָב ניט קיין גוטס געפונען,—
דאָס הייפל מיט א וויטשקעס־צאם,
פענצטערלאך מיט שטרוי פאַרשטאָפּט.

שדכן, דריי־קאָפּ, דו מולירער,
האָסט פארלויבט דעם חתנ׳ם היימעלע,—
דערציילט פון גענדזועלאך אין סאזשלקע,
פון שווימנדיקע קאַטשקעלאך.

איך בין, יונגע, אָנגעקומען
און האָב ניט קיין גוטס געפונען,—
וואַסער־בלעזלאך אינם סאזשלקע,
און ארום א בלאָטע.

שדכן, דריי־קאָפּ, דו מולירער,
האָסט פארלויבט דעם חתנ׳ם היימעלע,—
דערציילט פון קאָרן אפן בערגל,
אונטער בערגל—פעטע ערד.

איך בין יונגע אָנגעקומען
און האָב ניט קיין גוטס געפונען,—
געפונען אפן בערגל דערנער,
אונטער בערגל—זאַמד.

שדכן, דריי־קאָפּ, דו מולירער,
שדכן, דריי־קאָפּ, דו מולירער,
איך וועל געבן דיר מתנות,
איך וועל געבן דיר מתנות:

פון אן עגלע־בוים—א וועסט,
פון א סאָסנע—אַרבל,
א קאָלנער פון בעריאָזע־קאָרע,
און א גאַרטעלע פון ריטער.

81

איז א פריילאך חתונ׳קה,
אף דער מאַמעלען א גדולה,—
מאַמעלע א שיכור׳ע,
פלאָנטערט מיט די טריטערלאך.

זי וועט זיך נאָך אויסגליטשן,
אף דער ערד זיך אויסציען,—
חוזק׳דיק צעלאכן זיך
וועט די שנור.

באַ דער זייט פון מאַמעלען
האָט געשטעלט זיך טעכטערל,
אָנגעהאַלטן מאַמעלען
פאר א הענטעלע.

וועט ניט מאַמעלע זיך אויסגליטשן,
ניט אף דר׳ערד זיך אויסציען,—
חוזק׳דיק צעלאכן זיך
וועט ניט די שנור.

82

—טאָכטער מיינע, סימאָניענע,
וואו ס׳טו קינד באקומען?
דאַם־דאַם, דאַלי־דאַם,—
וואו ס׳טו קינד באקומען?

—מאַמע־מאַמעלע געשעצטע,
נ׳חלום מיר געקומען;
דאַם־דאַם, דאַלי־דאַם,—
נ׳חלום מיר געקומען.

—טאָכטער מיינע, סימאָניענע,
נ׳וואַס וועסטו עם וויקלען?
דאַם־דאַם, דאַלי־דאַם,—
נ׳וואַס וועסטו עם וויקלען?

—מאַמע־מאַמעלע געשעצטע,
וויקלען אין מיין קליידעלע;
דאַם־דאַם, דאַלי־דאַם,—
וויקלען אין מיין קליידעלע.

—טאָכטער מיינע, סימאָניענע,
ווער וועט פאר אים זאָרגן?
דאַם־דאַם, דאַלי־דאַם,—
ווער וועט פאר אים זאָרגן?

—מאַמע־מאַמעלע געשעצטע,
הימלס ליבסטע טעכטערל;
דאַם־דאַם, דאַלי־דאַם,—
הימלס ליבסטע טעכטערל.

—טאָכטער מיינע, סימאָניענע,
נ׳וואָס וועסטו עס לייגן?
דאַס־דאַס, דאַלי־דאַס,—
נ׳וואָס וועסטו עס לייגן?

—מאַמע־מאַמעלע געשעצטע,
פונ׳ם טוי אין קאָלדרעטשקע;
דאַס־דאַס, דאַלי־דאַס,—
פונ׳ם טוי אין קאָלדרעטשקע.

—טאָכטער מיינע, סימאָניענע,
נ׳וואָס וועסטו עס וויגן?
דאַס־דאַס, דאַלי־דאַס,—
נ׳וואָס וועסטו עס וויגן?

—מאַמע־מאַמעלע געשעצטע,
נ׳ליימעס פיינעס וויגעלע;
דאַס־דאַס, דאַלי־דאַס,—
נ׳ליימעס פיינעס וויגעלע.

—טאָכטער מיינע, סימאָניענע,
ווי וועסטו עס שפייזן?
דאַס־דאַס, דאַלי־דאַס,—
ווי וועסטו עס שפייזן?

—מאַמע־מאַמעלע געשעצטע,
מיטן ברויט פון זונעלע;
דאַס־דאַס, דאַלי־דאַס,—
מיטן ברויט פון זונעלע.

—טאָכטער מיינע, סימאָניענע,
וואו וועסטו אים אָפגעבן?
דאַס־דאַס, דאַלי־דאַס,—
וואו וועסטו אים אָפגעבן?

—מאַמע־מאַמעלע געשעצטע,
אים אין זעלנער אָפּגעבן;
דאַם־דאַם, דאַלי־דאַם,—
אים אין זעלנער אָפּגעבן

—טאָכטער מיינע, סימאָניענע,
וואָס וועט פון אים ווערן?
דאַם־דאַם, דאַלי־דאַם,—
וואָס וועט פון אים ווערן?

—מאַמע־מאַמעלע געשעצטע,
ווערן א מלחמה־העלד;
דאַם־דאַם, דאַלי־דאַם,—
ווערן א מלחמה־העלד.

83

איך וועל אוועקגיין,
וועל דאָ ניט זיין מער,
זיך לאָזן זוכן,
די טעג די יונגע.

די טעג די יונגע,
מיין רוטן־גערטנדל,
מיין רוטן־גערטנדל,
די גרינע רוטן.

—אוי, רוטן, רוטן,
איר, רוטן מיינע,
ווער האָט אייך, רוטן,
אָן מיר געפלאַנצט?

—געפלאַנצט האָט זונעלע,
געפּאָליעט—לבנה׳לע,
דאָס צפון־רעגנדל
האָט באַגאָסן.

84

אױף װעג אױף װײַטן,
אױף װײַטן שליאַך־װעג,—
דאָרט שטײט א גרינער ליפּע־בױם,
צעװאַסן אין ניין צװײַגעלאך.

פֿון אונטער ליפּע־בױם,
פֿון אונטער גרינינקן,
זיצט אַלטע מאַמעלע
און רעדט מיט טעכטערל.

—אױ, זאָג מיר, מאַמעלע,
מײַן מאַמע אַלטעטשקע,
װאו קרענצל גרינינקן
זאָל איך אהינטאָן?

—ליב טעכטערל,
דו יונגינקע,
הײנג אָן אױף ליפּע־בױם,
אױף װיגנדיקן צװײַגעלע.

געבלאָזט האָט װינטעלע,
געװיגט דאָס צװײַגעלע,—
אראָפּגעבלאָזט דאָס קרענצעלע
אין בלאָטע שװאַרצינקער.

פֿארזונקען טעגעלאך,
די יונגע טעגעלאך,
זאָל זינקען קרענצעלע
אין בלאָטע שװאַרצינקער.

85

איך וועל אַוועקגיין,
וועל דאַ ניט זיין מער,
זיך לאָזן זוכן
די טעג די יונגע.

זיך לאָזן שווימען
אריבער ימים,
צוריקצוקערן
די טעג די יונגע.

—איז ניט א חוזק
די רייד די מיידלשע?—
דו ווילסט צוריקקערן
די טעג די יונגע.

ווּעסט זיך אראָפּלאָזן
צום דעק פון ימ׳עלע,
ווּעסטו ניט אָפּזוכן
די טעג די יונגע.

נו, שטיל, ניט וויינ־זשע,
נשמה־מיידעלע,
איך וועל דיך אָפּלאָזן
צו חברה־יונגוואַרג.

—איז ניט א חוזק
די רייד די בחור׳שע?—
ער וויל מיך אָפּלאָזן
צו חברה־יונגוואַרג.

באַ אַלע מיידעלאַך
די רינגעלאַך פינקלען,
באַ מיר נאָר איינער—
פאַרראַסט איז אינגעלע.

באַ אַלע מיידעלאַך
קרענצעלאַך גרינינקע,
באַ מיר נאָר איינער—
אַ ווייס הייבעלע.

VII.

יתומים'שע

86

איבער דער אָזערע
שווימט אום א שיפל.

דאָרט אינם שיפל
זיצט א יונג מיידל.

זיצט א יונג מיידל,
וויינט זי און טרויערט:

—וועט ניט א מאמעלע
נדן מיר גרייטן.

וועט מיר ניט טאַטעלע
ירושה אויסטיילן?

וועלן ניט שוועסטערלאך
קרענצל מיר פלעכטן?

וועלן מיך ניט ברידערלאך
פעלד אוים באַגלייטן?

—זונעלע־מאַמעלע
נדן וועט גרייטן,

לבנה־טאַטעלע
ירושה אויסטיילן.

שטערנדלאך שוועסטערלאך
קרענצל דיר פלעכטן.

זיבנשטערן־ברידערלאך
פעלד אוים באַגלייטן.

87

—אָ, וואו רייט איך, ברידערלאַך,
אינם ליכטיקן באַגינען?

זוך איך, זוך מיין מיידעלע,
זוך אויך מיין ברוין פערדעלע.

האָב קיין טאַטע־מאַמעלען—
בין א יתום אָרימער.

ליכטיק זונעלע אױף הימל—
מיין ליב מאַמעלע.

ליכטיק לבנה׳לע אױף הימל—
מיין ליב טאַטעלע.

שטערן ליכטיקע אױף הימל—
מיינע ליבע שוועסטערלאַך.

גרינע דעמבעם אינם וואַלד—
מיינע ליבע ברידערלאַך.

מאָרגנשטערנדל אױף הימל—
מיין ליב מיידעלע.

88

ביידע מיר שוועסטער,
ביידע יתומות;
וואו מיר צוויי גייען—
וויינען מיר, קלאָגן.

שוועסטערל ליבינקע,
קום אינם גערטל—
גרינען דאָרט רוטן,
אָנקוקן קום זיי.

אוי, אוי פאראנען
רוטן אין גערטל,
אָבער ניטאָ מער
מאַמעלע אונזערס.

רייסטו די רוטן—
גרינען באַלד נייע,
מאַמע געשטאָרבן—
ניטאָ מער קיין נייע.

89

דאָרט אױף הױכן בערגעלע,
אין דער הויך—א קבר׳ל,
אוי, דאָרט ליגט מיין מאַמעלע—
דאָרט אױף הױכן בערגעלע.

לאָמיר גיין, מיין שוועסטערל,
ביידע מיר—יתומה׳לאך,
זאַלבעצווייט זיך אויסוויינען,
אויסוויינען פאר מאַמעלען.

—אוי, איר טעכטערלאך
איר, מיינע עלנטע,
וואָס וועט איר עסן,
וואָס וועט איר טרינקען?

—מיר׳ן עסן גרינעם גראָז,
טרינקען דעם באַגינען-טוי,
אַבי אינאיינעם—ביידע שוועסטער
זיין בא אונזער מאַמעלען.

90

דורך דאָרף געגאנגען,
דורך דאָרף געוואָגלט,—
אוי, ווייט פון טאטעלע
און ווייט פון מאַמעלע.

איך קום אָן, גייענדיק,
איך קום אָן, וואָגלענדיק,—
בא זייט פון שליאַך־וועג,
צו לאָנקע גרינינקער.

און אף דער לאָנקע,
אף גרינער לאָנקע,—
האַלט גראַבליע מיידעלע,
שאַרט היי אויף פרישינקן.

היי שאַרט זי ווינציק אָן,
אוי, מערער וויינט זי,—
פארקומערט אָנגעשפּארט
אף גראַבליע הילצערנער.

—וואָס שטייסטו, מיידעלע,
דיין היי ניט אויפגעשאַרט,—
אף וואָס, זאָג, וויינסטו
מיט טרערן ביטערע?

—אוי, ווי ניט וויינען
און ווי ניט קלאָגן,—
מיר פעלט דאָס מאַמעלע,
מיין אַלטע מאַמעלע.

—פעלט דיר דאָס מאַמעלע,
און מיר פעלט טאַטעלע,—
מיר זיינעןביידע
יתומים עלנדע.

פאַרוואַרף די גראַבליע
אף גרינער לאָנקע,
און גיב מיר, מיידעלע,
דיין ווייס הענטעלע.

גיסטו מיר הענטעלע,
גיב אויך דיין רינגעלע,—
און דו ווערסט מיינע,
מיין ליב מיידעלע.

91

אײ, האָט געהודזשעט
צפון־ווינטעלע,
אײ, האָט געשריען
בחור יונגינקער.

עס הערט אויף הודזשען
צפון־ווינטעלע,
עס הערט אויף שרייען
בחור יונגינקער.

—אײ, פּלאָג מיך, פּלאָג מיך,
דאגה׳לע מיין,—
וועל איך אמאָל דיך
ביז גאָר אויסקלאָגן?

בין איך געגאנגען
אף ברייטן שליאַך־וועג,—
דאגה׳לע מיין
שטעלט זיך אין וועג מיר.

אָט רייטן, רייטן
ברידערלאך הונדערט,—
פיר הונדערט טלויען,
פערדישע טלויען.

וואָלט איך געבעטן,
ברידערלאך יונגע,—
איר זאָלט צעטרעטן
דאגה׳לע מיין.

איר זאָלט צעטרעטן
דאגה׳לע מיין,—
זאָלט עס צעהאקן
מיט אייערע שווערדן.

טרעטן זיי, טרעטן,
זהאַקן מיט שווערדן,—
דאגה׳לע מיין
שרעקט זיך פאר גאַרנישט.

דאגה׳לע מיין
שרעקט זיך פאר גאַרנישט,—
וואַרצלט זיך טיפער,
בלעטלט זיך, בלעטלט...

בלעטלט זיך, בלעטלט,
צווייגלט זיך ברייטער,—
דאגה׳לע מיין
שרעקט זיך פאר גאַרנישט.

איך וועל אוועקגיין
צו מאַמעלען מיין,—
ביז גאַר אויסקלאָגן
דאגה׳לע מיין.

איז מיין מאַמעלע
אף הויכן בערגעלע,
אף הויכן בערגעלע,—
אין טרונע נייאינקער.

איך וועל אויסקלאָגן
דאגה׳לע מיין,
ווען איך וועל קומען
צו מאַמעלען מיין.

92

געשיקט מיך אינם װעלדעלע,
אין װעלדעלע נאָך יאַגעדעס,
אין װעלדעלע נאָך מאַלינעס.

קלויב איך ניט קיין יאַגדעלאַך,
רײַס איך ניט קיין מאַלינעס, —
פֿאַרגאַנגען צו אַ בערגעלע,
אַהין צו מאַמעס קבֿר׳ל.

אוי, ביטער־ביטער װײנענדיק
שטיי איך אױף מאַמעס קבֿר׳ל.

— אוי, װער האָט דאָ צעװײנט זיך,
װער טרעט דאָ אױף מײַן קבֿר׳ל?
— איך, מײַן מאַמעלע,
יתומה עלנדע.

װער װעט קעפּעלע פֿאַרקעמען מיר
שװײנקען מיר דאָס מײלכל,
מיר זאָגן ליבע רײדעלאַך?

— אַ הײם גײ, מײַן ליב טעכטערל,
דאָרט װעט אַן אַנדער מאַמעלע
פֿאַרקעמען דיר דאָס קעפּעלע,
שװײנקען דיר דאָס מײלכל.

דאָרט װעט אַ יונג אײנגעלע
דיר זאָגן ליבע רײדעלאַך.

VIII.

ראודאָם

(קלאָגלידער)

93

(נאָך א מאַמען)

מאַמעלע דו מיין, איך וועל פֿאַרבויגן זיך צו דיינע פיסעלאך, איך וועל פֿאַרבויגן זיך צו דיינע הענטעלאך, וואָס האָבן מיך ארומגעטראָגן, צום מיילכעלע, וואָס האָט גערעדט צו מיר, אלע ארבעט טאָן געלערנט מיך.

האָסט נאָך ניט אויסגעלערנט מיך, ווי דו האָסט עס געקאָנט, האָסט אונז אלעמען געהאָדעוועט, צו זיך געטוליעט.

געלאָזן א יתומה מיך, ווי א קאַטשקע אף א וואַסערל.

אוי, איך גיי אין צרות, ווי דורך א זומפ א טיפן, איך גיי אין טרערעלאך, ווי דורך א וואַסערל.

א האַרט ביינקעלע פאר א יתומה׳לע, אף ביינקעלע זיץ איך, ביינקעלע בויג איך.

איך וואָלט אוועק צום גרינעם וועלדעלע, וואָלט געשטעלט זיך אונטער גרין בעריאָזקעלע, נאָר פון בעריאָז־קעלע די צווייגעלאך זיינען ניט קיין ליבינקע, פון בעראָיז־קעלע די צווייגעלאך זיינען בייזינקע.

מאַמעלע דו שטאָלצינקע, וואָס איך רייד ניט, וואָס איך זאָג ניט, אוי, פארוואָס ענטפערסטו ניט כאָטש מיט איין ווערטעלע? דיין האַרץ האָט זיך אין א שטיינדעלע פאַרוואַנדלט.

האָסט דאָך פריער אזוי פיל גערעדט צו מיר, אזוי דאָך ליב געוועזן, איך וואָלט געבעטן די קוקאווקע אין וואַלד, זי זאָל מיר העלפן דיך מאַכן ריידעווודיק.

צעעפנט זיך וועלע׳ס*) טייערלאך, צעעפנט זיך וועלע׳ס טירעלאך, נעמט מיין מאַמעלען פאר די ווייסע הענטעלאך, זעצט אוועק זי אף וועלע׳ס ביינקעלע.

---

*) וועלע, האָט באַטיים בא די געצנדינערישע ליטווינער די נשמה פון א צדיק.

מאַמעלע, ווייט איז דיין וועג, פינצטער דיין שטיבע־לע—אָן טירעלאך, אָן גלאָז־פענצטערלאך.
אוי, וועסט נישט זען דעם פרילינגס אויפשיינען, נישט הערן אין וואַלד די קוקאווקעס שרייענדיק.
פאַרוואַקסן וועט מיט גרינעס גראָז דאָס סטעזשקעלע צו דיר, וואַרפן וועלן זיך בלימעלאך און גרעזעלאך, און איך וועל ניט טרעפן צו דיר צו קומען—ניט אין א יריד־טאָג, נישט אין א חגא־טאָג.

94

(נאָך א מאַן)

אוי, מיין מאַנעלע, מיין באַשיצער, כאָטש געווען פאר מיר א שיטער פאַרקנדל, דאָך פון ווינט פארשטעלט.
אוי, מיין מאַנעלע, האָסטו דערציילט מיר, האָסטו גערעדט צו מיר. איי, מיט וועמען וועל איך איצט ריידן? באַטאָג—מיט ווינטעלע, באַנאַכט—מיט ווענטעלע.
אוי, מיין מאַנעלע, אז איך האָב דיך געהאַט, האָב איך פון הויף דאָס טייערל נישט אָפגעשפאַרט.
אוי, מיין מאַנעלע, נאָך אין קבר'ל די פיסעלאך האָסטו נישט אויסגעצויגן—און איך האָב טייערל אליין שוין אָפגעשפאַרט.
אוי, מיין מאַנעלע, האָסט פאר'יתום'ט מיך און די קינדערלאך, ווער וועט דיינע עופ'עלאך אָן ארבעט לערנען? שווער וועלן זייערע הערצעלאך זיין, אז לערנען וועלן זיי פרעמדע.
אוי, מיין מאַנעלע, באַדאַנק אונזערע שכנים'לאך פאר אלע קלאָג־ווערטער און געזאַנגען.
מען וועט פארטראָגן דיך צום מאַיאָנטיקל—אָן פענצ־טערלאך, אָן טירעלאך, דיין אייביק היימעלע; וועסטו אויפהייבן די ווייסע ברעטעלאך פון אונטער שוואַרצער ערד?
אוי, מיינע קינדערלאך, וועט איר, צום בערגעלע קומענדיק, אייער פאָטערל דערקענען?

95

(נאָך א טאָכטער)

טאָכטערל מיין, ליליענבלימעלע, איך האָב געטראַכט אויפצוהאָדעוועו א העלפערין פאר מיר.

איך האָב געטראַכט מיינע פיס און הענט וועסטו פארבייטן. אצינד דארף איך אליין אף יונגע פיס זיך שטעלן.

אוי, ווען איך וואָלט דערוואַרט זיך, ווי אלע מאַמעס: דיך אויפהאָדעווענדיק, פאר א שנור ארויסלאָזן, מיט סטיינגעס זיידענע, מיט פייקעלאך און גלעקעלאך און מיט געזאנגען שיינע.

אצינד, אוי, לאָז איך דיך ארויס מיט א פארוויסטן האַרץ, מיט טרערן ביטערע.

מיין טעכטערל, וועלע׳ס שנורעלע, איך וועל מער דיך שוין נישט זען.

אוי, מיין טעכטערל, ווי א בלימעלע האָסטו געהאַט געבליט, אוי, מיין ליליע ווייסינקע, רויז דו רויטינקע, שמעקנדיקע נעלקע-בלימעלע, יונג רוטן-צווייגעלע.

אוי, אנדערע לאָזן די טעכטערלאך אין דער פרעמד ארויס, צו מאַנס משפחה׳לע, און איך מיין טעכטערל לאָז ארויס צום הויכן בערגעלע, אין שוואַרצער ערד.

אין די באַגינענס און פארנאַכטן וועל איך מיין טאָכטערס קבר׳ל באַזוכן.

אוי, איך וועל באַזוכן דיך מיט טרערן ביטערע און וואָסערע גרעזעלאך וועלן ארויסשפּראָצן, וואָסערע צווייגעלאך וועלן צעוואַקסן זיך, וואָסערע בלימעלאך וועלן צעבליען זיך?

און אז איר וועט צעבליען זיך און צעבלעטערן, אלע גראָזן און בלימעלאך, וועט איר פאַרוויאַנען פון מיינע טרערעלאך די טריפנדיקע.

96

(נאָך א זון)

אוי, מיין זונעלע, מיין אַקערער, מיין היי־שניטער, ווען עס וועט אויפשיינען דער פרילינג, אלעמענס זין מיט נייע אַקערס וועלן אף די פעלדער ארויס, און בלאַנקע קאָסעס וועלן פינקלען.

מיין זונס עקסעלאך וועלן ברומען, רופן דעם אַקערער, מיין זונעלעס בלאנקע קאָסע וועט זשאַווערן.

פרילינג וועט אויפשיינען. אלעמענס מאַמעלאך וועלן אין דרויסן ארויס, קינדערלאך טראָגנדיק, און איך, די איינציקע, וועל וויינען, וויינען קוקנדיק, קיין טרייסט ניט האָבן, מיט וואָס צו פרייען זיך.

אוי, מיין זונעלע, מיין ליב ביימעלע, וואָלסטו אויפ־געוואקסן, אף די פיסעלאך זיך געשטעלט. אוי, מיין קליי־ניטשקער, זיינען דען מיינע הענט אזוי האַרט, מיינע ווערטערלאך אזוי ביטער?

טראָג א נערוס אוועק צו מיין מאַמעלען: דער אַל־טיטשקער.

איך פאַרבויג זיך צו דיינע פיסעלאך מיט מיין זונעלע דעם קלייניטשקן.

מאַמעלע מיינע, באַגעגן און נעם אויף מיין אָנקומענ־דיקן זונעלע און טראָג אים אף דיינע ווייסע הענטעלאך, מיין קלייניטשקן, מיין גאַרנישט־נישט־פאַרשטייענדיקן. ניט ריידן קאָן ער, ניט אף די פיסעלאך זיך שטעלן.

פיר אים און לערן אים.

צי וועסטו דערקענען מיין זונעלע, דיין יונג אייניקל?

מאַמעלע, האָסטו דאָך קיין דינסטן ניט, וואָס זאָלן מיין זונעלע ארומטראָגן.

פיר־זשע דו אים און טראָג אים אף דיינע ווייסע הענ־טעלאך.

97

(געדונגענע קלאָגערין)

מען האָט מיך געדונגען דיינע שבחים דערציילן,
מען האָט מיך געדונגען, דיך צו באַקלאָגן.

מען האָט מיר צוגעזאָגט א פולע זיפּ מיט באָב,
מיר צוגעזאָגט אויך הזיר־פּעטס—א צוגאָב.
צי וועט מען באַצאָלן מיר, צי ניט?
זאָל איך שבחים זאָגן, אָדער ניט?
צי זאָל איך קלאָגן, אָדער ניט?

גיב אָפּ, טויט שוועסטערל,—
צו וואָס דיר דעם וואָל באהאלטן?—
גיב אָפּ אים צו דיין קלאָגערין.

אוי, פאר דיר, מיין שוועסטערל,
געפונען א קלאָג-לידעלע
האָב איך פון טיפן האַרצן:

דו האָסט נאָך נעכטן קוילעטשן געבאַקן,
און היינט ליגסטו אף ווייסע ברעטעלאך.

IX.

געזאַנג

98

איר דיינעס*), איר דיינעס,—
איר האָט ניט קיין סוף;
מיט דיינעס איז פריילאך,
אָן דיינעס—אָן אומעט.

*) אין ליטוויש איז איינצאל—„דיינא", מערצאל—„דיינאס".

99

(בחור׳ס געזאַנג)

איך וועל אויסזינגען
פון דיינעס—א דיינע,—
איך בין א דיינעס-בחור׳ל.

איך וועל צעעפענען
דאָס דיינעס-קעסטעלע,
אף שמחות זיי ארויסלאָזן.

דער שטיין אָן בלוט איז,
אָן פליגלען—דאָס וואַסער
דער קרויט אָן בלימעלאך.

איך בחור׳ל,
יונג בחור׳ל,—
בין אָן יונג מיידעלע.

איך וועל פערד פארקויפן
און זאָטל לעדערנעס,—
וועל דינגען זיך א וועבערין.

האָט אָפגעענטפערט
דאָס יונג מיידעלע,
פארן קלייט שפּאַצירנדיק:

—פארקויף ניט פערדל
און זאָטל לעדערנעס,—
איך וועל זיין דיין וועבערין.

100

(מיידלס געזאנג)

איך וועל אויסזינגען
פון דיינעס—א דיינע
איך בין א דיינעס-מיידעלע.

איך וועל צעעפענען
דאָס דיינעס-קעסטעלע,
אַף שמחות זיי ארויסלאָזן.

דער שטיין אָן בלוט איז
אָן פליגלען—דאָס וואסער
דער קרויט אָן בלימעלאך.

און איך, מיידעלע,
יונג מיידעלע,—
בין אָן א יונגן בחור׳ל.

וועל רינג פארקויפן,
און אויך מיין קרענצל,—
און דינגען זיך אן אַקערער.

האָט אָפּגעענטפערט
דאָס יונג בחור׳ל,
פאַרן שטאַל שפּאַצירנדיק:

—פאַרקויף ניט רינגעלע,
און ניט דיין קרענצל,—
איך וועל זיין דיין אַקערער.

יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
JEWISH PUBLIC LI...

X.

פארוויגנדיק

101

קליאָן־בוים וואַקסט אין גערטנדל,
וואַקסט זיךביימל גרינינקער.

אונטער קליאָן־בוים־ביימעלע
ליגט א קליינטשינק אינגעלע.

ווינטל בלאָזט פון מזרח־זייט,
ווינטל בלאָזט פון מעריב־זייט.

ווינטל, בלאָז פּאַוואָלינקע,
וועק ניט אויף מיין אינגעלע.

.102

טשוטשיאַ־ליוליאַ, קליינינקער,
קינדעלע מיין שיינינקער,
וואַקס זיך שטארק און הויך
און א בריה—אויך:

טשוטשיאַ־ליוליאַ, טייבעלע,
קויף פאר מאמעלען א הייבעלע,
קויף פאר שוועסטערל, מיין אינגעלע,
רויטן־קווייטל, גאָלדן רינגעלע.

טשוטשיא—ליוליא, קליינינקער,
דיך גרוים האָדעווען
און געוואוינען האָרעווען,

זיין א שניטער גאָר א פלינקער,
קערן אין פעלד דעם אַקער־אייזן
און וועסט מאַמעלען דיינם שפּייזן.

XI.

ארבעט

103

גרילצן, אוי גרילצן
מילשטיינער מיינע,
דוכט—איך מאָל גאָר ניט איינע.

מאָל איינינקע אליין,
זינג איינינקע אליין,
איינע צי איך מיין מילשטיין.

וואָס, יונג בחור׳ל,
ביזטו באפאלן,
מיך, אָרים מיידעלע?

האָסט בחור־הערצעלע,
אוי, גוט געוואוסט דאָך,
אז ס׳איז ניט מיין אָרט אין מאַיאָנטעק.

פיסעלאך מיינע—
מיינע קאַרעטן,—
טעגלאך גייען איבער זומפּן.

הענטעלאך מיינע,
הענטעלאך פלינקע,—
טעגלאך טוען ארבעט שווערע.

הערעלאך מיינע,
בלאָנדינקע העלע,—
טעגלאך צעבלאָזן איך ווינטעלאך בייזע.

104

רייטן ברידערלאַך דריי יונגע,—
האָבן, רייטנדיק, פאַרטראַכט זיך:
רייטן נאָך, צי מער ניט רייטן,
צי די פערדעלאַך צעזאָטלען?
—לאָמיר רייטן, ברידער, רייטן,
וועלן, קומענדיק, צעזאָטלען.

שניידן גראָז דריי ברידער יונגע,—
האָבן, שניידנדיק, פאַרטראַכט זיך:
שניידן נאָך, צי מער ניט שניידן,
צי זיך אָנשפּארן אױף קאָסע?
—לאָמיר שניידן, ברידער, שניידן,
נאָכן אָנשניידן זיך רוען.

שאַרן היי דריי שוועסטער יונגע,—
האָבן, שאַרנדיק, פאַרטראַכט זיך:
שאַרן נאָך, צי מער ניט שאַרן,
צי זיך אָנשפּאַרן אױף גראַבליע?
לאָמיר שארן, שוועסטער, שארן,
נאָכן אָנשארן זיך רוען.

בינעלאַך דריי האָניק טראָגן,—
האָבן, טראָגנדיק, פאַרטראַכט זיך:
טראָגן נאָך, צי מער ניט טראָגן,
צי אױף בלימעלע זיך רוען?
—לאָמיר טראָגן, בינען, טראָגן,
נאָכן אָנטראָגן זיך רוען.

טייבעלאַך דריי הויך געפלויגן,—
האָבן, פליענדיק, פאַרטראַכט זיך:
פליען נאָך, צי מער ניט פליען,
צי די פליגעלאַך צושפּרייטן?
לאָמיר פליען, טויבן, פליען,
אינם טויבנשלאַק צעשפּרייטן.

105

(טראָגנדיק די ברידער עסן)

אף ווייטער לאָנקע,
ווייט א מהלך,
געשניטן האָבן
דאָרט גראָז פינף ברידער.

און איך, די זעקסטע,
יונג שוועסטערל,
צו זיי געטראָגן
האָב איך דעם פרישטיק.

אין איין האַנט טראָג איך
די ברידערס פרישטיק,
און אין דער צווייטער—
א לייוונט האנטוך.

נאָר אָט־אָ רייטן
אף פערד אף ברוינע
דריי שררות—פריצים,
דריי פריצים פוילישע.

עס נעמט דעם פרישטיק
ביי מיר אָפּ איינער,
ס'נעמט אָפּ דאָס האנטוך
ביי מיר דער צווייטער.

און ער, דער דריטער,
דער פריץ פוילישער,
ער הייסט מיך צוהאלטן
די פערד די ברוינע.

נאָר איך—איך האלט ניט
די פערד די ברוינע,—
בין גיך אנטלאָפן
צו מיינע ברידער.

—דו האָסט, יונג שוועסטערל,
געטאָן גאנץ ריכטיק,
דעם שררה ניט פאָלגנדיק,—
צו אונז אנטלאָפן.

זיי וואָלטן אָפשניידן
דיינע צעפּ די זיידענע,
פון דיר אראָפּשארן
די רינגען גאָלדענע.

פון די צעפּ די זיידענע
געמאכט זיך צאמאלאך,
פון די רינגען גאָלדענע
געמאכט זיך שפּאָרן.

106

(פּאַסטושקעס)

די עקסעלאך געקומען ברומנדיק,
און מיר שוועסטערלאך, זינגענדיק...

—קום ארויס, דו יונגער אַקערמאַן,
צעעפן טויער פאר די עקסעלאך,
דערפריי אונז, פּאַסטושקעס.

שלעפער איין די עקסעלאך אין שטאַל,
און אונז, שוועסטערלאך—אין קלייטעלע.

107

שפּראָץ אַף טאָג זיך אויפגעהויבן,
דאַרף איך זיך צום שפּינראָד זעצן.

האָב א גאַנצן טאָג געשפּונען,—
מיינע פּיסעלאַך שוין שוואַכע.

שפּין איך מיט די לעצטע כוחות,—
פלאַקס דריי בינטלאַך אָנגעשפּונען.

אָבער ווינציק איז אַלץ, ווינציק,—
בורטשעט אַלץ די באַלעבאָסטע.

שטעל איך זיך דעם אָטים כאַפּן,—
זידלט, שילט די באַלעבאָסטע.

כאַפּט פאַר כעס זיך צום זייגערל,—
דרייט אים אַף צוריק דריי שעה.

זיץ איך א פאַרקלעמטע שפּעט אין אָוונט,
קוק אַלץ אַפן זייגערל.

זייגערל באַווייזט אַף ניין,
נאָר עס קרייען שוין די הענער.

קוים דערלעבט זיך לייגן שלאָפן,—
קוים א ביסל זיך דערוואַרעמט.

שרייט זי: פּאָפּסט נאָך, הויב זיך אויף,—
ס׳האָט די פערטע שעה געשלאָגן.

ווען וועט תּתנ׳דל מיך אויסלייזן
פון דער באַלעבאָסטע?

108

אפּן בערגל—קאָרן,
אינם גאָרטן—עפּל,
דאָרטן שרייט, דאָרטן רופט
מאמעלע איר טאָכטער:

—גיי אהיים, מיין טאָכטער,—
טאָכטערל, אהיים—
טאַטעלע פאר׳שדכנ׳ען
וויל דיך צו א שניידער.

—וועל ניט גיין אהיים,
וויל ניט אזא חתן:
פּראָסטע ארבעט ביי דעם שניידער—
נעדעלע אין האַנט.

נעדעלע אין איין האַנט,
פּאָדים אין דער צווייטער,—
אלע ארבעט ווארפנדיק,
דארף מען פּאָדים שפּינען.

—גיי אהיים, מיין טאָכטער,
טאָכטערל, אהיים,—
טאַטעלע פאר׳שדכנ׳ען
וויל דיך צו שוסטער.

—וועל ניט גיין אהיים,
וויל ניט אזא חתן:
פּראָסטע ארבעט ביי דעם שוסטער—
מיטן אָל אין האַנט.

מיטן אָל אין איין האַנט,
דראַטווע אין דער צווייטער,—

אלע ארבעט וואַרפנדיק,
דאַרף מען דראַטווע ציען.

—גיי אהיים, מיין טאָכטער,
טאָכטערל, אהיים—
טאַטעלע פאַר'שדכנ'ען
וויל דיך פאַר א שררה.

—וועל ניט גיין אהיים,
וויל ניט אזא חתן:
פראָסטע ארבעט ביי דעם שררה,
מיטן שווערד אין האַנט.

מיטן שווערד אין איין האַנט,
ביקס איז אין דער צווייטער,—
אלע ארבעט וואַרפנדיק,
דאַרף מען רייניקן די ביקס.

—גיי אהיים, מיין טאָכטער,
טאָכטערל, אהיים,—
טאַטעלע פאַר'שדכנ'ען
וויל דיך פאַר אן אַקערער.

—איך וועל גיין אהיים,
אזא חתן וויל איך,
גוטע ארבעט ביי דעם אַקערער,—
מיטן אַקער אין דער האַנט.

אַקער איז אין איין האַנט,
בייטש איז אין דער צווייטער,—
אלע ארבעט וואַרפנדיק,
דאַרף מען פיטערן די עקסעלאך.

109

האָב איך היינטיק נאַכטעלע
ניט געקאָנט גאָר איינשלאָפן,—
האָב איך געסט אַזעטיקע
ניט געהאט קיינמאָל.

—טרינקט דעם ביר, דעם קלאָרינקן,—
וואָס געברייט האָט באַלעבאָסטעטשקע.
עסט דעם האָניק זיסינקן,
צונויפגעבראכט פון בינעלאך.

ווילט איר, מיינע געסט, ניט טרינקען,
גייט אף לאָנקע שניידן היי,—
איך האָב פאר אייך אויסגעפּראַוועט
קאָסעס נייאינקע.

ווילט איר, מיינע געסט, ניט טרינקען,
גייט זשע אַקערן דאָס פעלד,—
איך האָב פאר אייך אויסגעפּראוועט
אַקעראייזנס נייאינקע.

ווילט איר, מיינע געסט, ניט טרינקען,
שניידן גייט דעם קאָרן,—
איך האָב פאר אייך אויסגעפּראוועט
סערפּן נייאינקע.

110

(נאָך וואַסער גייענדיק)

—גיי נאָך וואַסער, ציגעלע,
ציגעלע, נאָך וואַסער.
—האָב איך מורא פארן וואָלף.
—האָב ניט מורא פארן וואָלף:
מיט איין האָרן וואַסער שעפ,
מיטן צווייטן דיך באַשיץ.
טופּן מיט די פיסעלאך,
קלאַפּן—קלאַפּן הערנערלאך.

111

(זייענדיק מאָן)

—טייבעלע פיינינקע,
פייגעלע בלויאינקע,
האָסטו געהערט,
האָסטו געזען
מאָן, ווי מען זייט?
—הערן—געהערט,
זען—געזען;
אזוי א שאָט
און אָט אזוי—
מאָנדעלע פארזייט.
גייט אויף און בליט,
וואַקסט אוים,—
רייסט מען אָפּ,
א טרייסל
און מען עסט.

112

איך האָב געדינט באַם פּריץ
דאָס ערשטע יאָר,
האָב איך אַ הינדעלע פאַרדינט,—
מיין הון פּאַרוים גייט אַלע הינער.

איך האָב געדינט באַם פּריץ
דאָס צווייטע יאָר,
האָב איך אַ קאַטשקעלע פאַרדינט,—
מיין קאַטשקע בראָדזשעט איבער וואַסער,
מיין הון פּאַרוים גייט אַלע הינער.

איך האָב געדינט באַם פּריץ
דאָס דריטע יאָר,
האָב איך אַ גענדזעלע פאַרדינט,—
מיין גענדזעלע גאַגעט,
מיין קאַטשקע בראָדזשעט איבער וואַסער,
מיין הון פּאַרוים גייט אַלע הינער.

איך האָב געדינט באַם פּריץ
דאָס פערטע יאָר,
האָב איך אַ שעפּסעלע פאַרדינט,—
מיין שעפּסלס וואָל איז וואַרעם,
מיין גענדזל גאַגעט,
מיין קאַטשקע בראָדזשעט איבער וואַסער,
מיין הון פּאַרוים גייט אַלע הינער.

איך האָב געדינט באַם פּריץ
דאָס פינפטע יאָר,
האָב איך אַ חזיר׳ל פאַרדינט,—
מיין חזיר׳ל כריוקעט,
מיין שעפּסלס וואָל איז וואַרעם,
מיין גענדזל גאַגעט,
מיין קאַטשקע בראָדזשעט איבער וואַסער,
מיין הון פּאַרוים גייט אַלע הינער.

איך האָב געדינט באַם פּריץ
דאָס זעקסטע יאָר,
האָב איך אַן עקסעלע פאַרדינט,—
מיין עקסל רעווועט,
מיין הזיר׳ל כריוקעט,
מיין שעפּסלם וואַל איז וואַרעם,
מיין גענדזל גאַגעט,
מיין קאַטשקע בראָדזשעט איבער וואַסער,
מיין הון פּאָרוים גייט אלע הינער.

איך האָב געדינט באַם פּריץ
דאָס זיבעטע יאָר,
האָב איך אַ פערדעלע פאַרדינט,—
מיין פערדל איז אַ גוטער גייער,
מיין עקסל רעווועט,
מיין הזיר׳ל כריוקעט,
מיין שעפּסלם וואַל איז וואַרעם,
מיין גענדזל גאַגעט,
מיין קאַטשקע בראָדזשעט איבער וואַסער,
מיין הון פּאָרוים גייט אלע הינער.

איך האָב געדינט באַם פּריץ
דאָס אַכטע יאָר,
האָב איך אַ קיעלע פאַרדינט,—
מיין קיעלע גיט מילך אַ סך,
מיין פערדל איז אַ גוטער גייער,
מיין עקסל רעווועט,
מיין הזיר׳ל כריוקעט,
מיין שעפּסלם וואַל איז וואַרעם,
מיין גענדזל גאַגעט,
מיין קאַטשקע בראָדזשעט איבער וואַסער
מיין קאַטשקע בראָדזשעט איבער וואַסער,
מיין הון פּאָרוים גייט אלע הינער.

איך האָב געדינט באַם פּריץ
דאָס ניינטע יאָר,
האָב איך מיין מיידעלע פאַרדינט,—
מיין מיידעלע איז א בריה,
מיין קיעלע גיט מילך א סך,
מיין פערדל איז א גוטער גייער,
מיין עקסל רעוועט,
מיין חזיר׳ל כריוקעט,
מיין שעפּסלם וואָל איז וואַרעם,
מיין גענדזל גאַגעט,
מיין קאַטשקע בראָדזשעט איבער וואַסער,
מיין הון פּאַרוים גייט אלע הינער.

XII.

שפּאַסיקע און וואוילערישע

113

—שוועלבעלע, דו לויפערקע,
האָסטו, פליענדיק, געהערט,
וואָסער בחור׳ל איז אָנגעריטן,
וואָסער בחור׳ל איז אָנגעריטן?

וואָלט איך וויסן, אז א בחור׳ל,
וואָלט איך אויסגעבעט אים בעטעלע,
וואָלט איך אויסגעבעט אים בעטעלע,
מיט דריי רייען פערענעס.

—זאָג, וואָס וואָלסטו, מיידעלע,
אונטער קעפּעלע אים לייגן?—
וואָלט אים אונטער קעפּעלע
לייגן פינף-זעקס קישעלאך.

איך וואָלט נאָך געבעטן הענדעלע,
לייגער זאָל זיך ציען נאַכטעלע,
זיסן שלאָפעלע צו אויסשלאָפן,
ליבע ווערטערלאך צו אויסריידן.

וואָלט איך וויסן אז אן אלמנ׳דל,
וואָלט איך אויסגעבעט אים בעטעלע,
וואָלט איך אויסגעבעט אים בעטעלע,
מיט דריי רייען דערנערלאך.

—זאָג, וואָס וואָלסטו, מיידעלע,
אונטער קעפּעלע אים לייגן?—
וואָלט אים אונטער קעפּעלע
לייגן פינף-זעקס שטיינדעלאך.

איך וואָלט נאָך געבעטן הענדעלע,
ניט צו ציען לאנג דאָס נאַכטעלע
זיסן שלאָפעלע ניט אויסצושלאָפן,
ליבע ווערטערלאך ניט אויסצוריידן.

114

פריילאך איז אין קרעטשמעלע,
שיכור איך און טאַנץ,
זעץ זיך בא א טישעלע
מיט מיין מיידל יונגיטשקער.

מענטשן די דערבייאיקע,
מענטשן ניט קיין גוטע,
אָפּגערעדט מיין מיידעלע,
וואָס איז מיר בא זייט געזעסן.

איר וואָלט בעסער אָפּגערעדט
בא זיך הענט און פיס,
איידער אָפּריידן מיין מיידעלע,
וואָס איז מיר בא זייט געזעסן.

אוי, איך וואָלט שוין בעסער
פערדעלע פארלירן,
אבי ניט מיין מיידעלע
אָפּגעבן א צווייטן.

אָפּקויפן א פערדעלע
קאָן מען דאָך אן אנדערם,
נאָר א מיידעלע אזא
ועל איך דאָך ניט קריגן.

115

גיין לאָמיר, ברידערלאַך, אהיים, אהיים!
ברידערלאַך יונגע—אהיים!

מיר וועלן טרעפֿן טאַטעלען וואַרטנדיק,
אין האַנט א רימנדל האַלטנדיק.

מיר וועלן טרעפֿן מאַמעלען וואַרטנדיק,
אין האַנט א ריטעלע האַלטנדיק.

גיין לאָמיר, ברידערלאַך, אהיים, אהיים!
ברידערלאַך יונגע—אהיים!

116

איך האָב ביר טרינקנדיק
זיך אָנגע׳שיכור׳ט,—
אף ברוינעם פערדל
געזעצט זיך הוידנדיק.

—האָסטו קיין שווערדעלע
גאָר ניט געהאט,
אז דו זאָלסט קענען
אף אים זיך אָנשפּארן?

—און אויב א שווערדעלע
האָב איך געהאט,—
אף אים זיך אָנשפּארן
דאָך ניט געוואַגט.

האָב זיך געשראָקן
אים איינצעבויגן,—
מיין אַלט טאַטעלע
זאָל מיך ניט שילטן.

117

איך האָב ביר טרינקנדיק
זיך אָנגעשיכור׳ט,
בא נייעם וועבשטול
געזעצט זיך הוידנדיק.

—האָסטו קיין שפּינדל
גאָר ניט געהאַט,
אַז דו זאָלסט קאָנען
אַף אים זיך אָנשפּאַרן?

—און אַז אַ שפּינדל
האָב איך געהאַט,—
אַף אים זיך אָנשפּאַרן
דאָך ניט געוואַגט.

האָב זיך געשראָקן
אים איבערברעכן,—
מיין אַלט מאַמעלע
זאָל מיך ניט שילטן.

118

איי, איך טרינק און טרינק,
טראכט איך טרינקענדיק:
וואו צו האַלטן נאַכטלעגער,
וואו וועט רוען פערדעלע?

וואָלט אוועקגעריטן
צום בעריאָזע־וועלדל,—
האַלטן דאָרטן נאַכטלעגער,
אויסרוען ברוין פערדעלע.

אָנגעפיטערט פערדעלע
מיט בעריאָזע בלעטער,—
זאַט וואָלט ווערן פערדעלע,
ווי פון ריינעם האָבערל.

וואָלט נאָך אָנברעכן
בעריאָזע צווייגעלאך,—
וועט עס זיין מיין בעטעלע,
צעקאָפּנס שייניגקער.

וואָלט צו זיך אוועקלייגן
ליכט־שטראַלן א בינטעלע.
בא מיין זייט דאָס זונעלע,—
זאָל עס זיין מיין מיידעלע.

וואָלט נאָך אָנגעהאַנגען
קעגן זיך דאָס היטעלע,—
זאָל עס זיין מיין זייגערל,
מיין געשפּריינקלט הענדעלע.

119

ברודערל מיינס, טרינק,—
לאָמיר ביידע טרינקען,—
קומען וועט צום צאָלן
וועל איך ווערן נעלם.

שיינקערקע אַראָפּשלעפּן
וועט פון דיר דאָס היטל,—
היטעלע פאַרטרינקען
ועסטו אין דער שיינק.

שוועסטערל מיינס, טרינק,—
לאָמיר ביידע טרינקען,—
קומען וועט צום צאָלן
וועל איך ווערן נעלם.

שיינקערקע אַראָפּשלעפּן
וועט פון דיר דאָס קרענצל,—
קרענצעלע פאַרטרינקען
ועסטו אין דער שיינק.

120

האָב א שטיבל אויסגעבויט
פון א רויטן בוריק.
איז עס ניט א חידוש?—
פון א רויטן בוריק.

האָב געמאכט די פענצטער
פון א ווייסן פאַסטערנאַק.
איז עס ניט א חידוש?—
פון א ווייסן פאַסטערנאַק.

האָב געמאכט א טיש
פון איין איינציק קינעלע
איז עס ניט א חידוש?—
פון איין איינציק קינעלע.

האָב א מאַן גענומען—
אָנדערטאַלבן יאָר אַלט.
איז עס ניט א חידוש?—
אָנדערטאַלבן יאָר אַלט.

קאָן ניט טאָן קיין ארבעט
קאָן ניט האַקן האָליץ,—
אוי, דעם מאַן—לא־יוצלח׳ל,
וואו זאָל איך אהינטאָן?

אוי איז גרוים מיין אומגליק,
און ווי גרוים מיין עלנט,—
אוי, דעם מאַן—לא־יוצלח׳ל,
וואו זאָל איך אהינטאָן?

פיר איך אים צום מאַרק אָפּ,
בינד אים צו צום וואָגן,—
זאָל א איד אים אָפּקויפן,
א ציגיינער אויסבייטן.

שטיי איך אויף באגינען
אָנקוקן מיין מאַן,—
איך האָט אים ניט אָפּגעקויפט,
קיין ציגיינער אויסגעביטן.

אוי איז גרוים מיין אומגליק
און ווי גרוים מיין עלנט;
אוי, דעם מאן—לא־יוצלח׳ל,
וואו זאָל איך אהינטאָן?

פיר איך אים איבער א בריק
שטוים אריין אין וואַסער,—
זאָל זיין סוף דאָ קומען
און זאָל זיין גע׳פּטר׳ט.

שטיי איך אויף באגינען
אָנקוקן מיין מאן,—
איז זיין סוף געקומען,
איז מיט אים גע׳פּטר׳ט.

אוי איז גרוים מיין שמחה
און ווי גרוים מיין גדולה,—
איז זיין סוף געקומען,
איז מיט אים גע׳פּטר׳ט.

~ ~

121

—איי, דו יורגיס-יורגעלע,
וואוהין ווילסטו פֿאָרן?

—וועל ניט זאָגן—ניין!

—אפשר וועסטו, ליבער גוטער,
מיר דאָך אויסזאָגן?

—צום מאַרק פֿאָר איך—נאַ!

—איי, דו יורגיס-יורגעלע,
וועלכע משא פֿירסטו?

—וועל ניט זאָגן—ניין!

—אפשר וועסטו, ליבער, גוטער,
מיר דאָך אויסזאָגן?

—בערנעס פֿיר איך—נאַ!

—איי, דו יורגיס-יורגעלע,
גיב-זשע מיר א בערנע.

—וועל ניט געבן—ניין!

—אפשר וועסטו, ליבער, גוטער,
מיר דאָך איינע געבן?
—נעם א צוגעפֿוילטע—נאַ!

—איי, דו יורגיס-יורגעלע,
לאָז מיך מיט דיר פֿאָרן!

—וועל ניט לאָזן—ניין!

—אפשר ווּעסטו, ליבער, גוטער,
מיר דאָך מיטנעמען?

—זעץ זיך אף די קאָזלעס—נא!

—איי, דו יורגיס-יורגעלע,
לאָז מיר דיך ארומנעמען!

—וועל ניט לאָזן—ניין!

—אָבער ליבער, גוטער, טייערער,
ווּעסט דאָך מיר דערלויבן...

—נעם ארום מיך, אָבער שטיק ניט!

—איי, דו יורגיס-יורגעלע,
לאָז מיר דיר א קוש טאָן!

—וועל ניט לאָזן—ניין!

אפשר ווּעסטו, ליבער, טייערער,
לאָזן דאָך דיך קושן!

—קוש, נאָר זאָלסט ניט בייסן!

122

פאלט דער טוי פון דער בעריאַזע
אויף די גרינע רוטן:
וויל מיך נעמען פעטערל,
וויל נאָר איינע מיך.

דו—צו אַלט, און איך—צו יונג,
פּאַסן מיר ניט ביידע:
דו וועסט ליגן אפן אויוון,
איך וועל, יונגע, וויינען.

שיק איך פעטערל אויף מלחמה,
אפשר וועט אים ווער דער׳הרג׳ן:
בלייבן זאָל דאָרט פעטערל,
בלייבן דאָרט גרוי בערדעלע.

פון מלחמה קומט מיין פעטערל,
מען האָט ניט דער׳הרג׳עט:
דאָרט מיין פעטערל,
דאָרט מיין אַלטעטשקן.

פיר איך פעטערל צום וועלדל,
זאָל פאַרצוקן אים א וואָלף:
דיק די הויט בא פעטערל—
בייסן קאָן אים ניט דער וואָלף.

פיר איך פעטערל צום מאַרק־פּלאַץ,
דאָרט אים צו פאַרהאַנדלען:
וואָנצעס סטאַרטשן בא מיין פעטערל—
קיינעם ניט געפעלן.

איז באַשערט מיר פינצטערן
מיט מיין פעטערל:
מיט מיין פעטערל,
מיט גרוי בערדעלע.

123

אײ, איר מײדעלאך
ליליען־שװעסטערלאך,
װעט איר אַנטרינקען
אונזערע פערדעלאך?

װעלן מיר ניט
אײך פארטשעפּען
מיר װעלן אָפּנעמען
נאָר אײערע רינגעלאך.

נאָר די רינגעלאך
און סטײנגעס זײדענע,
און די קרענצעלאך
גיט אלײן אונז אָפּ.

אײ, מיר װעלן
פון די רינגעלאך
שפּאָרן אױסשמידן,—
שפּאָרן גאָלדענע.

פון די סטײנגעס,—
סטײנגעס זײדענע,—
מאכן צאמעלאך
פאר די פערדעלאך.

אײערע קרענצעלאך,—
גרינע קרענצעלאך,—
װעלן עסן
אונזערע פערדעלאך.

124

גזלנים־ליד

אײדא, מיר קאַזאקן*)־יונגען,—
זאמעט **) האָט מיט אונז געקלונגען.

ניט געשלאָפן בא דער נאַכט,—
טעג אין הוליעניש פארבראכט.

טעג אין הוליעניש פארבראכט
און געבישטערט בא דער נאַכט.

וואו עס שטייט א רייכע קלייט,—
איז דעם שלאָס אַראָפּגעדרייט.

לייוונט, פלאקס און וואָל און בגדים,—
אויסגעטיילט אַלץ ביז א פאָדים.

אויסגעטיילט צו דאָרף־קבצנים,
און פאר זיך—די מזומנים.

ס׳געלט פארהוליעט ניט געקלערט,—
האָט ניט געלט פאר אונז קיין ווערט.

לאָמיר לויפן, לויפט צום וואַלד,
זונעלע וועט אויפגיין באַלד.

פלוצים טראך... פון אלע ווינקלען
פליען קוילן, ביקסן פינקלען.

---

*) די אנגעשיקטע קאזאקן אין ליטע, אין די שטראף־עקספעדיציעס, זיינען, פארשטייט זיך, געווען זייער פארהאסט בא די ליטווינער. מען פלעגט די קאזאקן אנרופן—גזלנים.

**) די טייל ליטע, וואס ליגט באם באלטישן ים.

נעמען מיר די ביקסן אויך,—
שיסן—אזש עס גייט א רויך...

אלע פויערימלאך לייפן
צו די שטיבער, גריבער, הייפן.

זעלנער אונז ארומגערינגלט
קייטן האָבן זיך צעקלינגלט.

מ׳האָט פאַרשמידטע אונז פארשפארט,—
איי, די תפיסה־ברעטער האַרט.

און די לייז פון זיך דאָ האַקן—
איידא, זאמעטער קאַזאַקן.

אוליא, אוליא, אוליא,
אוליא, אוליא, אוליא־לא!

125

זינגט דער וואָלף, זינגט דער בער,
זינגען אלע פייגל.
זאָל איך איינער—איינציקער—
בלייבן ניט געזונגען?

זיך א חברה אויפגעקליבן
אין דער קרעטשמע טרינקען.
נאַכט באַגעגנט טרינקנדיק,
טאָג באַגעגנט—ברעכנדיק.

126

אוי, דו גאָטעניו, דו גאָט מיינער,
אוי, וואָס זאָל איך, יונגער טאָן?
האָט מיך אָנגעלאָקט א מיידל,
וואָס איז גאָר נישט ווערט.

—אוי, דו ליליען־מיידעלע,
זאָג, ווי ווילן מיר זיך אויסבעטן?—
ניט קיין שפּינאַכץ, קיין געוועב,—
ניט קיין איינציק קאָלדרעטשקע.

—איי, דו בחור׳ל, מיין רייטערל,
דו זאָלסט גאָר ניט דאגה׳ן!
זיינען דאָ דריי זעק אין קלייטעלע:

איינעם לייגן מיר צעקאָפּן,
דעם צווייטן בעטן מיר זיך אונטער,
מיטן דריטן דעקן מיר זיך איבער.

—איי, דו ליליען־מיידעלע,
זאָג, ווי ווילן מיר זיך שפּייזן?—
ניט קיין ברויטעלע, קיין זאַלצעלע,
האָבן ניט צו איבערבייסן.

—איי, דו בחור׳ל, מיין רייטערל,
דו זאָלסט גאָר ניט דאגה׳ן!
וואַקסן שוועמלאך, באָראָוויקעס,—
האָבן מיר צו איבערבייסן.

—קלויב, קלויב, הור, דו הורנמיידל,
מיידל, מיידלקע.

127

לאָמיר טרינקען היינט און הוליען
מאָרגן—חגא, קען מען שלאָפן.

מיר'ן רייטן, וואו מיר ווילן,
רייטן איבער פעלדער לאַנקעס.

רייטן איבער פעלדער לאַנקעס,
ניעמאַן-טייך אריבערשווימען.

מיטן ניעמאַן-ברעג אלץ רייטן
דאָרט ארויף—צום באַרג צום הויכן.

אפן באַרג, אף יענעם הויכן,
ליפּע גרינט אין הונדערט צווייגן.

אונטער יענער הונדערט-צווייגיקער
שטראָמט א קוואַל א קילינקער.

בא דעם קוואַל דעם קילינקן
שוויינקען גרעט דריי יונגע מיידעלאך.

—קומען אָן אַהין דריי יונגען
זעלנער דריי—צעהוליעט, פריילאך.

∾

128

שווימט א גענדזעלע
איבער ניעמאן־טייך,—
איי, זשו־זשו־זשעמשו,
איבער ניעמאן־טייך.

שווימט צו גענדזעלע
צו א ברעג א הויכן,—
איי, זשו־זשו־זשעמשו,
צו א ברעג א הויכן.

און אף ברעג אף הויכן
שטייט א דערפעלע,
איי, זשו־זשו־זשעמשו,
שטייט א דערפעלע.

אינם דערפעלע
דריי שטיבעלאך,—
איי, זשו־זשו־זשעמשו,
דריי שטיבעלאך.

אין איין שטיבעלע
שרייבט א מיידעלע,—
איי, זשו־זשו־זשעמשו,
שרייבט א מיידעלע.

ניט אליין שרייבט זי,
מיט א שרייבערל,—
איי, זשו־זשו־זשעמשו,
מיט א שרייבערל.

עטטית בטורונטו
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטע

נ׳צווייטן שטיבעלע
טאַנצט א מיידעלע,
איי, זשו-זשו-זשעמשו,
טאַנצט א מיידעלע.

ניט אליין טאַנצט זי,
מיט א זעלנערל,
איי, זשו-זשו-זשעמזשו,
מיט א זעלנערל.

נ׳דריטן שטיבעלע
וויינט א מיידעלע,
איי, זשו-זשו-זשעמזשו,
וויינט א מיידעלע.

ניט אליין וויינט זי,
מיט א קינדעלע,
איי, זשו-זשו-זשעמזשו,
מיט א קינדעלע.

XIII.

רעטענישן

129

—דערמאָן זיך, מיידעלע,
דערמאָן זיך יונגינקע,
וואָס גרינט סיי ווינטער און סיי זומער?

—וואָלט ניט זיין א מיידעלע,
אז איך זאָל ניט וויסן,
וואָס גרינט סיי ווינטער און סיי זומער:

עלגע־בוים און סאָסנע־בוים,
רוטן אינם גערטנדל,—
גרינען זיי סיי ווינטער און סיי זומער.

—דערמאָן זיך, מיידעלע,
דערמאָן זיך, יונגינקע,
וואָס אזוינס איז שווערער פון א שטיינדעלע?

—וואָלט ניט זיין א מיידעלע,
אז איך זאָל ניט וויסן,
וואָס אזוינס איז שווערער פון א שטיינדעלע:

האָט באם זייט א בחור׳ל
נאָענט צו מיר זיך צוגעזעצט,—
איז אזוינס נאָך שווערער פון א שטיינדעלע.

—דערמאָן זיך, מיידעלע,
דערמאָן זיך, יונגינקע,
וואָס איז גרינגער פון א פּאַווע־פעדערל:

—וואָלט ניט זיין א מיידעלע,
אז איך זאָל ניט וויסן,
וואָס אזוינס איז גרינגער פון א פּאַווע־פעדערל:

האָט באם זייט מיין מאַמעלע
נאָענט צו מיר זיך צוגעזעצט,—
איז אזוינס נאָך גרינגער פון א פּאַווע־פעדערל.

130

—זאָג מיר, מיידעלע,
זאָג מיר, יונגינקע,
ווער לויפט אָן פיסעלאך?

—וואָלט ניט זיין א מיידעלע,
אז איך זאָל ניט וויסן,
ווער עס לויפט אָן פיסעלאך:

ריין וואַסערל,
שטראָמיק טייכעלע,
לויפט אָן פיסעלאך.

זאָג מיר, מיידעלע,
זאָג מיר, יונגינקע,
ווער פליט אָן פליגעלאך?

—וואָלט ני טזיין א מיידעלע,
אז איך זאָל ניט וויסן,
ווער עס פליט אָן פליגעלאך:

צפון־ווינטעלע,
שוואַרץ וואָלקנדל,—
פליען זיי אָן פליגעלאך.

זאָג מיר, מיידעלע,
זאָג מיר, יונגינקע,
ווער איז ווייס, כאָטש ניט גערייניקט?

—וואָלט ניט זיין א מיידעלע,
אז איך זאָל ניט וויסן,
ווער איז ווייס, כאָטש ניט גערייניקט:

ווייס שוואַנעלע,
וואַסער־פויגל,
איז ווייס, כאָטש ניט גערייניקט.

131

איי, דו סאָקאָל־פויגל פרייער
זאָג מיר שיינער פויגל:

איז אין וואַלד אין גרינעם בעסער,
צי אין גרינעם גערטל?

—בעסער איז אין וואַלד אין גרינעם,
ווי אין גרינעם גערטל:

דאָרט אין גערטל, אינם גרינעם
בלאָזט אױף מיר דאָס ווינטל.

אונטער בלעטעלאך די גרינע
נעצט מיך אויס דער רעגן.

נאָר אין וועלדל אינם גרינעם
בלאָזט אױף מיר ניט ווינטל,—

אונטער צווייגעלאך די גרינע
נעצט מיך ניט דער רעגן.

—איי, דו מיידל־מיידעלע,
זאָג מיר, מיידל יונגינקע:

בא דער מאמעלען איז בעסער
צי באם מאן דעם יונגן?

—בא דער מאמעלען איז בעסער
ווי באם מאן דעם יונגן.

האָב בא מאמעלע בא אלטעטשקער
ניט געדארפט פיל זאָרגן:

זאָרגן אַף אַ זיידן בענדל,
אַף אַ רוטן־קרענצל.

גאָר בא מאַנעלע באַם יונגן
האָב איך מער צו זאָרגן:

האָב אַף ברויט, אַף זאלץ צו זאָרגן,
און אַף צינזש*) צו צאָלן.

*) מס דעם פּריץ פאַר דער ערד.

XIV.

פייגלען און חיות

132

(נאַכטיגאַל)

נאַכטיגאַל קליינינקע,
פייגעלע מיינע,
וואָס׳ט ניט געצוויטשערט
פרי אף באגינען?

—ווי זאָל איך צוויטשערן
פרי אף באגינען,
פאַסטוך צעשטערט האָט
נעסטעלע מיינעס.

דאָרף-מענטשן ווילן
מיך אליין פאַנגען,
זאָגן: אף פעלדל
פיק איך דעם ווייץ אויס.

זאָגן: אף לאָנקע
טרעט איך דעם גראָז אויס,
אז איך שרעק איבער
פערדעלאך ברוינע.

אייערע פאַסטעכער
זאָגן ניט אמת,
מיך פאר׳רכילות׳ן
ווערטעלאך פאַלשע.

ניט דאָרט געוועזן גאָר,
ניט דאָרט געפלויגן,
ניט איך צעפיקט האָב
ווייץ אפן פעלדל.

האָב ניט צעטראָטן
גראָז אױף דער לאָנקע
און שרעק ניט איבער
פערדעלאך ברוינע.

נ׳טאָל אױף א ביימל
בין איך געזעסן,
האָב אין די צווייגן
נעסט זיך געפלאָכטן.

תפילה צום הימל
נאַכט דורכגעצוויטשערט,
ס׳זאָל ניט פון צפון
ווינטעלע בלאָזן.

זאָל ניט צעשטערן
נעסטעלע מיינעם,
זאָל ניט צעשויבערן
פעדערלאך מיינע.

∾

133

האָט פארמאָגט די באָבעניו
א גרוי בעקעלע,—
איי, דזשים־דזשום,
א גרוי בעקעלע.

איז ארוים דאָס בעקעלע
צום פריי פעלדעלע,—
איי, דזשים־דזשום,
צום פריי פעלדעלע.

גייט דאָס באָבעניו
זוכן בעקעלע,—
איי, דזשים־דזשום,
זוכן בעקעלע.

געפינט נים בעקעלע,
געפינט נאָר הערנערלאך,—
איי, דזשים־דזשום,
געפינט נאָר הערנערלאך.

134

שפּאַצירט אַ ציגעלע
אויף לאָנקע גרינינקער,—
ציגעלע, שפּאַצירנדיק,
זידלט זיך מיט וועלפּעלע:

—איי, דו וועלפּעלע,
דו, פּאַרפירערל,
אוי, פאַרשלעפּט האָסטו
מיינע ציגעלאַך.

—אַהינטער וויטשקע־ביימעלאַך,
דאָרט ליגן דיינע קינדערלאַך.

ס׳האָט געפונען ציגעלע
נאָר די הערנערלאַך,
טלויען פון די פיסעלאַך...

~ ~

135

גערבראכט האָט די באָבעניו
זיסינקן ביר
און האָט פארבעטן
פייגעלאך אלע,
נאָר ניט פארבעטן
האָט זי די סאָווע.

געקומען די סאָווע
ניט קיין געבעטענע
און האָט געזעצט זיך
אין סאַמע ווינקל.

פירט ארוים שפערלינג
סאָווע צום טאַנצן,
און עס טרעט שפערלינג
אָפּ איר א פיסל.

—סאָווע צום בית־דין—
שפערלינג אױף פאַרקאַן,
סאָווע פון בית־דין—
שפערלינג פון פאַרקאַן.

הויבט אָן די סאָווע
זיך צו בארימען:
צי איז מיין קאָפּ
דען ניט קיין טאָפּ?

צי מיינע אויגן
ניט קיין זעער,
צי מיינע פיס
ניט קיין גייער?

צי מיינע פליגלען
ניט קיין פליער,
צי איז מיין שנאָבל
מיט קיין גרעבער?

צי איז מיין עק
ניט קיין בעזעמל,
צי איז מיין נעסטעלע
ניט קיין פאלאצל?

צי מיינע זינדעלאך
ניט קיין פריצים׳לאך,
צי מיינע טעכטערלאך
ניט קיין פריצ׳טעלאך?

136

הענדעלאך, צוויי הענדעלאך—
אַרבעם ווייסע דרעשן,
הינדעלאך, צוויי הינדעלאך—
פירן אָפּ אין מיל.

בעקל האָט געמאָלן,
ציגל מעל געביטלט,
און דאָס דריטע ציגעלע
אויסגעזיפּט דעם קלייען.

פליגעלע געקנאָטן,
מוק געטראָגן וואַסער,—
וואַסער זידט אַף זונעלע,
און מען באַקט אַף דער לבנה.

137

גייט די יונגע שנור צום קלייטעלע
גייען פוס־טראָט נאָך די הינדעלאך.

און די שנור די יונגע כעס'דיק
וואַרפט צו זיי א הויפן קערנערלאך.

די שנור געטראכט זיך, וואַרפנדיק,
ווערגט אייך, הינער, מיט די קערנערלאך.

נאָר די הינדעלאך די קלוגיטשקע
שלינגען איינציקווייז די קערנערלאך.

טראַכטן, שלינגנדיק די קערנערלאך:
עלעהיי זאָל מען זיי נאָך וואַרפן.

138

האָט געקרייט די קאָטשערע,
לאָזט די הון זיך שפּרינגען.

הייצט דער האָן דעם מרחץ,
פּוקס פאַרריכט די רייפן:

צוואָגט ער וועלפּעלע דעם קאָפּ.
מוק טראָגט אָן דאָס וואַסערל,

פּליג קנעט אוים דאָס טייגעלע,
באַקט דעם קוילעטש-קוילעטשל.

139

בער איז אָנגעקומען,
ביר געבראכט א פעסל,
דעם וועלפעלע,—
דעם נעבאַכל,—
פראַווען חתונה.

יאַזשיק איז דער שדכן
פוקסל פירט די כלה,
און דאָס העזעלע,—
נעבאכל,—
איז דער בעל־עגלה.

טכויר האָט ביר צו ברייען,
שפערלינג מישט די ברייע,
די קוקאַווקע,
נעבאכל,—
איז די סאַרווערין.

אָקס האַקט האָלץ צום קאָכן,
הונט די כלים שייערט,
און דאָס קעצעלע,—
נעבאכל,—
ברייננגט אריין דאָס פליישעלע.

שטאָרך קלאַפט צו אין צימבל,
בער בלאָזט אין טראָמפייטל,—
וועלפעלע מלא שמחה׳דיק,
טאַנצן גייט מיט ציגעלע.

בין איך מיר גוט אויפגעלייגט
—בין איך מיר גוט אויפגעלייגט
ווער איך אָבער
כעס'דיק,—
וועל איך דיר פארצוקן.

נייען פון דיין פעלכל
פעלצעלע דעם פֿאַסטוכל,
וואָס מיך פיטערט
איבער לאָנקע,—
איבער האָבער־פעלדער.

140

דו וועלפל־וועלפעלע,
פון וואַלד געלאָפן,
פארלויפסט צו לאַנקע,
צערייסט א קעלבל,
צערייסט א לאַשעק,—
דאָס איז דיין ארבעט.

דו פוקסל־פיקסעלע
פון וואַלד פארלאָפן
אהינטער טויער,
געכאַפּט, צעריסן
א גאַנדז, א הינדל,—
דאָס איז דיין ארבעט.

דו הינטל־הינטעלע
צום שטוב א שומר,
געבילט, געביסן
אין גנב׳ס קנעכל,
און שרעקסט אויך איבער
אַף שליאַך דעם גייער,—
דאָס איז דיין ארבעט.

דו פלוי, דו פלייעלע,
זיך בלוט אָנזויגן,
און פרי־באגינען
די טויב געמאָלקן,
געוועקט א מיידל,—
דאָס איז דיין ארבעט.

דו בין, דו בינעלע,
אין וועלדל הודזשן,
דיין גיפט א שטאָך טאָן
אין באַק, אין פינגער,
און געבן האָניק,—
דאָס איז דיין ארבעט.

דו מענטשל־מענטשעלע,
קוק אָן דאָס בינעלע,
דו האָסט דיין גיפט־שטאָך,
און שטעכסט אין האַרצן...
געבן זיסיקייט
צו מענטשן־ברידערלאך—
דאָס איז דיין ארבעט.

ניגונים צו אייניקע ליטווישע דיינעם



לעטישע

איינלייטונג

דאָס לעטישע פאָלקסליד, די לעטישע דיינע, איז ווי די ליט־ווישע, אָנגעזאָפּט מיט מיטאָלאָגיע און רייסט אוועק אונזער פאַנטאַזיע צו דער וויג פון דער מענטשלאַכער קולטור, צום אַלט־אינדישן הייסן לאַנד. אין לעטיש, ווי אין ליטוויש, זיינען פאַרבליבן אורשפּרינגלאַך־פּריש אַ גוזמא שרשים און ווערטער פון דער אוראַלטער סאַנסקריטישער שפּראַך.

נאָך מיט איבער צוויי הונדערט יאָר צוריק האָבן אייראָפּייאישע געלערטע, דער עיקר,—דייטשישע, אָנגעהויבן זיך אָפּצוגעבן מיט דער פאָרשונג פון ליטוויש און לעטיש. וואָס ווייטער, איז אַלץ מער דער־וויזן געוואָרן די אַלטקייט פון דיביידע שפּראַכן. געלערטע האָבן צונויפגעשטעלט זאַצן פון אנטדעקטע סאַנסקריטישע ווערטער און די פּויערים פון אַרום ניעמאַן און באַלטישן ים האָבן לייכט פאַרשטאַנען דעם באַטייט פון די זאַצן.

אין 1800טן יאָר מונטערט דער גרויסער דייטשישער פילאָזאָף קאַנט די פּרייסישע רעגירונג און די דייטשישע געלערטע איינצוהיטן און צו פאָרשן די ליטווישע שפּראַך אין די אינטערעסן פון דער וויסנ־שאַפט—פון שפּראַך־פאָרשונג און פעלקער־וואַנדערונג.

לעטיש האָט געפונען די אייגענע באַגייסטערונג.

ווי די ליטווישע דיינע, אַזוי איז אויך די לעטישע, פאַרוואָרצלט אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט. עס דערוואַכט פאַר אונז אין דער לעטישער דיינע דער אוראַלטער לעגענדאַרישער מענטש, איבער וועמען ס׳האָט געשיינט מאַמע־זונעלע און טאַטע־לבנה מיט זייערע זין און טעכטערלאַך—די שטערן. דעם מענטשן האָט געהאַלטן אין אימה פּערקאָנס, גאָט פון דונער און בליץ, און די געטינס פון גליק און אומגליק—„ליימע" און „נעליימע"—האָבן דעם מענטשן, גלייך איבער אַן אומזיכערן בריק, תמיד באַגלייט אױף זיין לעבנס־וועג, צעטיילט זיינע טעג אױף גוטע און שלעכטע, אױף צאָלן געבענטשטע און פאַרשאָלטענע.

די לעטישע דיינע פארטראָגט אונז צו דער ווייטער פאָרגעשיכטלאכער תקופה פון די לעטן, איידער ס'האָט זיך נאָך אָנגעהויבן צו פורעמען דאָס לעטישע פאָלק און די לעטישע שפּראך, איידער זיי האָבן דערוואנדערט ביז צו די ברעגן פון דער דווינע און באלטישן ים.

א סך לעטישע דיינעס, דערהויפּט די מיטאָלאָגישע, האָבן זייער ענלאכע טעקסטן צווישן די ליטווישע, און אָט די ענלאכע ליטוויש־לעטישע דיינעס־טעקסטן פירן אונז צו דער צייט, ווען די לעטן און די ליטווינער זיינען נאָך געווען איין ניט־צעטיילט פאָלק און זייערע שפּראכן האָבן זיך נאָך ניט געהאט צעשיידט.

ווי אָפּגעזונדערטע פעלקער קענען מיר די לעטן און די ליטווינער פון דרייצנטן יאָרהונדערט. פון דעמאָלט אָן האָבן זיי געלעבט אָפּגעזונדערט, צייטנווייז אונטער אנדערע הערשער. ביידע ווערן פאַרקנעכטעט און זיינען צוגעשמידט צום דאָרף און צום פריץ. די ליטווינער האָבן געשמאַכט אונטערן יאָך פון די פּוילישע פּריצים, און די לעטן—אונטערן יאָך פון די דייטשישע באַראָנען. ביידע ברידערלאכע פויערים־פעלקער האָבן ניט געהאט כמעט צווישן זיך מער קיין מגע ומשא. אָפּגעזונדערטערהייט האָבן די צוויי פעלקער צוגלייך געזונגען די דיינעס פון זייער ווייטן עבר.

אמת, שפּראכלאך זיינען די לעטן און די ליטווינער געבליבן נאָענט. פון אלע שפּראַכן אין דער וועלט איז צו ליטוויש די נאָענטסטע—לעטיש.

דרינגט מען אָבער אריין אין די געמיינשאפטלאכע ליטוויש־לעטישע דיינעס דערזעט מען, אז הגם זיי זיינען דאָס רוב וואריאנטן פון איין אורטעקסט, זיינען זיי דאָך זעלבסטשטענדיקע פאָלקסדיכטונגען. דער ריטם איז אין דער לעטישער דיינע אן אנדערער, ווי אין דער ליטווישער, און ממילא איז ניט אידענטיש די מעלאָדיע. נאָענט און געמיינשאפטלאך איז דער'עיקר'שט בא די ליטווינער און די לעטן נאָר די אוראַלטע מיטאָלאָגישע דיינע, אָבער גאנץ אייגנאַרטיק איז פאַרגאַנגען די דיכטונג־פאַנטאַזיע פון ביידע פעלקער.

איז באַקאַנט, אז ניט נאָר בא די אמאָליקע ליטווינער און לעטן, נאָר אז בא א סך פעלקער זיינען אין אמאָליקע צייטן געווען פאַרשפּרייט די אייגענע מטושטש'דיקע מיטאָלאָגישע פאָרשטעלונגען. אין נאָענטער קרובה'שאפט, דהיינו, האָט מען געזען די זון מיט דער לבנה. מען האָט געקוקט אף זיי, ווי אף שוועסטער און ברודער, אָדער מאַן און ווייב. מיט א הונדערט יאָר צוריק נאָך פלעגן די דייטשן רופן די זון—„פראו זאָננע” און די לבנה „הערר מאָנד”. די אַלטע בראַמינער

אין אינדיען און די אַמאָליקע גריכן האָבן געקוקט אױף די שטערן, ווי אױף די זין און טעכטער פון דער זון און דער לבנה. די שטערן האָט מען געהאַלטן פאר יתומים, ווייל מען האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז די זון שטאַרבט מיטן אונטערגאַנג. די פינקלענדיקע שטערנדלאַך זיינען עס געווען די בלאָנדזשנדיקע יתומים׳לאַך אין הימל־רוים. (זע ליטווישע נומ. 6, לעטישע נומ. 12). איינעם און דעמזעלביקן שטערן האָט מען צעטיילט אױף אין אָוונטשטערן און מאָרגנשטערן. (זע ליטווישע נומ. 6, לעט.. נומ. 26־27). דער גאָט פון דונער און בליץ,—דער ליטווישער פערקונאַס און לעטישער פערקאָנס,—לאָזט זיך ארויס אין וועג צו זיין חתונה, באגלייט פון כלה־זונעלע, צי פון דער זונס טעכ־טערל. (זע ליטווישע נומ. 1, לעטישע נומ. 1).

די האַלבע לבנה, האָט מען זיך פאָרגעשטעלט, איז צעהאקט פון גאָטס שווערד. (זע ליטוו. נומ. 8, לעט. נומ. 31). די זון האָט מען פארגליכן מיטן רויט פון אן עפעלע און מיט די ראָזקייט פון א רויז. דעם עפל און די רויז פלעגט מען באגילטן מיט זונענשטראַלן. גאָלדן־עפעלע, גאָלדן־גערטנדל איז אן אָפטער אויסדרוק פארבליבן אין א סך שפּראַכן ביז דער היינטיקער צייט. אזוי אויך אין ליטוויש און לעטיש.

טיף־פּאַרוואָלצטע פּאָרשטעלונגען און איינגעפונדרעוועטע גלויבע־רייען פון אמאָל האָבן די ליטווינער, ווי די לעטן, שוין דערווייטערטע און אָפּגעשיידטע איינע פון די אנדערע, ווידער און ווידער איבער־געטרוימט און איבערגעפורעמט אין נייע און נייע דיינעס.

עס איז ניט קיין חידוש, וואָס אויך אוראַלטע מנהגים, געמיינזאַמע כמעט בא אַלע פעלקער, ווי, דהיינו, דער מנהג, אז דער חתן זאָל אוועקרויבן זיין כלה־מיידל, ווערן סיי בא די לעטן, סיי בא די ליט־ווינער וואַראירט אין דער דיינע. מען געפינט בכלל אין די ליטוויש־לעטישע דיינעס געמיינזאַמע שטריכן פון גאַנץ־אַלט פאַוואָרצלטן פויערישן לעבנסשטייגער.

די צייטן ווערן באצייכנט אין דער דיינע בא די לעטן, ווי בא די ליטווינער, מיט פעלד־ארבעט,—שניטצייט, צי זומער־תבואה,—צי מיטן האַרבסט. ווען מען קומט זיך שדכנ׳ען, נאָר ניט מיט קירך־יום־טובים. אפילו די צאָל זיבן—די צאָל טעג פון דער וואָך—ווערט א סך זעל־טענער דערמאָנט, איידער די צאָל ניין, און דאָס באווייזט אױף דער אַלטקייט פון דער דיינע בא ביידע פעלקער (זע ליטווישע נומ 1, 7, לעטישע נומ. 41, 214, 308).

מערקווירדיק איז אָפט, פארקערט, די אָפּגעפרעמדקייט פון דער ליטווישער און לעטישער דיינע. בא די לעטן ווערט לחלוטין ניט

דערמאָנט קיין רוטן־קראַנץ, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס אין א הריטל
אַן ערך פון די ליטווישע דיינעס ווערט ער באַזונגען.

א סך לעטישע און ליטווישע דיינעס הויבן זיך אָן מיט איינע־
און דערזעלביקער שורה, און דאָס באַווייזט נאָך בולט׳ער אַפן געמיינ־
זאַמען אורטעקסט.

פון דרום געקומען, האָבן די לעטן געפונען אַף די ברעגן פון באַ־
טישן ים די ליוון. דאָס איז געווען א פינישער שבט, וואָס איז אין
דרייצנטן יאָרהונדערט שוין געווען אָפּגעשוואַכט פון מלחמות מיט די
דייטשישע קרייץ־טרעגער און איז פאַרבליבן א קליין פעלקל*). די לע־
טישע שפּראַך באַהערשט דעם געגנט. די לעטן שטויסן די ליוון אַרויס,
אָבער די ליוון זיינען אַריינגעוואַקסן אין דעם לעטישן פאָלק און זיך
איינגעעדערט אין דער לעטישער שפּראַך. די לעטן האָבן איבער־
גענומען פון די ליוון דעם טראָפּ אויף דעם ערשטן טראַף, ווי עס איז
אין אַלע שפּראַכן פון פינישן אָפּשטאַם. אין די דיינעס איז בא די
לעטן נאָך ביז היינט פאַרבליבן דער ניט־באַשטענדיקער טראָפּ, ייאָב
גיט זיי צו בויגעוודיקייט און באַווייזט אַף זייער אַלטקייט. די איי־
טערגייענדיקע ליוון האָבן אָן ספק איבערגעלאָזן אין דער לעטישע־
דיינע שפּורן פון פאַרהאַרטקייט און מרה־שחורה און אַריינגעבראַכט
אין דער לעטישער דיינע א מער פּרימיטיווע פאָרם.

באַהערשנדיק די ליוון, זיינען די לעטן באַלד אַליין געוואָרן פאַר־
קנעכטעט אַף... גאַנצע זיבן הונדערט יאָר. אין יעטווידער שפּאַרינקע
פון דער לעטישער דיינע זעט זיך אַרויס די צוגעדריקטקייט פון פאָלק.
ניט נאָר אין די דיינעס, וואו ס׳רייסט זיך דער קרעכץ און די קללה,
(זע נומ. 255). א שפּריכוואָרט איז באַם קורלענדער באַראָן געווען:
„ער שילט זיך ווי א לאַנדקנעכט". אז דער פּריץ פלעגט זיך לייגן
אָפּרוען אין פרייען פעלד, האָט ער געהאַט א שפּאָטישן ווערטל רעדיצו:
„ער שלאָפט אין לאַנדקנעכטס שטוב". דער לאַנדקנעכט האָט טאַקע
גאָרניט געהאַט אַף דער ערד, א חוץ דער זון פון אונטערן פרייען
הימל, (זע נומ. 269). די אָרימקייט איז געווען אַזוי גרויס, אז א
דעמאָלטיק פויעריש גלאָז־שייבל, קלענער פון א שפּאַן אַף א שפּאַן,

---

*) א רעשט פון די ליוון—א צוועלף הונדערט נפשות—זיינען נאָך געבליבן עד
היום. זיי וואוינען אַפן לעטלענדיש־עסטישן גרענעץ, און א פישער־דערפל איז זייער
הויפּט־צענטער. זייער שפּראַך איז ענלאַך אַף פיניש. קיין ליטעראַטור האָבן זיי
נים. בלויז אין 1867טן יאָר איז אין ליוויש אַרויס מתי׳ס עוואַנגעליאום, אין
1921טן יאָר—א 20־זייטלדיקע בראָשורקע, און אין 1924טן יאָר—א זאַמלונג פאָלקס־
לידער. כדאַי צו באַמערקן די נאַציאָנאַלע האַרטנעקיקייט פונם ליווישן רעשט.
איבער די טירן פון א טייל ליוון הייגגען אויפשריפטן: „ריידן נאָר ליוויש".

איז געווען א לוקסוס. מען האָט באַזונגען, ווי דאָס זונעלע שווימט ארום אין הימל און קוקט אריין אין גלאָזיק פענצטערל, (זע נומ. 301-302). א טשוואָק האָט מען ניט באנוצט, נאָר א הילצערן פלעקל, (זע נומ. 306).

אן עדות פון דער קנעכטשאפט איז אין דער דיינע די פאַטאַלע פאַסיווּיטעט, דער שטענדיקער לירישער טאָן, אָן שטורעם און אויפ־ברויז. קיין קינדער־לידער זיינען כמעט ניט בנמצא. קוים דאָס קינד וואַקסט אונטער, ארבעט עס אין פעלד און זינגט נאָך די דער־וואַקסענע. עס זינגט ביי דער טשערעדע, ווי דער זקן—דער פאַסטוך. דאָס קליין מיידעלע אין פעלד פלעכט זיך פון בלומען א קרענצל, גלייך מיט די דערוואַקסענע שוועסטער. קלאָגט זיך דאָס לעטיש מיידל, וואָס קינדער צעמאַטערן אירע לידער, זינגען זיי נאָך, שלעפּנ־דיק א לאַפּצע איבער דער פּאָדלאָגע, (זע נומ. 287). די פאָלקס־טענץ באַ די לעטן, האָט מען געשריבן אין זיבעצנטן יאָרהונדערט, האָבן פארלאָרן זייער פרייע באוועגונג און יוגנטלאכקייט. זייער טאַנץ ווייזט אוים, גלייך עס צעגייען זיך אויסגעמאַטערטע מענטשן נאָך א שווערער מלאכה. עלעגיש זיינען די דיינע־ניגונים. דער אופן פון געזאַנג גופא איז פארטרויערט. זעצן זיך צוויי מיידלאך איינע אנט־קעגן דער אנדערער, אָנגענומען זיך פאר די הענט און זינגען אפן קול. די צוהערער באגלייטן פארדומפט און איינטעניק. דאָס שווער לעבן ווייזט זיך ארוים אין דעם, וואָס ס'ווערן באַזונגען קלייניקייטן, ווי א טיש און א שטול, (זע נומ. 313-314). א מיידל אין איר גאָלדענעם חלום טראַכט פון אן אַקערמאַן—א באַשערטן און אן אייגן פיצל ערד, (זע נומ. 414).

האָט זיך באנאכט דערהערט אין א פּויערישער שטוב א סקריפּ, האָט מען געמיינט, לויטן פאָלקסגלויבן, אז דאָס וויינט א פּויעריש מיידל, וואָס איז בגוואַלט פארשפּאַרט באם פריץ אין פּאַלאַץ. „וואָסער יאָמערלאַך געזאַנג הילכט דורך באַנאַכט?"—און מען ענטפערט: „דאָס זינגט די דינסט פון רשעות'דיקן פריץ". „שפּינראַד, מעגסט אוועק־פאַלן,—זינגט מען,—מ'האָט די שפּינערין ווייט פארשלעפּט", (זע נומ. 273-274).

די באַראָנען האָבן אויך געשטעלט אויפקוקערס, וואָס פלעגן מיט בייטשן טרייבן אין רוקן דעם לאַנדקנעכט. וואַלד־שומרים פלעגן האַרט באַשטראָפן דעם פּויער פאר נעמען א בינטל האָלץ פון וועלדער, וואָס זיינען געווען טויזנטער אַקער די גרויס. אויפקוקערס און וואַלד־שומרים פלעגט דער באַראָן אָפטמאָל רעקרוטירן פון ניט־געזעצלאכע קינדער פון פאַרגוואַלטיקטע און פארפירטע דאָרפס־מייד־

לאַך. מיט גאַליקער שנאה און פאַראַכטונג זינגט דער לעט, ווי „פון ביינער מאַכן הינט א שליטן,—ס׳האָבן הינט א הונט געשליטלט״— דעם וואַלד־שומר, (זע נומ. 389).

אַלע לעטן האָבן געשטעקט אין וואַלד און א סך זינגט מען וועגןביימער. מיט ביימער פלעגט מען פאַרגלייכן דאָס מענטשלאַכע לעבן און מיט ביימער פלעגט מען פאַרבינדן דעם לויה־קולט. די שכנ׳יש־דיקע ווייסרוסן פלעגן אָנרופן די לעטן „פאָדדובניקעס״, ווייל גייענדיק צו א לויה, פלעגן זיי זיך אָפּשטעלן פאַר איטלאַכן דעמב. אין וואַלד האָט מען געהאַקט האָלץ, געטרונקען ביימער־סאָק און אין ביימער אויסגעדליבעט בינשטאָקן. דער בינער איז געווען דער פויער, וואָס אין געווען פעסט אין מעמד. מען ווינטשט זיך פאַר א חתן קריגן דעם בינערס זונדעלע, (זע נומ. 379). טיף פאַרשטעקט אין וואַלד גרייט מען זיך מאַכן א מרחץ: אהין פלעגן געווינערינס אוועק צו געבוירן זייערע קינדער און אהין פלעגט מען אוועקגיין שטאַרבן. די מיידלאַך פלעגן קלייבן זייער נדן אין א גרויסן צעבער מיט א דעקל אָדער אין א קופערט מיט אן אראָפּגעהאַנגענעם שלאָס. די מאַמע אָדער די באָבע פלעגן דעם שליסל טראָגן מיט זיך, (זע נומ. 322).

עס איז שטאַרק צו מערקן די איינגעפונדעוועטקייט פון עלטסטן ברודערס אַפּוטרופּסות, (זע נומ. 118, 211, 212).

געפינען זיך דיינעס, וואָס פאַרטראָגן אונז צו דער אוראַלטער פרימיטיווער משפחה, אין פאַרשטעקטן דאָרף, וואו שוועסטער דאַרף זיך אפילו ראַטעווען פון ברודערס תאוה׳דיקן אָנגריף.

דער שטאַרקער לעט, פאַרהאַרטעוועט אין פראַציע, אין דער נאָענט־קייט צו וואַסער און וואַלד, האָט דאָך, ניט געקוקט אויף גאָר זיין פאַריאָכונג, באַהויכט זיין לירישע שטילע דיינע מיטן אָטעם פון קראַפט.

עס קלינגען דעריבער אין דער דיינע נאַטירלאַך אזוינע האַמעטנע ביישפּילן, ווי „אף אן אָקס פיר איך מיין שוועסטער, ס׳זאָל ניט ציטערן די ערד״, (זע נומ. 436).

די נאָענטקייט צו דער נאַטור אין דער לעטישער דיינע, די געצנ־דינערישע אויפגעגאָסנקייט מיט איר, זעט זיך ארויס ניט דווקא דורכ־דעם, וואָס די נאַטור ווערט אזוי פיל באַזונגען, נאָר וואָס אין איטלאַכן געגנשטאַנד פון ארום האָט זיך געקענט קאָנצענטרירן און אויסשעפּן די גאָרע לעבנאָנשויאונג פון לעט. איטלאַכער געגנשטאַנד ווערט, גלייך אן אַנגל, וואָס פאַרטשעפּעט, גרייפט אָן זיין נשמה און עס וויקלט זיך דאָס ליד ארום דעם געגנשטאַנד. מעג מען זינגען וועגן בוים אָדער

פּויגל, קאָרן, יאַגדעס, ליבע אָדער טויט, וועגן א בינשטאָק, א שטוב, א טיש,—וויקלט זיך די לעטישע דיינע, ווי די לעטן פארגלייכן זייער געזאנג, „ס׳וויקלט זיך, ווי א קנויל״, (זע נומ. 286). פּערז אף פּערז, אַנגלט, אַנגלט פון דער נשמה—ביזן לעצטן הויך. די פאָרם פון דער לעטישער דיינע איז, אויבערפלעכלאך געקוקט, פּרימיטיוו און אומבאַהאָלפן. איטלאכע דיינע האָט פיר שורות. א נייַנציק פּראָצענט דיינעס זיינען פיר־שורה׳דיקע מיט א צווייאיקן פּאַראַלעליזם. די ערשטע צוויי שורות פון דער נאַטור, די אנדערע צוויי—גענומען פון לעבן. אזוי דיינע נאָך דיינע. א משל און א נמשל... מען באדארף אָבער דערפון ניט דרינגען, אז דער פּאָעטישער פאָלקס־גאון באַם לעט קען נאָר אויבערפלעכלאך זיך א שפּיל טאָן, ווי א קינד, נאָר לייכטזיניק און כאַאָטיש אומשפּרינגען פון געגנשטאנד צו געגנשטאנד און איז ניט בכח דורכצופילן ביזן גרונט און זיך פאַרטיפן אין געדאַנק. די כלומר׳שט כאַאָטיש־אָנגעוואָרפענע פיר־שורה׳דיקע דיינעס באקומען דורך אן אייגנאַרטיקער אימפּראָוויזאַציע זייער טיפקייט און קאָנצענטרירטקייט. הויבט אָן, דהיינו, דער לעט זינגען וועגן דעמב, וועט ער זינגען וועגן אים דויערנדיק און לאַנג, ביז דער זינגער שעפּט זיך אינגאַנצן אוים. „האָט דער יאַסען א ווייב, דער קליאָן האָט א ווייב״, און דער דעמב ניט... „בויגט זיך דער דעמב צו אלע זייטן לאָנקע...״ דאָ קומט אויף, ווי שיין און רייך דער דעמב וואַקסט. ווידער א פארגלייך—נאָר צו דער ליפּע קען מען אים פּאַרגלייכן, און די ליפּע פאר׳כשופ׳ט אים... און וואַקסן קען דער דעמב אויך אין א זומפּיקן טאָל... די בינעלע פארוואַרפט צו אים א זיידן פּעדימל... באַלד באַדויערט מען דעם דעמב... „חזירים גריזשענען אָפּ זיינע וואָרצלען, מיידלאך ברעכן אין דער הויך זיינע צווייגן...״ (זע נומ. 390, 393). נאָך צענדליקע פיר־שורה׳דיקע דיינעס וועט דער לעט אויסזינגען אלץ וועגן דעמב, וואָס ווערט אלץ בילדלאכער, וויקלט זיך ברייטער און מעכטיקער פאנאנדער און גיסט זיך צונויף מער און מער מיט דער נאַטור און מיטן גאנצן מענטשלאכן געפיל. די פרייע צונויפשטעלונג פון די פיר־שורה׳דיקע דיינעס מאַכט בויגעוודיקער די שילדערונג, לאָזט איטלאכן זינגער זיך קאָנצענטרירן אף א באזונדער אופן און די פּאָעטישע שילדערונג פּאַרבלייבט אין זיכרון אף אלע מאָל.

אין די געדרוקטע דיינע־ניגונים פאַרלירט אָפּט די לעטישע דיינע איר בויגעוודיקייט, ווייל דער צונויפשטעל פון די פיר־שורה׳דיקע דיינעס איז קינסטלאַך־פּאַרגליווערט.

איז בכלל פיל אָפּהייננגיק באַם נאָכזינגען א ניגון פון א געדרוקטן נאָטן־טעקסט פון דער אינטערפּרעטאַציע, פונם אויסטייטש. טרעפּט

אָפּט אין פֿאָלקסלידער, אַז עס איז אומגעלונגען אַרויפֿגעפּאַסט, אַ ניגון אַף ווערטער, צי ווערטער אַף אַ ניגון, און נאָר דורך דורות „קנייטשט" זיך איין, גיסט זיך אויף. דער פֿרייער צונויפֿשטעל פֿון די פֿיר־שורה'־דיקע דיינעס באַם געזאַנג מאַכט איטלאַכן פֿאָלקס־זינגער מעגלאַך, לויט זיין געשמאַק, ענדערן און פֿורעמען דאָס ליד.

אין באַלטישן געגנט איז דער לעט פֿיזיש דער שטאַרקסטער טיפּ. דער דורכשניטלאַכער לעבנסדויער איז זייער אַ הויכער, גרייכט איבער זעכציק יאָר. דערפֿאַר די לעצטע צייט, אַז דער לעט איז אַריינגעדרונגען אין שטאָט, האָבן די שטאָטישע מחלות און תאוות אים פֿאַרכאַפּט מיטן גאַנצן אימפּעט. דאָס געפֿערלאַכסטע איז געוואָרן דאָס שיכרות, וואָס ווערט אין דער לעטישער פֿאָלקסדיכטונג אַזוי באַוויינט און באַשטריטן. דאָס גרעסטע אומגליק איז פֿאַר אַ מיידל קריגן אַ מאַן—אַ שיכור. ערגער, אפשר, איידער אַן אַלמן, (זע נומ. 121).

די לעטן, ווי אַ פֿאָלק, זיינען אין דער דיינע פּאַסיוו. אין דרייצנטן יאָרהונדערט, קוים זיך באַוויזן אַף דער היסטאָרישער אַרענע, הויבט זיך באַלד אָן די קאָלאָניזירונג פֿון די דייטשישע ריטער—די קרייץ־טרעגער. אונטער די דייטשישע טעווטאָנישע אָרדנס בלייבן די לעטן ביזן 1562טן יאָר. זיי פֿאַלן דערנאָך אַרונטער אונטער דער פּוילישער הערשאַפֿט ביזן 1795טן יאָר. באַ דער אַנטגילטיקער צעטיילונג פֿון פּוילן גייען די לעטן, צוגלייך מיט די ליטווינער, אַריבער צו רוסלאַנד. אַ טייל פֿון לעטלאַנד, ליפֿלאַנד, מיט דער שטאָט ריגע, איז נאָך געווען פֿון 1629טן ביז 1721טן יאָר אונטער שוועדן. דאָס לעטישע פּויערים־פֿאָלק איז אָבער פֿאַר די גאַנצע זיבן הונדערט יאָר געבליבן צוגלייך פֿאַרקנעכטעט באַם דייטשישן באַראָן.

פּריער—מס, דערנאָך—צוואַנג־אַרבעט, און צולעצט—פֿאַריאָכט לייב און לעבן. ניט פֿירנדיק קיין זעלבסטשטענדיקן מדינה־לעבן זייענדיק געשיכטלאַך־פּאַסיוו, האָבן ניט די לעטן קיין העראָאישע פֿאָלקס־לידער. דאָס לאַנד פֿון די לעטן האָט געהאַט אָנצאָליקע מלחמות און דער לעט האָט אַ שפּריכוואָרט: „ניט געבאָרן נאָך דער טאַטע, און דער זון איז שוין אַף מלחמה". אָבער מען האָט זיך ניט געשלאָגן פֿאַר די אינטערעסן פֿון לעטן און דער לעט איז צו מלחמה געגאַנגען געצוואונגענערהייט.

באַ די לעטן, ווי באַ די ליטווינער, איז ניטאָ אין די מלחמה־דיינעס קיין אַקטיווע שלאַכטפֿעלד־לידער. זיי זיינען אַלע עלעגיש און אינטים־ליריש. דאָס זיינען געזעגענונג־לידער, אַרויסלאָזעניש, באַגלייטעניש און דערוואַרטונג. דער'עיקר'שט ווערן באַוויינט די געפֿאַלענע.

ניט געוואוסט האָבן אָפּט די לעטן, פאַרוואָס און פאַר וועמען זיי שלאָגן זיך. די אַלע מלחמות, וואָס האָבן כסדר פאַרניכטעט מיט פייער און שווערד זייער לאַנד, האָבן זיי ניט בעסער פאַרשטאַנען, איידער דעם צפון־שיין, וואָס זיי האָבן דערקלערט דערמיט, אַז דאָס פירן ווייטער אין הימל דעם שלאַכט די נשמות פון די געפאַלענע. נאָך יעדער מלחמה זיינען בלויז אויפגעקומען נייע יתומים־דיינעס.

מערקווירדיק,—סיי די לעטן, סיי די ליטווינער דערמאָנען ניט מיט קיין שנאה די פעלקער, אַנטקעגן וועמען מען האָט זיי געצוואונגען זיך גיין שלאָגן.

דאָס געזאַנג וועגן אַנדערע פעלקער איז בכלל מחוץ דעם קרייז פון דער אינטים־לירישער דיינע. מען זינגט אין דער לעטישער דיינע א סך און מיט פאַרביטערונג קעגן דייטש, נאָר דערפאַר, ווייל מען אידענטיפיצירט אים מיטן באַראָן און פריץ. וועגן אַנדערע פעלקער ווערט ניט פיל געזונגען.

וואו ניט וואו ווערט אויך דערמאָנט דער איד.

פעסטצושטעלן, ווי אָפּט זינגט זיך וועגן אידן אין דער לעטישער דיינע, האָב איך איינמאָל נאָכגעזוכט א פערצן טויזנט נומערן *)— דיינע נאָך דיינע,—און ספּעציעל אין די אָפּטיילונגען, וואו עס ווערן דערמאָנט פעלקער און לענדער, און האָב קוים אָנגעציילט א פינף און צוואַנציק נומערן, וואו עס דערמאָנט זיך א איד. דיינעס וועגן אידן אין דער לעטישער דיינע זיינען נאָך ווינציקער, ווי אין דער ליטווישער.

זיינען אידן געווען אין לעטלאַנד ניט פיל. קורלאַנד און ליפלאַנד איז געווען אין צאַרישן רוסלאַנד מחוץ דעם אידישן תחום און אידן האָבן זיך דאָרטן ניט געקענט פריי באַזעצן. עס לאָזט זיך אָבער לייכט מערקן אין דער לעטישער דיינע, אַזוי ווי אין דער ליטווישער, אַז די דיינעס, וואָס זיינען דייטלאַך פּרויעקטירונג אָדער האָבן א כאַראַק־טעריסטיש פאָלקסטימלאַכן טאָן, זיינען ניט באַליידיקנדיק, (זע נומ. 337-336). גלאַט־זשע וואו ניט וואו וואוילעריש־אַנאָנימע גראַמע־

*) לויטן טעקסט פון דער פולסטער לעטישער דיינעס־אויסגאַבע פון קרישטשיאַן באַראָן פון נומ. 20,478 ביז 34,301. זאָל דאָ אונטערשטראָכן ווערן, אַז די פערצן טויזנט לעטישע דיינעס, וואָס זיינען כמעט אַלע פיר־שורה׳דיקע, קאָנען אין כמות פאַרגליכן ווערן צו א צוויי און א האַלב טויזנט ליטווישע. די פינף און צוואַנציק, וואו עס רעדט זיך וועגן אידן, זיינען גלייך אין כמות נאָר צו א פיר־פינף ליטווישע.

רייקעס וועגן אידן זיינען פאר דער לעטישער דיינע אויך אזוי ניט כאראקטעריסטיש, ווי פאר דער ליטווישער *).

די לעטישע דיינע, ווי די ליטווישע, איז דער׳עיקר׳שט פרויענדיכטונג. לויט דער אויטאָריטעטער מיינונג פונם דיינעס־פאָרשער קאַרל ביטנער זיינען איבער זיבעציק פראָצענט לעטיישע דיינעס געדיכטעט פון פרויען. די נייעסטע פאָרשער פון דער לעטישער דיינע קומען צו דערזעלביקער אויספירונג.

געוויס זיינען אין א גרויסער צאָל לעטישע דיינעס, ווי אין ליטווישע, דורכגעמישט שורות פון פרויענדיכטונג מיט מענערדיכטונג. בולט געמיישטע, אָדער אומקלאָרע לעת עתה פאר דער פאָרשונג, זיינען אָנגעציילט ביז אן אַכצן פראָצענט. ריין מענערישע דיכטונג נאָר א צען פראָצענט.

עס וואָלט געווען אויבערפלעכלאך, אז מען זאָל אַלע ליריש־אינטימע דיינעס צורעכענען צו פרויענדיכטונג און אלע שכל׳דיק־באַלערנדיקע צו מענערדיכטונג. האָט די לעטישע, ווי די ליטווישע פרוי שווער געאַרבעט אין פעלד און אין דער היים. אירע פיס האָבן ניט גע־וואוסט קיין רו. דיקע, שטאַרקע פיס איז געווען א שטאָלץ פאר דער לעטישער פרוי. די לעטישע פויערטעס פלעגן ארומוויקלען זייערע פיס, אָדער אָנטאָן עטלאכע פאָר זאָקן, זייערע פיס זאָלן אויסקוקן דיקער. די ניכטערע שכל׳דיקייט און אויסגערעכנטקייט פון דער לע־טישער, ווי פון דער פויערישער ליטווישער פרוי, זעט זיך ארויס פון

*) מכות דעם איד אין דער לעטישער דיינע זיינען דערלאַזבאַר די אייגענע אויספירונגען און השערות, וואָס אין דער ליטווישער.

נעמיינזאַם זיינען אויך די שוועריקייטן באַם איבערזעצן די לעטישע און ליט־ווישע דיינעס אין אידיש.

אויך אין דער איבערגעזעצטער לעטישער דיינע האָב איך אָפטמאָל דערלייגט אָדער געמינערט א טראָף אין א שורה, אַבי ניט צו שעדיקן אן אייגנטימלאכן פארגלייך אָדער אויסדרוק, צי דעם וואָרט ד׳ ווייטער וואוילקלאַנג. (זע איינלייטונג צו די ליטווישע דיינעס זייטן 15־20).

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אז איך שרייב אין אידיש, צוגעפאַסט צו אונזער אויסשפּראַך: „דיינע”, „דיינעס”, ניט ווי אין לעטיש: „דיינאַ”, „דיינאַס”, צי ווי אין ליטוויש: „דיינאַ”, „דיינאָס”.

דער לעט, ווען ער שרייבט וועגן ליטווישן פאָלקסליד, שרייבט ער, ווי עס איז אין גייסט פון דער לעטישער אויסשפּראַך, „דיינאָס”, און ניט ווי עס איז אין ליט־וויש „דיינאָס”. דאָסזעלביקע טוט דער ליטווינער. ער באַצייכנט די לעטישע פאָלקסלידער מיטן וואָרט, וואָס איז אייגנטימלאך פאר ליטוויש: דיינאָס.

איך מיין, אז דאָס וואָרט, וואָס באַצייכנט דאָס פאָלקסליד פון אונזערע צוויי שכנות׳דיקע פעלקער „דיינאַ”, וואָס איז אַגב געוואָרן אן אינטערנאַציאָנאָל וואָרט, מעג זיך איינבירגערן אין אונזער לשון, ווי א סך אנדערע איינגעבירגערטע פרעמד־ווערטער, און מעג ווערן ארויסגערעדט ניט מיט א פלאָנטערנדיקער צונג: (דיינאַ, דיינאָס, דיינאַ—דיינאָס), נאָר אינם גייסט פון אונזער שפּראַך: דיינע—דיינעס.

זייער א סך דיינעס. אפילו אין א צאָל שאָקירנדיקע אָדער וואָולגאַרישע דיינעס זיינען זיכער ארייַנגעשטריפּט שורות פון פרויענדיכטונג. פרויענגעמיט רייסט זיך אַמאָל ארייַן אונגערוואַרטעט אין דיינעס, וואָס זיינען, דוכט זיך, ריינער מענערישער גייסט־אויסברוך.

דער אוימגעהוירער שלל לעטישע דיינעס און די אַלערלייאיקע נוסחאות זייערע באווייזן, אז דאָס גאַנצע לעטישע פאָלק האָט מיטגעדיכטעט און אימפּראָוויזירט. איטלאַכע לעטין, אפשר, האָט, פלעכטנדיק פון בלומען און פאַטשערקעס איר מיידל־קרענצל, אויך ארייַנגעפלאָכטן איר פליטעריל אין פאָלקסליד.

די לעטישע דיינע האָט אויך איר מאַרטיראָלאָג. די אַלע אזוי גערופענע „קולטור־טרעגער” אין לעטלאַנד, ווי די קרייץ־טרעגער און דייטשישע באַראָנען־פּריצים, די קאַטוילישע גלחים, דערנאָך די פּראָטעסטאַנטישע פּאַסטאָרן האָבן האַרטנעקיק געשטריטן מיט דער לעטישער פאָלקס־דיכטונג און געזייט צו איר פאַראַכטונג. דער פּרינציפּ פון דער לוטעראַנישער קירך האָט דערלאָזן איטלאַכע פאָלקס־שפּראַך צום גאָטעסדינסט און דערמיט דערהויבן דאָס פויערישע לעטיש ביז צו דער קירך, אָבער ווי דאָס ברויט, וואָס דער לעט האָט געגעסן, איז געווען מעקענע, אזוי איז געווען מעקענע, זייט הונדערטער יאָרן, זיין גייסטיקע שפּייז. מען האָט פאַרפאַסט פאַרן לעט קאַטעכיזיסן „צו ראַטעווען פון געצנדינערייִ, אָבערגלויבעניש און כשוף” און געלערנט נאָר געהאָרכזאַמקייט צום פּריץ. אין א זייער פאַרשפּרייטן ספר׳ל פון פרומע דרשות האָט זיך געזאָגט: „האָרך דיין פּריץ, האָרך דיין פּריצ׳טע, און אויב ניט... וועט געהאָרכזאַמקייט דיר ווערן אָנגעשריבן מיט א רוט אַפן רוקן”. עס האָט זיך א דייטשישער באַראָן אַמאָל אויסגעדריקט: „ווי מיין שעפּסן־טשערעדע דאַרף ניט וויסן, וואָס פאַר א פאַסטוך איך וועל פאַר איר נעמען, אזוי באַדאַרף די לעטישע פויערים־געמיינדע ניט וויסן, וואָס פאַר א פאַסטאָר איך וועל צו זיי אַראָפּברייִנגען”.

אמת, ס׳זיינען אויך געווען פּאַסטאָרן־אידעאַליסטן, גוטהאַרציקע און געבילדעטע מענטשן און קענער פון לעטיש. אָבער די בעסטע אפילו פון די בעסטע האָבן יאָרהונדערטער לאַנג ניט געקענט דולדן די „רויע געצנדינערישע דיינע”. מען האָט פאַרן פאָלק פאַרפאַסט באַלערנדיקע שירים און אויפגעבלאָזענע פאַסטאָראַלן, אפילו א דראַמאַטיש ווערק—די ערשטע לעטישע דראַמע—וועגן... דער נוציקייט צו שטעלן פּאָקן, אבי דאָס פאָלק זאָל פאַרשטויסן זיינע דיינעס.

אָבער נאָך געפערלאַכער פונם פּאַסטאָרשן מוסר איז געווען פאַר דער דיינע דער רעליגיעזער פאַנאַטישער אויפברויז, וואָס פלעגט פון

צייט צו צייט אויסברעכן בא די לעטן גופא און צעטרייסלען דאָס גאנצע פאָלק. מען פלעגט אין קלעגלאכן גורל זיך ווארפן זוכן דעם ריינעם קריסטנטום, אָפּזאָגן זיך פון דער וועלט און זיך פייניקן. די אסקעטישע פריידיקער, אויפגעקומענע פון פאָלק, פלעגן רופן זיך אָפּ־קערן פון דער מונטערער עראָטישער דיינע. מיט דער גרעסטער עקשנות פלעגן זיך די פאָלקס־פאנאטיקער ווארפן ארויסרייסן און פארטיליקן די געצנדינערישע דיינע... ניט קיין הידוש, אז א סך דיינעס זיינען פארקריסטלט געוואָרן.

דער מאָרטיראָלאָג פון דער לעטישער דיינע, איז דער מאָרטיראָלאָג פון לעטישן פאָלק. בלויז אין 17טן יאָרהונדערט, אונטער דער שוועדישער הערשאפט, האָט דאָס לעטישע פאָלק פרייער אָפּגעאָטעמט. מען האָט באגרענעצט דעם ווילקיר פון די פריצים און זיך זאָרגפעלטיקער באצויגן צו די לעטן. דעמאָלט האָט זיך אויך די לעטישע דיינע צעבליט און ברייט צעגאָסן. די שוועדישע תקופה רעכנט זיך פאר דער בלי־תקופה פון דער לעטישער דיינע.

פארעפנטלאכט ווערן צוערשט עטלאכע לעטישע דיינעס אין 1761טן יאָר, אלס שפּראך־מוסטערן אין א „לעטישער גראמאטיק". אין 1764טן יאָר ווערן ווידער פארעפנטלאכט עטלאכע לעטישע דיינעס מיט א דייטשישער איבערזעצונג אין א ריגער אויסגאבע „געלערטע בייטראגע". עס באקענט זיך מיט זיי דער דייטשישער דיכטער הערדער און דרוקט זיי איבער אין 1779טן יאָר אין זיין זאמלונג „שטימען פון פעלקער אין לידער". ערשט אין 1807 און 1808טן יאָר לאָזט ארויס פאסטאָר בערגמאן צוויי זאמלונגען דיינעס—אינאיינעם 490 נומערן. אייגנהאנטיק האָט ער זיי אויסגעזעצט אין דער קליינער דרוקעריי אינם שטעטל רויען. ער האָט אָפּגעדרוקט ביידע זאמלונגען אין זייער ווייניק עקזעמפּליארן און זיי זיינען ניט געווען אין פאר־קויף. אין אריינפיר־וואָרט ווענדט ער זיך צו זיינע לעטישע ברידער—פאסטאָרן, זיי זאָלן אייפערדיג זאמלען די לעטישע פאָלקספּאָעזיע. באאיינפלוסט פון בערגמאנען, פארעפנטלאכט אין 1807טן יאָר פאסטאָר וואר א זאמלונג פון 411 לעטישע דיינעס.

א לאנגע צייט בלייבן זיי אָן נאָכפאָלגער. ערשט אין 1844טן יאָר גיט ארויס אין מיטאווע פאסטאָר קארל ביטנער א גרעסערע זאמלונג פון 2854 דיינעס. ביטנער האָט געהאט א פיינפילנדיקן חוש פאר פאָלקס־פּאָעזיע און האָט געגעבן דעם ערשטן קריטישן שטויס.

דאָס ביסל אָנגעזאמלטע דיינעס איז אָבער געווען נאָר די ארבעט פון דייטשישע פאסטאָרן. אין אָנהויב פון די זיבעציקער יאָרן פון

פאַריקן יאָרהונדערט, נאָך דער באפרייאונג פון די פויערים פון לייב־קנעכטשאפט, קומט אויך די לעטיש־נאציאָנאַלע אויפבלי־תקופה און לעטן אליין הויבן אָן זאמלען זייער פאָלקלאָר. זיי פאראינטערעסירן אויך רוסישע עטנאָגראפן. כדי צוציען די לעטן צו רוסלאנד, ווערן ארויסגעגעבן צוויי אינטערעסאנטע, זייער ערנסטע דיינעס־זאמלונגען, באַגלייט מיט א רוסישער איבערזעצונג. דער לעטישער טעקסט איז אויסגעזעצט מיט רוסישע בוכשטאבן. איינע—אין ווילנע אין 1868טן יאָר פון ספּראָגיסן, מיט 1857 דיינעס, א צווייטע זאמלונג—אין מאָסקווע אין 1873טן יאָר, מיט 1118 דיינעס. די רוסישע גע־לערנטע פאראינטערעסירן זיך מיט דער לעטישער דיינע אלץ מער.

נאָך דערשיינען זאמלונגען אין לעטיש מיט טויזנטער דיינעס. נאָר אָט נעמען זיך צונויף אין 1876טן יאָר די זאמלער גופא. ווער גיט זעכציק רובל, ווער פערציק. מען קריגט אריין נאָך א הונדערטער און מען פלאנט פאר די לעטן גופא ארויסצוגעבן א צוגיינגלאכע אויס־גאבע פון די וויכטיקסטע דיינעס. דאָ ווערט צוגעצויגן דער צוקינפ־טיקער נעסטאָר פון דער לעטישער דיינע—קרישטשיאן באראָן. עס טוט זיך א שאָט צו די זאַמלער דיינעס און וואריאנטן פון אלע עקן לעטלאנד, אין די צענדליקע טויזנטער. און די געפלאנטע ראַמען ווערן אומגעהויער צעוואקסן. מיט אייזערנער גערולד און התמדה ווערט געזאָרטירט. כריסטיאן באראָן באַשליסט צו ווידמען זיין לעבן דער פאָלקסדיכטונג, און גלייך ווי לאנגע יאָרן וואָלטן אים געשיינקט געוואָרן, ער זאָל קענען זיין ארבעט פארענדיקן.

געבאָרן אין 1835טן יאָר—געשטאָרבן אין 1923טן יאָר. יונגער־הייט שטודירט ער אין דאָרפּעטער מאטעמאטישן פאקולטעט. טרעט ארויס פון אוניווערזיטעט צוליב אָרעמקייט. לאנגע יאָרן—א הויז־לערער אין מאָסקווע, וואוינט דערנאָך אין מילגראבן, אונטער ריגע, אין „הויז פאר אָרימע לעטישע ליטעראטן”, אויסגעבויט פון א לעטישן פילאנטראָפּ. זיין ארבעט אונטערברעכט ניט באראָן בא קיינע אומ־שטענדן. נאָך א קלענערער זאמלונג פון די פּאָפּולערסטע לעטישע דיינעס אין 1888טן יאָר, לאָזט ער ארויס אין 1894טן יאָר דעם ערשטן גרויסן באנד פון זיין מאָנומענטאלער דיינעס־זאמלונג. דער ערשטער באנד דרוקט זיך אף פּריוואטע מיטלען, די איבעריקע בענדער גיט שוין ארויס די רוסישע קייזערלאכע וויסנשאפטלאכע אקאדעמיע. דער לעצטער זעקסטער באנד דערשיינט אין יאָר 1915. זיין האָנאָראַר באקומט ער מיט א טייל עקזעמפּליארן, וואָס ווערן פארשפּרייט צווישן זיינע פריינט.

גרונט־נומערן זיינען פאראן אין דער אויסגאבע 35,790 און צו איטלאכן גרונט־נומער קומט אויס ביז 6 וואריאנטן. איינאיינעם— צוויי הונדערט אכצן טויזנט דיינעס. איטלאכע דיינע האט איר מעט־ריקע—פון וואנען און וואו זי איז איבערגעדרוקט אדער פארשריבן. פארשריבן זיינען די דיינעס אין 400 פונקטן,—ממש ביז א לעצט דערפל און פארווארפן פויערים־הייזל אין לעטלאנד. דער זעקסטער באנד איז ניט צום עפנטלאכן פארקויף, ווייל ער ענטהאלט די ציניש און צווויידייטיקע דיינעס. ער האט 1400 גרונט־נומערן, אחוץ וואריאנטן.

א זקן פון דריי און אכציק יאר האט ער זיך דערוואַרט, אין 1918טן יאר, צו דער באפרייאונג פון לעטלאנד. אין יאר 1922 דערשיינט, נאך ביי זיין נאענטסטער מיטארבעט, די צווייטע אויפלאגע פון זיין לעבנס־ווערק. זעקס און ערך־טויזנטזייטיקע בענדער, געדרוקט אין צוויי שפאלטן, פראכטפול געבונדן.

די מער־קערנדיקע דיינעס, נאך אן אויספארשונג און באטראכטונג, זיינען גענומען געווארן פארן הויפט־טעקסט. די ענלאכע—בייגעלייגט אלס וואריאנטן.

די לעטישע דיינעס, ווי אויך די ליטווישע, לאזן זיך ניט שטרייננג קלאסיפיצירן. עס קענען א סך ווערן איבערגעטראגן פון איין אפטיילונג אין דער צווייטער.

דער גאנצער מאטעריאל איז אבער איינגעטיילט אזוי, אז ער זאל שילדערן דאס לעטישע פאלק אין אלע זיינע ליידן און פריידן, סביבה און ארבעט, אין פעלד און אין שטוב, פון וויגל ביזן קבר, און אלץ, וואס דאס לעטישע פאלק—ביז די ווייטסטע אורעלטערן—האט געזען אפן הימל מיט דער געטין פון גליק—ליימע, בליץ־און דונער־גאט—פערקאנס, דעם הימל־שמיד און דעם לייטער צום הימל, און זון און לבנה מיט זייערע זין און טעכטער, און וואלד און וועלדער, און וואסערן און ווינטן, שדים, רוחות און מכשפים און פארצייטיקע מנהגים, פארריידענישן, שפּרוכן, קינדער־שפּיל און חתונה און טאנץ און נאך, און נאך...

אט אזוי ווייזט אויס דער אוצר פון דער לעטישער דיינע.

זאל אן אפשפּליטער פונם לעטישן אוצר אויך זיין אין אידיש.

ידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
JEWISH PUBLIC

I.

מיטאָלאָגישע

1

פּערקאָנס *)

איז פּערקאָנס איבער ים געפֿאָרן,
הינטער ים זיין חתונה:
כלה-זונעלע פֿאָרט נאָך
מיט איר גאַנצן אויסשטייער,
וועלדער-וואַלד באַטיילנדיק:
דעמבע-בוים—א גאָלדענעם גורט,
קליאָן-בוים—בונטע הענטשקעס,
און דער וויטשקע דינינקער—
גאָלד-געקריצטן רינגעלע.

2

פּערקאָנס, שלאָג אין וואַסערקוואַל
ביזן סאַמע דעק,—
נעכטן האָט זיך דאָ דערטרונקען
זונס טעכטערל,
גאָלדענע קריגעלאך שווינקנדיק.

3

מ׳האָט דאָ נאַכטלעגער געהאַלטן,
מ׳האָט דאָ פייערן צעצונדן,—
פּערקאָנס האָט זיך דאָ דערוואַרעמט
און זיין מאַנטל נאָכגעלאָזט.

*) נאָט פון דונער און בליץ.

4

זונעלע

ס'איז ניט אמת, ס'איז ניט אמת,
אז באַנאַכט שלאָפט זונעלע, —
גייט עס דען באגינען אויף
דאָרט, וואו עס פאַרגייט אין אָוונט?

5

זונעלע פאַרגייט אין אָוונט,
פאַלט אין גאָלדן שיפעלע, —
זונעלע שטייט אויף מיט טאָג,
שיפל בלייבט זיך שאָקלענדיק.

6

באָדט די זון אין ים
אירע ברוינע פערד,
זיצנדיק אף באַרג, —
די לייצעס גאָלדענע אין האַנט.

7

שלאָף, שלאָף, זונעלע,
אין צעבליטן עפּל־סאָד, —
ס'האָבן דיר פארפילט די אויגן
עפּלביימערס בלימעלאך.

8

וואָס האָבן זיך די הינט צעבילט,
זיצנדיק באַם טויער? —
פאָרט די זון, צעטרייבט דעם נעפּל
איבער זילבערנער אָזערע.

9

זונעלע לויפט איבער באַרג,
פרעגט: ווער האַלט דאָ נאַכטלעגער?—
קלוגע לייט, וואָס גייען דורך,
שלאָפן ניט אױף הויכן באַרג.

10

קוק איך אױף דיר, זונעלע,
דוכט מיר, ביזט מיין מאַמעלע,—
וואַרעם פונקט אזוי און ליב,
ס'פעלן נאָר די ריידעלאך.

11

וואַרעם אָן מיך, זונעלע,
האָב ניט ווער זאָל מיך דערוואַרעמען,—
האָב מיך דו ליב, זונעלע,
האָב איך ניט קיין ליבינקן.

12

וואו האָסטו פאַרזאַמט זיך, זונעלע,
שפּעט באַגינען אויפגעגאנגען?
—האָב פאַרזאַמט זיך הינטער בערגעלע,
האָב, יתומה'לע דערוואַרעמט.

13

מיידל-קרענץ פלעכט זונעלע,
אױף דער ווערבע זיצנדיק,—
זונעלע, גיב איינעם מיר,
אין דער פרעמד דאַרף איך אַוועק.

14

האָט אוועקגעשוועבט דער מאָרגנשטערן
אָנקוקן זונס טעכטערל,
נאָר לבנה אָפּגענומען
האָט זונס טעכטערל.

15

אָונטשטערן   מאָרגנשטערן
גאָטס זינדעלאַך   גאָטס טעכטערלאַך

פּערקאָנס מאַכט א סעודה׳ניו,
לאָזט זיך רייטן,—אָנגעריטן,—
גאָלדן דעמבעלע צעשפּאַלטנדיק.

וויינט דריי יאָר דאָס זונעלע,
גאָלדענע צווייגעלאַך קלייבנדיק,
קלייבט דריי יאָר—אין פערטן
נעמט עס צו אויך שפּיץ פון בוים.

פלעכטן קרענצעלע זונס טעכטערלאַך
פון די גאָלדענע צווייגעלאַך,
אויסגעפלאָכטן—אָפּגעטראָגן
צו דער ליבער מאַראַס*) קלויסטערל.

---

*) „מארא" איז דער פארביטענער נאמען פון „ליימע"—געטין פון גליק, אויך פון געזאנג.

עס איז אנגענומען די מיינונג, אז די לעטישע דיינעס, וואו ס׳ווערט דער־מאנט „מארא" (מאריע), שטאמען פון אריבער דריי הונדערט יאר צוריק, בעת די איצטיקע פראטעסטאנטישע לעטלאנד איז געווען קאטויליש.

16

זונס טעכטערל, וואו לויפסטו
מיט די גראַבליעס זילבערנע?
—שאַרן היי אַף דווינע־ברעג,
קעגן מאָרגנשטערן.

17

שמידט דער שמיד אין הימל,
שפּריצן פונקען אין דער דווינע,—
שפּאָרן שמידט ער פאר גאָטס זונדעלע,
רינגעלע—פאר זונסטעכטערל.

18

היט איך, היט אייך היינט, גאָטס זינדעלאך,
היינט גייט זונעלע אויף א ברוגז׳ע,
איר האָט נעכטן אָפּגענומען
רינגעלע בא זונס טעכטערל.

19

האָט געבאָדן זיך זונס טעכטערל,
וואו ס׳פאַרבויגט זיך שטראָמיק טייכעלע,—
האָט גאָטס זונדעלע זיך צוגעקוקט
פון הינטער וויטשקעס גאָלדענע.

20

וועמעס פערד און רייטוואָגן
פאַרן טויער פון זונס שטיבעלע?—
זיינען עס גאָטס פערד אין ליימע׳ס *) רייטוואָגן
מיט שדכנים צו זונס טעכטערל.

---

*) זע אנמערקונג צו נומ. 35.

21

וועמעס פערד און וועגענער
פאר דער שטוב פון זונעלע?

—זיינען עס גאָטס פערדעלאך,
זיינען ליימע׳ס וועגענער.

אָנגעקומענע שדכנים
קוקן אָן זונס טעכטערל.

ס׳וועלן זונעלעס זינדעלאך
דעם נדן אָפּפירן צום מאָרגנשטערן.

22

גייט אויף פרי דער מאָרגנשטערן
גלוסטנדיק זונס טעכטערל,—
זונעלע, גיי אויך אויף פרי,
גיב ניט טעכטערל צום מאָרגנשטערן.

23

שטיי אויף, זונס טעכטערל,
וואַש אָפּ וויים די ליפּע־טישן,—
ס׳קומען מאָרגן אָן גאָטס זינדעלאך
קייקלען גאָלדענע עפּעלאך.

24

ברענען ליכט צוויי אַפּן ים
אין זילבערנע צוויי לייכטער,—
זיצט פאַר זיי זונס טעכטערל,
קרענצעלע באַפּוצנדיק.

25

האָט געקרייט דער גאָלדענער האָן
אַפן ברעג פון דווינע־טייך,
וועקט ער אויף זונס טעכטערל,
וויקלען פעדים גאָלדענע.

26

זע איך אלע שטערן,
נאָר ניטאָ דער מאָרגנשטערן,—
מאָרגנשטערן איז אַוועק,
זיך שדכנ׳ען צו זונס טעכטערל.

27

שיינט ער ניט דורך נאַכט דער שטערן,
וואָס גייט אויף אין אָוונט,—
ער פאַרקייקלט האַלבע־נאַכט זיך
צום געצעלט פון די נשמות.

28

לבנה

זאָג, לבנה׳לע, וואו לויפסטו
אינם שטערנדיקן מאַנטל?
—לויף איך, אייל איך אף מלחמה
העלפן דיינע ברידערלאך.

29

שיין, לבנה׳לע, אף דיין וועג,
פאר מיין באַגלאָזטן פענצטערל,
שפּין איך ווייסן פלאַקסעלע,
האָב ניט ווער ס׳זאָל קין מיר שפּאַלטן.

30

זונעלע און לבנה

איז דריי טעג, דריי נעכט
גאָט אָף זונעלע אין כעס,—
זון געוואָרפן צו לבנה
האָט א זילבערן שטיינדעלע.

31

זונעלע צעהאַקט לבנה *)
מיט א שאַרפן שווערד,
ווייל ער נעמט אוועק די כלה
פון דעם מאָרגנשטערן.

32

זונעלע שמייסט לבנה'לע
מיט א זילבערן בייטשעלע,
פאר וואָס עס האָט פון מאָרגנשטערן
אָפגענומען מיידעלע.

33

זונעלע שמייסט לבנה'לע
מיט א זילבערן ריטעלע.
—אַך, ניט שמייס מיך, זונעלע,
דו נעם ס'טאָגעלע, מיר—נאַכטעלע.

34

לבנה'לע, דו ברודער אַלטער,
פאַרוואָס שיינסטו ניט באַטאָג?—
אַליין דו בלאָנקעסט אין די נעכט,
מיט דיין קיילאכדיקן געשטאַלט.

*) לבנה אין לעטיש—מענלאכער מין.

35

ליימע*)

אלע זאָגן, אלע זאָגן,
אז מיין ליימע איז דערטרונקען,—
זיצט מיין ליימע אויף א באַרג,
אויף א שטול א זילבערנעם.

36

ליימע קומט צו מיר צוגאַסט—
כ׳האָב איר ניט א שטול דערלאַנגט,
האָב דערלאַנגט איר זיידן קאָשיקל—
מיר דאָרט לייגן גרינגע טעגעלאך.

37

וואָלט איך שיעור אריינגעפאַלן
אין א טרערן־טייך,
ליימע זאָל ניט אָנהאַלטן
מיך באַם שלייער ווייסינקן.

38

וואָסער מיידעלע איז ערלאַך,
פלעכט איר ליימע קרענצעלע,—
מאַכט אים אוים פון ווייסן זילבער,
גיסט אים אוים פון לויטער גאָלד.

39

ליימע האָט געפרעגט באַ ליימע,
וואו יתומה אָפצוגעבן?—
אָפגעבן אין א תבואה־שפע,
זאָל א לעבן־לאַנג ניט וויינען.

*) געטיין פון גליק.

40

קלייבט זיך לײמע אין גאָטס הויז,
האָט זי מיך צו זיך פאַרבעטן.

לײמע טראָגט א גאָלדענעם גורט,—
מיר דערלאַנגט זי זילבערנעם.

און זי זאָגט מיר, אים דערלאַנגנדיק:
—טראָג אים ערלאך, מיידעלע.

האָב איך ביטער זיך צעוויינט,
אירע ווערטער הערנדיק.

—אָפּווישן מיט וואָס זאָל איך
מײנע פלייצנדיקע טרערן?

און ס׳דערלאַנגט מיר אליין לײמע
ס׳אייגן זײדן טיכעלע.

—וואו זאָל איך וואַשן
לײמע׳ס געשאָנקן טיכעלע?

אליין לײמע ווייזט מיר אָן,
גאָלדן טײכעלע אין טאָל.

—וואו זאָל איך טריקענען
לײמע׳ס געשאָנקן טיכעלע?

אליין לײמע ווייזט מיר אָן,
גאָלדן פלעקעלע אין גערטל.

—וואו זאָל איך וועלגערן,
לײמע׳ס געשאָנקן טיכעלע?

אליין ליימע ווייזט מיר אָן,
גאָלדענעם וואַלץ אין קאַמער:

—טריקן עס און וועלגער,
און באַהאַלט באם דעק אין קופּערט.

נאָר אַז אָנקומען וועט חגא,
גיב עס אָפּ צום אַקערמאַן.

גיב אַוועק צום אַקערמאַן,
ליימע׳ס געשאָנקן טיכעלע:

—אין דער פרעמד אַוועקגייענדיק,
דעק מיך איין אין ווייסן שלייער.

~

41

כ׳האָב א ווייסן באָב געפונען
אפן ברעג פון דווינע־טייך,
לויף איך הין און לויף אהער,—
זוך איך, וואו אים צו פאַרזעצן.

קום איך אָן צום רויזן־גערטל
און האָב דאָרט מיין באָב פאַרזעצט,—
איז מיין באָב הויך אויסגעוואַקסן,
אַזש ביז צו דעם הימל.

קלעטער איך ארויף צום הימל
איבער דעם באָבס בלעטעלאך,—
טרעף איך אָן גאָטס זונדעלע,
פערדעלע זיינס זאָטלענדיק.

—א גוט מאָרגן דיר, גאָטס זונדעלע,
זאָג, וואו איז דיין טאַטע־מאַמעלע?
—טאַטע־מאַמעלע אף ברעג פון ים,—
איך אליין בין דאָ פאַרבליבן.

איך אליין בין דאָ פארבליבן,
אויסצושמידן שווערדעלע,—
האָב זיך שווערדל אויסגעשמידט
פונם גיפט פון בינעלע.

האָב צעהאַקט דעם טייוולס מאַמע,
אף ניין שטיקער,
מיין קאָלירטן קאַפטל פאַרפלעקנדיק
מיטן טייוולשן בלוט.

—פרעג איך בא דיר, ליבע ליימע,
וואו זאָל איך אים וואַשן?

—זוך אָפּ אזא אָזערע,
וואָס צעפּלייצט זיך אין ניין טייכן.

—פרעג איך בא דיר, ליבע ליימע,
וואו זאָל איך אים טריקענען?—
—זוך זיך אָפּ א דעמב־בוים,
וואָס האָט צווייגן ניין.

—פרעג איך בא דיר, ליבע ליימע,
וואו זאָל איך אים וועלגערן?—
—זוך זיך אָפּ א וואַלד־געשטעל,
וואָס האָט וואַלצן ניין.

—פרעג איך בא דיר, ליבע ליימע,
וואו זאָל איך באַהאַלטן אים?—
—זוך זיך אָפּ א קופערטל,
וואָס האָט שלעסער ניין.

42

נעליימע*)

לײמע גײט מיט נעלײמע
איבער שמאָלן בריקעלע:
לײמע־גנעטין, גײ פאָרױס,
שטױס די נעלײמע אין װאַסער.

43

האָט זיך אָנגעשוכט נעלײמע,
גרײט אין װעג מיך צו באַגלײטן:
לײמע, בעסער דו באַגלײט מיך,
גײ מיט פיסעלאַך כאָטש באָרװיסע.

*) נעמען פון אומגליק.

44

לאונא דיענא*)

לאַונאַ דיענאַ, לאַונאַ דיענא,
שטויסט מיך ברעג אַרונטער,
נעמט מיך געטעלע פאַרן הענטל,
פירט מיך באַרג אַרויף.

45

לאַונאַ דיענאַ, לאַונאַ דיענא,
למאי פאַרפאַלגסטו מיך נאָר איינע?—
זאָלסט פאַרפאָלגן ווייטער אַנדערן,
זאָל מען מיך ניט אויסלאַכן.

46

שיק א רעגן, גאָטעלע,
בעת כ׳וועל אין דער פרעמד אַוועק,—
פאַלן זאָל אין זייט פון וועג
מיטן רעגן לאַונאַ דיענאַ.

47

שדים

פערד הויך הירזשן—שדים פאָרן,
בלישצנדיק שטראָמט טייכל,—
אפן ברעג האָב איך געשטעלט זיך
מיט א שאַרפן שווערדעלע.

*) שלעכטער טאָג.

48

צפון־טעכטערל

בוי מיר, טאַטעלע, א שיף,
וועב מיר, מאַמעלע, א זעגל,—
פאָרן וועל איך איבערן וועלט־ים,
זוכן טעכטערל פון צפון־ווינט.

פאַר איך טעג און נעכט א סך,
טעכטערל פון צפון־ווינט ניטאָ,—
קום איך צו א באַרג—אַן אינדזל,
וואו דריי ריזן מאַלן שניי.

—גוטן מאָרגן, שניי־מילנער,
וואו איז טעכטערל פון צפון־ווינט?
—גוטן מאָרגן, גוטן יאָר דיר, רודערער,—
פאָר אַלץ ווייטער קעגן צפון.

פאָר איך נאָך פיל טעג און נעכט,
טעכטערל פון צפון־ווינט ניטאָ,—
קום איך צו א באַרג—אַן אינדזל,—
וואו דריי ריזן שמידן אייז.

—גוטן מאָרגן, אייז־שמידן,
וואו איז טעכטערל פון צפון־ווינט?
—גוטן מאָרגן, גוטן יאָר דיר, רודערער—
פאָר אלץ ווייטער קעגן צפון...

II.

מלחמה

49

זונעלע, א נעפּל אויפהויבנדיק,
פאַרשטעקט זיך הינטער וואָלקן,—
רופן פּריצים צו מלחמה,
אַליין אַנטלויפנדיק קיין דייטשלאַנד.

50

זאָגט מען: פּריצים זיינען העלדן,
שרעקן זיך איבערן שליאַך-וועג רייטן,—
וואַרטן, אַף די פערדלאך זיצנדיק,
אַף מיין ברודערל.

51

האָט אזוי געזאָגט מיין מאַמעלע,
מיר דאָס קעפּל גלעטנדיק:
—אוי, מיין זונדעלע, ליב זונדעלע,
וואו וועסטו אַוועקפאַלן:
צי אין ליטע,
צי אַף דעק פון וואַסערל?

52

ווייצן-ברויט באַק אויס מיר, מאַמעלע,
אויסריכטנדיק צו מלחמה,—
וועט עס מיר אַף ליינגער קלעקן,
זיין מיר גרינגער אפן רוקן.

53

מוטערל האָט פערד געזאָטלט,
פאָטערל דעם זון ארויפגעזעצט:
—זייט געזונט, אוי, טאַטע-מאַמעלע,
איר וועט מיך שוין מער ניט זען:

54

האָט צעוויינט זיך מיידעלע,
וואָס האָט זיך פאַר׳קנס׳ט צו מיר,
אַף מיין פערדל זעענדיק
זעלנערישן זאָטעלע.

55

צו מלחמה גייענדיק,
גיב איך מיין ווייבעלע די האַנט.
אָנגעגאָסן פול א הייפעלע
האָבן אירע טרערעלאך.

—אוי, נשמה-ווייבעלע,
וואו זאָל איך דיך לאָזן?—
קאָן מיט זיך ניט נעמען דיך,
לאָזן דאָ איז א רחמנות.

56

בין אַף באַרג ארויפגעגאַנגען,
אַף שפּיץ בערגעלע,—
טרעף איך אָן מיין מיידעלע,
ביטער וויינענדיק.

—זאָג וואָס וויינסטו אזוי ביטער,
וואָס באַדויערסטו?
—ווי זאָל איך ניט ביטער וויינען,—
מ׳פירט מיין ברודערל צו מלחמה.

מוז אַוועקגיין אַף מלחמה,
וואו וועט ער אַהינקומען?—
שווער, אוי שווער איז אַף מלחמה
פאר די טאַטעס זינדעלאך.

57

שוועב, לבנה ווייסינקע,
פאַר באַגלאָזטן פענצטערל,—
פריצים אָפּגעפּירט מיין ברודערל,
האָב איך ניט מיין קינען־שפּאַלטער.

58

האָב איך, צו מלחמה גייענדיק,
ריטעלע פאַרשטעקט באַם טויער:

ווען עס וואַקסן, ווען עס גרינען,
זאָלט איר וואַרטן אַף מיין קומען,

ווען ניט וואַקסן, ווען ניט גרינען,
דאַן זאָלט איר אַף מיר ניט וואַרטן.

59

וואָלט געגאַנגען צו מלחמה
אנשטאָט יונגן ברודערל,—
שרעק איך זיך, מיין מיידל־קראַנין
וועט פון ווייטן פינקלען.

60

גלעט איך קאָפּ באַ פערדעלע,
גלעט מיט ביידע הענטעלאך,
פערדל זיך געראַטעוועט
האָט פון שווערדן ניין אנטבלויזטע.

61

ווער גרייט זעלנערלס געלעגער
און שפּרייט אויס וויים לייליאַכל?—
שראָט און קוילן—זיין געלעגער,
שווערד צעשפּרייט וויים לייליאַכל.

62

טראַכטן ברידערלאך:
ווער פון זיי זאָל גיין
אױף מלחמה־פעלד?

—דאָס יונג ברודערל,
דאָס אַלט פערדעלע.

האָט יונג ברודערל
ניט קיין מיידעלע,
וואָס זאָל וויינען שטאַרק.

—דאָס אַלט פערדעלע
הירזשעט ניט,
בעת׳ן אָנזאָטלען.

63

הינטער טייכל ווייסער נעפל,—
ווער האָט נעפל אויסגעשפּרייט?

אױף מלחמה איז דאָס ברודערל,
גייען מיידעלאך צוויי וויינענדיק:

שוועסטערל באַוויינט דאָס ברודערל,
צווייטע מיידעלע—איר חתנ׳דל.

III.

אוועקגעריבט מיידל

64

האָבן מיר איין איינציק שוועסטערל,
אָבער ניין זיינען מיר ברידערלאַך.

וואָסער אַרבעט שווערע פּאָדערן
מיר פון אונזער איינציק שוועסטערל?—

אין באַגינען־שעה צוויי קערנערלאך
פונם ריינסטן קאָרן אויסמאָלן.

—גיי דאָך, גיי א קוק טאָן, מאַמעלע,
וואָס טוט אונזער שוועסטער־מאָלערין?

מאַמעלע צוריק קומט, וויינענדיק,—
איז ניטאָ אין קאַמער מאָלערין.

—אוי, וואָס ווארט איר, ברידערלאך?
יאָגט זיך, יאָגט נאָך אייער שוועסטערל.

שאַרפט די העק, טוט אָן די שטיוול,—
זאָטלט אייערע ברוינע פערדעלאך.

זאָטלט אייערע ברוינע פערדעלאך,
טוט אָן אייערע שעשקע־פעלצעלאך.

טוט אָן אייערע סויבלנע היטעלאך,—
איר זאָלט אָניאָגן דאָס שוועסטערל!

רייטן הונדערט מייל א נאַכטעלע
און צוויי הונדערט אין א טאָגעלע.

פונקט צום סוף די הונדערט מייל
שטייען שפּילנדיקע קלעזמער ניין.

זאָגט, וואָס שפּילט איר אזוי אומעטיק?
—שפּילן מיר עס פּאר א שוועסטערל.

שוועסטערל וואָס האָט ניין ברידערלאך,
נעכטן האָט מען זי פאַרבייגעפירט.

—זאָגט אונז קלעזמער, קלעזמער ערלאכע
וועלן מיר זי נאָך דעריאָגן?

—רייט א צווייטע הונדערט מייל,
דעמאָלט וועט איר זי דעריאָגן.

און צום סוף דעם צווייטן הונדערט
שטייען שפּילנדיקע קלעזמער ניין.

—רייט א דריטע הונדערט מייל,
דעמאָלט וועט איר זי דעריאָגן.

און צום סוף דעם דריטן הונדערט
שטייען טייערלאך צעעפנטע.

גייט אַרויס אַן אַלטע מאַמעלע,
וואָס נעמט איין די הינט די בייזע.

לאָזט זי מיך אריין אין הייפעלע,
פירט אריין מיך אין א קאַמערל.

זי דערלאַנגט מיר נאָך א וויטשקע־שטול
זיך צו זעצן פאַרן ליפע־טיש.

שטעלט אַוועק נאָך פּוטער האַרטינקן,
גיט מיר חלה פּרוכקע־וויסינקע.

האָבן מיר דאָך ניט געגעסן,
נאָך דער שוועסטערל זיך יאָגנדיק.

האָב דערזען באַלד אונזער שוועסטערל,
זיצט באַם ליפּע־טיש בא ברעגעלע.

—שוועסטערל דו, גאָלדן שוועסטערל,
קום מיט מיר צו אונזער היימעלע.

—ברודער־ברודערל, ווייך־וואַקסעלע,
וועל איך ניט מיט דיר צוריקגיין.

האָב דאָ גוטע ערד געפונען,—
פאר דער גוטער ערד אַן אַקערער.

טראָג אָפּ, ברודערל, צו מאַמעלען
מיינע נאַכטיקע גערוסן.

אוי, פאַר וואָס געלאָזט האָט מאַמעלע
מיך אליין אין טונקל קאַמערל.

מיך אַליין אין טונקל קאַמערל,
איך זאָל ריינעם קאָרן מאָלן?

65

עס האָט פרי געקרייט דאָס הענדעלע,
און איך טרעט אריין אין שיפעלע,—

שוין געטראָפן ליטוויש מיידעלע
קלאַפט דאָס גרעט באַם טייכעלע.

שליידער איך אַוועק דעם פּראַלניקל,
נעם דאָס מיידעלע אַריין אין שיפעלע.

66

איז פרעמד מיידעלע אַנטלאָפן,
אז איך האָב גערופן זי.
—דו אַנטלויפסט פון מיינע ווערטערלאך,—
פון מיר אַליין וועסטו ניט לויפן.

67

ליפע־ביימעלע צעצווייגטע
פאַרבאהאלט מיין קרענצעלע,—
פרעמדע בויגן ביימעלאך,
זוכנדיק מיין קרענצעלע.

68

אוי, דו גרין בעריאָזע־וועלדל,
צי ביזטו אַף מיר ברוגז?—

איך וואָלט פון די פרעמדע
זיך געראַטעוועט, אנטלויפנדיק,

נאָר דו האָסט אַראָפּגעריסן
פון מיין קעפּל ס׳קרענצעלע.

69

האָבן מיך אַרומגערינגלט
מאַנסבילן דריי פרעמדע,
אפן בערגל צווישן סאָסנעס,—
ווילן קרענצל מיינס ארונטעררייסן.

האָב אין האַנט געפּאַכט מיט קרענצל,
ביזן אָנקום פון די ברידערלאך,—
דעמאָלט האָב איך אויפגעשטעלט
אף מיין קעפּל ס׳קרענצעלע.

70

אוי, מאַמעלע, אוי, מאַמעלע,
שרעקלאך איז אין האַרבסט די נאַכט,—
ווינטל בלאָזט, די בלעטער שאַרכן,
פרעמדע ווילן כאַפּן מיך.

71

אַרום בערגל פּאָרט א פרעמדער,
איך פון באַרג צום טאָלכל,
פרעמדער אינם רויזן־גערטל,—
איך אין די קאַנאָפּליעס.

72

קלאַפּט וויים ציגעלע*) דאָס גרעט
אפן ברעג פון דווינע־טייך,—
שפּרינגט אָן וואָלף**)—פּאַרטראָגט דאָס ציגעלע,
בלייבט דאָס גרעט ניט אויסגעקלאַפּט.

---

*) א מיידל.
**) א בחור.

73

ווייסינקע בעריאָזעס פינקלען
פונם ברודערס הייפעלע.

ס'זיינען ניט בעריאָזעס ווייסינקע,
נאָר דעם ברודערס שווערדעלאך.

פינקלען זיי אַנטקעגן לייט פרעמדע,—
שוועסטערל באַשיצנדיק.

74

אַלע טעג באַשירעמט גאָטעלע,
היינט נאָר נים באַשירעמט,—
פרעמדע אָפּגערויבט מיין שוועסטערל,
מיר צעבראָכן שווערדעלע.

75

שוועסטערל-מוזינקעלע,
האַלט פעסט אָן מיין פערדעלע,—
פרעמדע פירן אונזער שוועסטערל,—
וועל נאָר שווערדעלע אַרויסציען.

76

האָט אַדורכגעשטאָכן פענצטערל
מיטן שטאָלן שווערדעלע,—
האָט אַרויסגעקראָגן שוועסטערל
פון ניין ברידערלאך.

77

האָב א יונגיטשקע—א קלוגיטשקע,—
זיך געקאָנט מיט פרעמדע רייצן.

פרעמדע רייטן איבער סטעזשקעלע,—
איך אַף בערגל האָב צעזונגען זיך.

קוים די פרעמדע אפן בערגל,
איך פון בערגל שפרינג צום טאָל.

קוים די פרעמדע אינם טאָל,
בין איך אינם וועלדל.

קוים די פרעמדע אינם וועלדל,
איך—צוברידערס הייפעלע.

קוים די פרעמדע אינם הייפעלע,
איך—אין שטוב בא מיינע שוועגערינס.

—אוי, איר ליבע שוועגערינס,
העלפט, אוי, מיר זיך ראַטעווען.

איינע דעקט מיר צו דעם קאָפּ,
צווייטע טוט מיר א פאַטשיילע אָן,

און די דריטע כלומרשט טרייבט מיך:
—גיי זיך, גיי, גאַסט ניט געבעטענע,

קען איך דיך פון לאַנג,
דו רכילות-טרייבערקע.

נאָר די פרעמדע רופן אָפּ זיך:
—זי איז ניט קיין גאַסט קיין פרעמדע,

ס'איז פון ברידערלאך דאָס שוועסטערל—
זי'ט אין האַנט געהאַלטן קרענצעלע.

IV.

ליבע

78

ליִיג איך פּארן טיר אױף דר'ערד
א בעריאָזע־צװײַגעלע.

קומט א מײַדעלע—טרעט אריבער,
קומט א צװײַטע—גייט ארום.

קומט א דריטע—הױבט עס אױף,—
איז די דריטע מײַן באַשערטע.

79

חתנ'דל צעלײַגט א פֿײַער
פֿון בעריאָזע האָלץ.

װעט דאָס האָלץ שטיל ברענען,—
װעלן מיר בשלום לעבן.

װעט דאָס פֿײַערל טראַסקן, קנאַקן,—
װעלן מיר זיך קריגן, שלאָגן.

80

ניי איך אױס פֿאר מײַן ליבינקן
א שײן טיכעלע,
װאַרף ארום מיט בלימעלאך,
ליִיג אין דער מיט מײַן הערצעלע.

81

צוליב מיר, יונג בחור'ל,
טו ניט אָן קײן שטיװעלאך,—
אױב דו װעסט מיר גאָר געפֿעלן,
מעגסטו טראָגן קאָרע־לאַפּצעס.

82

זיי זיינען צוויי,—וועלכע צוויי,—
וואָס שלאָפן ניט באַנאַכט?

עס איז אַלעמען באַוואוסט,
ווער עס קאָן ניט איינשלאָפן:

שלאָפט ניט דאָס יונג בחור'ל,
פון א מיידל טראַכטנדיק.

שלאָפט ניט דאָס יונג מיידעלע,
הענטשקעס שטריקנדיק פאר איר בחור'ל.

83

אויסגעשפרייט האָט בחור'ל
מיר דעם וועג מיט ליפע-בלעטער,—
מעגסט מיט גאָלד מיין וועג באַשיטן,
וועסטו מיר דאָך ניט באַקומען.

84

זאָג, וואו ביזטו, ליבינקער,
לעצטע נאַכטעלע געשלאָפן?—
אונטער סאָסנע, עגלע-בוים,
צי בא אנדער מאַמעס מיידעלע?

—בין אף גרינעם פעלד געשלאָפן
אונטער דעמבע-בוים געדיכטן:
ליפע-בלעטעלאך—צעקאָפנס,
גרינע צווייגעלאך—מיין ליילאכל.

—אַך, מיין ליבער פריינטעלע,
וואָלט איך דאָס געוואוסט,
וואָלט איך דיר געשיקט
ליילאכלאך צוויי ווייסינקע,

ליילאכלאך צוויי ווייסינקע
און צוויי ווייכע קישעלאך.

85

האָב געהאַט אַ ווייסע טיכעלע,
האָב איך עס געוועלט נאָך אויסבלייבן,--
אָנגעקומען מחותנים גוטע,
האָב איך בעסערע פאַרלאַנגט.

86

לערכע, קליינטשינק פייגעלע,
דו ווייסט נאָר און איך,
וואו עס איז מיין מיידעלע.

טראָג איר מיינע גרוסן אָפּ
אויף די שפּיצן פליגעלאך.

ווערן מיד די פליגעלאך,
פלי צום ים־אויסגוס.

פלי צום ים־אויסגוס,
ביז צום ראָר־בוים גרינינקן.

87

מיידעלע זונלאָקיקע,
ניט גיי פאַרביי, זיי מיט מיר,—
האָסט אין דיינע גאָלדענע לאָקן
מיין קאָפּ און האַרץ געפאַנגען.

88

בויגט זיך, בויגט, בעריאָזקעלאך,
פאַר דער זון און מיט דער זון,—
בויגן פונקט אַזוי זיך אינגעלאך
פאַר דער טעכטערלס מאַמעלע.

89

האָט מען פייערן צעצונדן,
אָדער ברענט דער ווערבע־בוים?
ניין, די אינגלאַכס אויגן ברענען,
אַז זיי האָבן מיך דערזען.

90

אַז מיך זעט אַ בחור׳ל,
רייסט ער אויגן אויף און מויל,—
וואָלט איך זיין אַ זעמעלע,
וואָלט ער מיך פאַרשלינגען.

91

איינער וואַרפט אף מיר די אויגן,
וואַגט ניט עפּעס מיך צו פרעגן,—
וואַגט ניט מיך צו אָנרירן,
וואַגט ניט רינגעלע אַראָפּנעמען.

92

וואו ביזטו געוואַקסן, מיידל,
האָב איך קיינמאָל ניט געזען דיך,—
טראַ־רי־די, ראַ־לאַ־לאַ,
האָב קיינמאָל דיך ניט געזען?

ביזט בא מאַמעלען געוואַקסן,
צי בא מאַמעלען אין קופערט,—
טראַ־רי־די, ראַ־לאַ־לאַ,
צי אין מאַמעס קופערטל?

—בין בא מאַמעלען געוואַקסן,
גלייך ווי א מאַמזעל א רייכע,—
טראַ־רי־די, ראַ־לאַ־לאַ,
גלייך אַן איידעלע מאַמזעל.

זעקעלאך פון ווייסע פאָדים,
רויטע שיכעלאַך פאַרפוצטע,—
טראַ־רי־די, ראַ־לאַ־לאַ,
רויט־פאַרפוצטע שיכעלאך.

—שטרעק אויס הענטל, גיב מיר מיילבל,
וועסט זיין, מיידעלע, מיין כלה,—
טראַ־רי־די, ראַ־לאַ־לאַ,
וועסט מיין כלה־מיידל זיין.

—בחור׳ל, אומזיסט גאָר רעדסטו:
דאַרף ניט, דו זאָלסט מיך גוסטירן,—
טראַ־רי־די, ראַ־לאַ־לאַ,
דיין גוסטירן איז אומזיסט.

האָב אַן אַנדער טאַטנס זונדל
צוגעזאָגט מיין הענטל געבן,—
טראַ־רי־די, ראַ־לאַ־לאַ,
הענטל מיינע צוגעזאָגט.

[library stamp]

93

וואָס האָסטו זיך, מיידעלע,
אזוי לאַנג גערייצט מיט מיר,—
פאר וואָס מיר ניט אָפּגעזאָגט
בא מיין ערשטן ווערטעלע?

94

גאָטעניו, האָב איך עס מזל,
מער פון אלע מיידעלאך.

בחורים׳לאך צוויי פון ווייט,
און פון אונזער דאָרף—א דריטער.

אפן הויף בא אונז—א פערטער,—
אלע פרעגן אלין אף מיר.

95

איבער מיר צוויי בחורים׳לאך
זיינען שטאַרק צעקריגט:
מיין נדנ׳עלע וויל איינער,
מיך אליין—דער צווייטער.

ווער עס מיינט מיין רייך נדנ׳עלע,
קען נאָר טרערלאך פאַרגיסן,—
ווער עס מיינט מיך, שייניניקע,
יענער איז א ברויט-געבער.

96

האָב דערקענט יעניץ בחור׳ל,
וואָס טרינקט טרערן מיידלשע,—
שוואַרצע הערעלאך, רויטע בעקעלאך,
גלייך עס פונקלט פייערל.

97

קוק איך ניט, פרעמד בחור׳ל,
וואָס דו טראָגסט אָן זייט דאָס היטעלע,—
קוק איך אַף דיין ארבעטל,
אַף דיין מאַנסבילש שכל׳ע.

98

האָב דערקענט דאָס בחור׳ל,
וואָס האָט חתונה אין האַרבסט,—
גייט מיט שטאָלץ און שפּאַנט א זיכערער,
היטעלע איבער די אויגן.

99

טאַטנס זונדעלע,—א מיידלניק,—
קוקט אַף מיר דריי זומערן,—
וואָלט ער זיין באשיידן, ערלאך,
וואָלט אין ערשטן זומער קנס-מאל זיין.

100

איטלאַך-איטלאכער
האָט זיין אָנשיקעניש,—
ציגעלע—דעם וואָלף, איך—א בחור׳ל,
הינדעלע—דעם האַביכט.

101

ברעך איך ניט קיין ליפּע-צווייגן,
בין אליין א ליפּע-ביימעלע,—
ברעך פון דעמבעלע די צווייגן,
איך באדארף אַן אַקערער.

102

אפן שטיין טאַנץ, קאָטערל,
וועט נאָך היי־יאָר זיין מיין התונה?
וועט געשען עס, קאָטערל,
קריגסטו הענטשקעלאך א פּאָר.

103

האָסטו, שוועסטערל, א סך ברידערלאך,
גיב אָפּ מיר איין אַקערער,—
ווייל איך בא דיר אויסבעטן
דיין מיטלסט ברודערל.

104

איך—א שוועסטערל, דו—א שוועסטערל,
ביידע האָבן מיר דאָך ברידער,—
לאָמיר בייטן זיך מיט ברידערלאך,
וועלן ביידע האָבן אַקערער.

~

105

שפּרינג איך פריי ארום אין גערטל,
פליק די ווייסע רויזן,—
פליק איך, פליק איך ווייסע רויזן,
אויסצופלעכטן קרענצל.

פלעכט איך, פלעכט איך ווייסן קרענצל,
טו אים אָן אויף קעפּל,—
מיטן קרענצל אפן קעפּל,
קום איך אָן צום ים׳עלע.

הויבט דער מאָרגנווינט אָן בלאָזן,
בלאָזט אַראָפּ מיין קרענצל,—
האָט פאַרטראָגן ווייסן קרענצל
אַזש צום טיפן ים׳עלע.

לויף ארום אויף ברעג פון ים׳עלע,
קרענצל זינקט אין וואַסערל,—
אינגעלאך צוויי אָנגעקומען,
בין איך שטיין געבליבן.

איינער הויבט צו מיר אָן ריידן,
זאָגט מיר שיינע ווערטערלאך,
זאָגט דער צווייטער: דו זאָלסט, מיידעלע,
אָנהאַלטן מיין פערדעלע.

דו זאָלסט אָנהאַלטן מיין פערדעלע,
איך אין ים וועל שווימען,—
איך וועל שווימען נאָך דיין קרענצל
ביזן אָפּגרונט ים׳עלעס.

נעם זיך, מיידעלע, דיין קרענצל,
זאָלסט ניט זאָגן מאַמעלען,
אַז כ׳האָב אויפגעהויבן קרענצל
פונם אָפּגרונט ים׳עלעס.

106

זאָל מיר צינגעלע מיינס זאָגן,
וואָס האָט טייכעלע געמורמלט,—
וואָס האָט טייכעלע געמורמלט
און געצוויטשערט נאַכטיגאַל?

וואו ס׳האָט טייכעלע געמורמלט,
האָבן דאָרט צעבליט זיך קנאָספּן,—
וואו נאָר ס׳קומען אויף זיך מענטשן,
האַלט מען מיך אַלץ אין איין לויבן.

זיסן האָניקל זויגט בינעלע,
ריידן זיס אַזוי די מענטשן,—
האָב איך ווערטער-בלימעלאך
אויפגענומען פאַר מיין קרענצל.

בלימעלאך פון זיך צעבליטע,
האָב זיך אויסגעפלאָכטן קרענצל,—
ס׳הערן איין זיך אַלע מענטשן,
וואָס איך וויל נאָר זאָגן.

107

איז פאַרלאָרן מיר מיין פערדל,
איז פאַרלאָרן אינם וועלדל,—
האָב דריי טעג, דריי נעכטעלאַך
אומגעבלאָנקעט, פערדל זוכנדיק.

אויסגעטאָגט דער טאָג דער פערטער,
האָב איך פערדל מיינס געפונען,
פערדל מיינס האָב איך געפונען
בא יונג מיידעלע אין גערטל.

בעט איך, בעט איך, זי זאָל אָפּגעבן,
שלאָג איר געלט פאַר, נאָר זי נעמט ניט,—
—קען ניט פערדעלע דיר אומקערן,
ס'האָט פאַרשאַפט אונז גרויסן היזק.

מיר צעטראָטן רויזן-גערטל,
בא די ברידער—קאָרן-פעלד,
וועלן זיי דיר, אפשר, שיינקען,
איך די רויזן וועל ניט שיינקען.

ווּעסטו צוזאָגן מיך נעמען,
וועל איך דיר די רויזן שיינקען.
—ווי זאָל איך דיך, מיידל, נעמען,
אַז דו ביזט מיר ניט צום האַרצן?

ניט איין טאָג, נאָר א גאַנץ לעבן
דאַרף מען אָפּלעבן צוזאַמען,—
ניט קיין טוך איז'ס אף די אַקסלען,—
קאָנסט פאַרוויקלען זיך און אויסוויקלען.

108

אַך, איך וויין מיט אים אינאיינעם,
שלימזל׳דיק בחור׳ל,—
ער וויינט, מיך נאָר וועלנדיק,
איך—צו אים ניט גייענדיק.

109

גאַטעניו, אוי גאַטעניו,
וואַקסט אין שטוב אַן אַקערער.

נאָר איך רוף אים ברודערל,
קיינער זאָל ניט דאַכטן.

קיינער זאָל ניט דאַכטן,—
ס׳זאָל קיין קלאַנג זיך ניט צעטראָגן.

110

אוי, איך וויל ניט, גאַטעניו,
מיט שוואַרץ קעפּעלע אַן אַקערער,—
וויל מיט בלאָנדע הערעלאך
און מיט רויטע בעקעלאך.

111

אוי וואָס טו איך, גאָטעניו,
ניט קיין גליקלאכער דער זומער:

האָב צעטראָגן דורכן זומער
אַלע קליידער מיינע זיידענע.

זיינען בלינד געווען די בחורים,
וואָס זיי האָבן ניט געזען מיך?

112

גיין וואו זאָל איך, גאַטעניו,
אַז מיך דאַרף ניט קיינער?—
דאַרף מיך ניט פרעמד בחור'ל,
דאַרף ניט אייגן ברודערל.

113

פלאַנץ איך אַ בעז־ביימל
אינם מיט הייפל.

ביימל צעוואַקסן זיך
איז אין נײַן צווייגן.

אַף איטלאַך צווייגעלע
וואַקסן נײַן בלומען.

קומען אָן פרעמדינקע
בלימעלאַך רייסן.

—וואָס ווילסטו, שוועסטערל,
פאַר דײַן שיין קרענצל?

ווילסטו נאָר—גיב איך דיר
פערדעלע ברוינעם?

—וויל איך ניט, וויל איך ניט,
האָב איך אַליין עס.

—ווילסטו נאָר—גיב איך דיר,—
אַקערער יונגן?

—וויל איך עס, וויל איך עס—
האָב ניט אזוינעם.

114

האַלבע נאַכט אַף גרינער לאָנקע
האָב איך פֿרייגעלאָזט מיין פֿערדעלע.

—נעם אַף דיין באַראָט מיך, גאָטעניו,
כ׳גיב זיך אָפּ אין דיינע הענטעלאך.

מ׳האָט פֿאַרזייט באַ לייטן קאָרן,
איך נאָר האָב נאָך ניט געבראָנעט.

בראָנען ווי וועל איך מיין פֿעלדעלע,
אַז איך האָב ניט מיין ברוין פֿערדעלע?

פֿאַר אַ משכּן מיידלס מאַמעלע
אָפּגעגעבן מיין ברוין פֿערדעלע.

זי זאָל אַנדערן ניט צוזאָגן
מיידעלע, וואָס איז געפֿעליק מיר.

115

סאָסינקע וואַקסט שלאַנק אין וועלדל,
מיידעלע שיינס בא דער מאַמען,—
טראַ־ראַ־ראַ, לאַ־לאַ,
טעכטערל בא מאַמעלען.

שאַרף איך העקל פאַר דער סאָסנע,
אַנגעשוכט זיך פאַרן מיידל,—
טראַ־ראַ־ראַ, לאַ־לאַ,
טו אָן שפּאָרן בלאַנקינקע.

האָב איך אָנגעשמידט ברוין פערדל
פון שטאָל האַרטן פּאַדקעווועלאך,—
טראַ־ראַ־ראַ, לאַ־לאַ,
פּאָדקעווועלאך שטאָלענע.

זאָלן פייערל אויסהאַקן
אַפן הויף בא מיידלס מאַמען,—
טראַ־ראַ־ראַ, לאַ־לאַ,
צו מיין מיידלס מאַמעלען.

פאָר איך, פאָר איך, כוואַטסקער בהור,
און קום אָן צו מיידלס מאַמען,—
טראַ־ראַ־ראַ, לאַ־לאַ,
צו מיין מיידלס מאַמעלען.

קלינגען אָפּ א שעה די שפּאָרן,
אַז איך שפּרינג פון פערד אַרונטער,—
טראַ־ראַ־ראַ, לאַ־לאַ,
אַז איך שפּרינג אַראָפּ פון פערד.

116

מאַמעלע, אַליין דאָס מאַמעלע
האָט מיך אויסגעהאָדעוועט,
כדי אז קומען וועט פרעמד בחור׳ל,
זאָל דער טאטע זיין מיין אָפּגעבער.

117

גיי זיך, בחור, טויגענישט,
בין איך ניט דיין כלה, —
א דיק מיידעלע מיט א רייך נדנ׳עלע
איז רייכן זונדלס כלה.

118

אוי, איר מיינע ברידערלאך,
וואָס בין איך דערעסן אייך? —
וואָסער מיידלניק עס שדכנ׳ט זיך,
ווילט איר מיך אים אָפּגעבן.

119

נעמען וועל איך ניט קיין פריצ׳ל,
נעמען וועל איך ניט קיין אָרימן.

א סך אַרבעט בא דעם פריצ׳ל,
ווינציק ברויט באם אָרימן.

נעמען זיך אזא א מיטעלן —
וועט זיין ארבעט און אויך ברויטעלע.

120

נעמען וועל איך ניט קיין אַלמן,
בעסער אָן א מאַן פאַרבלייבן, —
וועט דער אַלמן אַלץ מיך שטראָפן,
זיין געוועזן ווייב אויסרימען.

121

שטיי איך אינם רויזן־גערטל,
פלעכט א רויזן־קרענצל,
הער איך פרעמדע אָנגעפאָרן,
קוק—אַן אַלמן אָנגעקומען.

איך שאַר אויף צום פּילויט די רויזן,
וויש אין טיכעלע די טרערן,
בין א ווײַלינקע פאַרטראַכט—
איך זאָל געבן האַנט, צי ניין?

זאָג איך: בעסער פאָר אַוועק,—
וועלן טאַטע־מאַמעלע
מיך פאַר דיר ניט אָפּגעבן—
פאַר א שיכור־יונג פון שענק,
פאַר דעם גרעסטן פערד־בײַטער.

122

קום באַנאַנד, מײַן שוועסטערל,
וויגן זיך אַף עפּלבוים,—
אונטער וועלכער ס׳ברעכט דער צווײַג זיך,
יענע וועט אַן אַלמן קריגן.

123

איך גיי אַרום א גרויסן קרײַז,
ארום דעם אַלמנ׳ס שליטן,—
איז דער שליטן פונם אַלמן
פול מיט טרערן ביטערע.

124

וואָלט געזעצט זיך בעסער אין א שטראָם,
איידער אינם אלמנ׳ס שליטן,—
גרינג וואַרפט אום דער שטראָם,
גרינג מאַכט וויינען דיך אַן אלמן.

125

איך גיי אַרום אַ האַלבן באַרג,
האָב פרעמד בחור׳ל ארויסבאַגלייט,—
האָב צעזעגנט זיך אים זאָגנדיק:
„גיי זיך און זאָלסט ווידער קומען״.

126

וואַקס אויס, וואַקס, ליב אינגעלע,
מיט געקרויזטע הערעלאך,—
וועט נאָר ליימע וועלן,
וועל איך גלעטן דיינע קרייזעלאך.

127

וואַקס, בעריאָזקע, ברייט און נידעריק,
כ׳וועל קומען שניידן פון דיר בעזימער,—
וואַקס אַ שטיל און קלוגיטשק אינגעלע,—
איך וועל זיין דיין כלה-מיידל.

128

וואַקס איך, וואַקס בא מאַמעלען,
צו וואָס וואַקס איך, וויים נאָר גאָטעלע:
צי איך וואַקס פאר פרעמדן בחור׳ל,
צי אַף ארבעטן בא ברידערלאך?

129

זאָל בא מאַמען וואַקסן זונדעלע,
פונם גערשטן-פעלד מיין אַקערער,—
די פאַטשיילע*) ליגט בכבוד׳דיק
אפן דעק פון קופערטל.

*) דאָס מיידל פלעגט האבן גרייט אין איר גאָב אַ מתנה פאר דער שוויגער—אן אויסגעשטריקטע גרויסע וואָלענע פאַטשיילע.

130

גערודערט שיפל מיט א בלימעלע,
קעגן טעכטערס מאַמעלע,—
קומט אָן טעכטערס מאַמעלע,
א צעבליטע ווי א בעז־בוים.

131

ווייס בלימעלע, גרין וויטשקעלע
שאָקלט זיך אין אָזערע,—
ווייס בלימעלע—מיין שוועסטערל,
גרין וויטשקעלע—כלה־מיידעלע.

132

בליט דער בעז, נאָר ניט אזוי,
ווי עס בליט דער עפּלבוים,—
שוועסטערל איז ליב, נאָר ניט אזוי,
ווי ס'איז ליב פרעמד מיידעלע.

133

לוינט צוליב איין ניסעלע
איינבויגן דעם גרויסן נוסבוים?—
לוינט צוליב איין מיידעלע
טראָגן אזא האַרצווייטיק?

134

וואונדער, וואָסער וואונדער,
האָב געוועלט זי, האָט זי זיך געשפּאַרט,—
האָב איך ניט גענומען זי,
האָט זי ביטער זיך צעוויינט.

135

ווייס איין גאָט דעם טאָגעלע,
ווען איך וועל אין פרעמד אַוועק,—
איז אַף רוקן נאָך באַם שעפּסעלע *)
די פּאַטשיילע, וואָס כ׳וועל מיטנעמען.

136

שלעכטע בחורים׳לאַך, קומט ניט,
דאַרף איך ניט קיין שלעכטע,—
האָב איך ניט קיין ברודערל,
וואָס זאָל מיך באַשיצן.

137

האָט דאָס פריציש טעכטערל
לאַנג געטראָגן קרענצעלע,—
ניט געקומען איז קיין פריצ׳ל,
ניט דערוועגט האָט זיך אַן אָרימער.

138

האָב דעם טיש געהאַלטן ווייס,
אָפּט געוואַשן קאַמערל,—
אפשר וועט אין שכנות
טרעפן זיך מיין אַקערער.

139

ניט געגאַנגען צו דער קרעטשמע,
ניט אַף יאַרמאַרק זיך באַוויזן,—
ווער עס וויל מיך אָנקוקן,
קומען זאָל צום ברודערס הייפעלע.

*) דער וואַל.

140

נאָענט האַרבסט, די בלעטער פאַלן,
אומעטיק די מיידעלאך,—
פאַלן בלעטער, קייקלען זיך,
גייט א מיידעלע אום וויינענדיק.

141

וויים גאָטעלע, וויים ליימע,
איך נאָר איינע וויים ניט,—
איז באַשערט מיר אָדער ניט
פונם גערשטן-פעלד אן אַקערער?

142

גיט נאָר גאָט, פרעמד בחור׳ל,
פאַלסט אריין אין מיינע הענטעלאך,—
איך וועל שוין אזוי דיך בויגן,
גלייך א יונגן לאשיקל.

143

שטאָלצער בחור, פלינקע הענט
און א צונג א שאַרפינקע,—
דער געפעלט מיר, וויל זיין זיינע,
זאָל מיך מאַמע צו אים אָפּגעבן.

144

קלויב זיך ווייטער איבער, בחור׳ל,
וואוין ניט מיר אין שכנות,—
צוליב דיר האָב איך צעטראָגן
מיינע בעסטע קליידער.

145

בין מיט ברודער ניט געגאַנגען
אויך א וועג א קורצינקן,—
מיט פרעמד בחור׳ל פאַרגאַנגען
א מהלך—הונדערט־מייליקן.

146

זינגט ניט זים אזוי קיין פייגעלע,
ווי עס וואָרקעט טויב אין וואַלד.

קיינער האָט ניט אזוי ליב מיך,
ווי מיך ליבט פרעמד בחור׳ל.

ער דעקט איין מיך מיט זיין מאַנטל,
טוליעט מיינע פיסלאך אין זיין פעלץ.

147

איז געוועזן מיין כלה־מיידל,
גלייך א גאָלדן שוועסטערל,—
אָפּגעדראַשן, גייט זי אָפּמאָלן,
אָפּגעמאָלן—גייט צום פעלד.

148

גיי, מיין פראַצעוויטע שוועסטערל,
גיי קוק אָן מיין כלה־מיידל.

דו קאָנסט באַלד דערקענען,
וואָסער מיידעלע טויג צו אַרבעט.

וואָסער מיידעלע טויג צו אַרבעט
און וואָס איז איר גוסט.

149

שבנ׳יש מיידעלע, שיין בלימעלע,
דו וועסט זיין מיין כלה,—
ביזטו אין מיין הערצעלע,
גלייך א בלימעלע אין גערטל.

150

גאָלדן שבנ׳יש מיידעלע,
פאר וואָס ביזטו אזוי שלאַנק?—
שטיי איך אויף, צי לייג איך זיך,
ביזטו פאר די אויגן מיר.

151

איי, דו מאַמע-מאַמעלע,
וואָסערע האָסטו טעכטער?

קוים איך זעץ זיך אפן פערד,
שלעפן זיי אַראָפּ מיין היטעלע.

שלעפן מיר אַראָפּ דאָס היטעלע
וואַרפן אינם רויזן גערטל.

זאָל איך רייסן רויזעלאך,
צי נאָר נעמען היטעלע?

152

איי, דו שטאָלצע מיידעלע,
גיט פאַרריים הויך ס׳נעזעלע.

וועל ניט קוקן אף דיין שטאָלצקייט,
אף פאַרריסן נעזעלע.

וועל דיין שטאָלץ זען אין דיין ארבעט,
אינם שכל קלוגיטשקן.

153

זאָרג איך זיך ניט פאר עשירות,
אז מיין כלה איז א שייגינקע.

מ׳וועט ניט אָנזען מיין עשירות,
ווי מען זעט מיין כלה אָן.

דאָס עשירות איז אין קלייטעלע,
און די כלה אפן פעלדעלע.

154

ווינטעלע, דו בלאָז מיין שיפל,
ביז צו קורלאַנד*) מיך פאַרטראָג.

קורלענדערקע אָנגעבאָטן
האָט מיר טאָכטער־מאָלערין.

אָנגעבאָטן, ניט געגעבן,—
זאָגט, איך בין א שיכור־יונג.

זאָגט איך בין א גרויסער שיכור,
פטר יאָגנדיק די פערד.

האָב איך פרעמדס אין שיינק געטרונקען,
צו פרעמד פערדעלע געיאָגט?

ווינטעלע, דו בלאָז מיין שיפל,
ביז צו קורלאַנד מיך פאַרטראָג.

קורלענדערקע אָנגעבאָטן
האָט מיר טאָכטער־מאָלערין.

---

*) זע אנמערקונג צו נומ. 329.

155

זיפּ דעם האָבער אויס, מיין ליבינקע,
און שיט אָן אים פאַר מיין פערדעלע,—
צוליב דיר איז עס געלאָפן
א מהלך אזא ווייטן.

156

אויסגעזיפּטן האָבער אָנשיטן
וועל איך מיין באשערטנס פערדל,—
עס זאָל גיכער מיך אַוועקפירן
פון מיין ברודערס שוועל.

157

גיב מיך, מאַמע, פאַר א כלה
דעם, וואָס איז צום האַרצן מיר.

חנ׳עוודיק איז בחור׳ל,
שיין זיינע מתנה׳לאך.

זיצט זיך אפן פערדעלע,
נאָר זאָגט ווערטער ליבינקע,
גלייך ער זיצט אין שטיבעלע.

158

האָב איך מיטלייד מיט דיר, בחור׳ל,
זע איך, גייסטו א פאַרפינצטערטער.

שעם איך זיך פאַר מענטשן,
שרעק זיך פאַר דער מאַמעלען.

וואָלט איך אויסקלייבן א בלאָנדינקן
מיט ווייס־ראָזע בעקעלאך.

159

האָט געזיפּצעט טיף מיין מיידעלע,
אױף די הענטלאַך אָנגעלענט.

—האָסטו, נשמה׳לע, פאַרויסגעזען,
אַז איך וועל ניט לעבן לאַנג?

וועל איך לעבן לאַנג, צי ניט לאַנג,—
וועל זונס עלטער ניט דערלעבן.

נאָר דאָס וואַסערל און שטיינדעלע
קענען, ווי די זון לאַנג לעבן.

אינס טאָל איז טיף דאָס וואַסערל,
און אױף באַרג איז הויך דאָס שטיינדעלע.

וועל פון שטיין א בוים אָפּהאַקן,
צינדן פייערל אין וואַסערשטראָם.

זאָלן וואַרעמען זיך פאַרשווינדעלאַך,
די וואָס ווינטשן מיר כל׳בייז.

160

אַז איך בין געווען א יונגער,
האָב איך מיידלאַך אפן ווינט געלאָזט,—
האָב דערפאַר אזא באַקומען,
סאַמע ערגסטע מיידעלע.

161

אַפן בערגל—ווייסע רויזן,
אונטער בערגל—רויטער מאָן.
קומען בחורים׳לאַך צו די רויזן,
בויג איך איין זיך אינס מאָן.

162

ליג זיך, ברודערל, אַף סטעזשקע,
זוך ניט דיין באַשערטע,—
זי אַליין וועט אָנקומען,
פעלד-בלימעלאך קלויבנדיק.

163

פערדעלע, לויף, זוך דיין וועג,
שטעל זיך אין דאַרף דאָ ניט אָפּ,—
מיידעלאך-פוילערקעס—דאָ,
וואַרפן דעם מיסט דורכן פענצטער.

164

שיין זינגט זי, מיין מיידעלע,
צווישן גרינינקע בעריאָזקעס,—
שאַר די צווייגעלאך פאנאנדער,
ווייז פאר מיר זיך, שיינינקע.

V.

משפחה

165

ניט באַקלאָג זיך, יונגע כלה,
אף מיין ברודערל,—
דיינע אייגענע ברידערלאך
טוען אוים דיר קרענצעלע.

166

למאי זאָל איך מיין שוועסטערל
קרענצעלע ניט אויסטאָן?—
צי האָט ניט מיין שוועסטערל
ערלאך קרענצעלע געטראָגן?

167

מאַמעלע, שטרעק אוים די הענטעלאך,
פרעמדע זעצן מיך אין שליטן,
זאָלן פאַלן מיינע טרערעלאך
אין מיין מאַמעס הענטעלאך.

168

פון וואָס טראַכט מיידלס מאַמעלע,
איבערן הויף אומלויפנדיק?—
מיר זיינען נעכטן אָנגעפאָרן
מיט דריי שליטנס ליידיקע.

169

טראַכטן-טראַכט ניט, מאַמעלע,
טראַכט, ווי אָנפילן די וועגענער.—
גיי אין שטאַל און גיי אין קלייט,—
פול באַלאַד די וועגענער.

170

לימע, גיי און בענטש די חלוקה,
טיילט זיך מאַמעלע מיט טעכטערל,—
טיילן זיך די שעפּסן, קיעלאך,—
טיילן זיך די ווייסע ליילאכער.

171

פעלן אוים דער מאַמעלען,
אף א מאָל דריי זאַכן:
אין שטאַל—די קי, אין קלייט—דער אויסשטייער,
אין מאַל־קאַמער—די מאַלערין.

172

לאָזט מיך ווייט ארוים מיין מאַמעלע,
זאָגט זי צו, זי וועט ניט וויינען.

נאָר נעם איך די שיך זיך אָנטאָן,
האָט זי שוין צעוויינט זיך ביטער.

איך פּאַרוזיקל אין פּאַטשיילע זיך,
וויינען אלע ברידערלאך.

זעץ איך זיך אף חתנ׳ס פערד,
מיוקן אלע קי אין שטאַל.

אז איך רייט ארוים פון טויער,
הירזשען אַלע ברוינע פערדעלאך.

173

אז איר׳ט, ברידער, אָפּפאָרן,
אף צוריק קערט אוים די פערד,—
אָנצואווינטשן שוועסטערל,
זי זאָל לעבן גליקלאך.

174

זונעלע, ווארט אָפּ,
וואָס איך וועל דיר זאָגן,—
טראָג אָפּ צו מיין מאמעלען
הונדערט נאַכטיקע גערוסן.

175

פארן גאַנצן לאַנגן זומער
קריגט זיך מאַן און ווייב,—
וויל דער מאַן א גערשטן-שניטער *)
און דאָס ווייב—א ווערבערין *).

176

גאָט מיינער, איי געטעלע,
ביידע זידלען איינע—מיך,—
זידלט מיך יונג מאַנעלע,
זידלט מיך מיין שוויגערל.

177

אַלץ איז בא מיר אף דער העלפט
מיט מיין ווייבל יונגיטשקער,—
אף דער העלפט דאָס בעטל, קאָלדרעטשקע,
אף דער העלפט וויים ליילאַכל.

178

האָב געקויפט א בייטש אין ריגע,
האַלט אים אפן דעק פון קופערט,
וועל מיט אים מיין מאַנעלע
איטלאַכן פרימאָרגן שמייסן.

*) ער—א זוו, זי—א טאכטער.

179

דעם וואָלפֿס מאַמע, דעם זונס מאַמע,
ביידע גייען זיי איין וועג,—
דעם וואָלפֿס מאַמע זוכט א שעפּסל,
דעם זונס מאַמע—וועבערין.

180

האָט אן עפּלבוים ווייסע בלומען,
וואַקסן אף אים רויטע עפּעלאך,—
האָט א מאַמע שיינע טעכטער,
קומען צו איר הויכע געסט.

181

מזל׳דיק איז יענע מאַמעלע,
האָט דריי טעכטער און דריי זין,—
נדנ׳ס דריי ארויסגעפירט,
נדנ׳ס דריי אריינגעפירט.

182

אוי, געמאַטערט לעבן מיינס,
ווי זאָל איך דיך דורכטראָגן?—
שווינק אין שוויים מיין העמדעלע,
און אין טרערעלאך מיין ליילאך.

183

טרייב איך טשערעדע דורך בלאָטעס,
ס׳ברעכן זיך די צווייגעלאך,—
האָט מיך מאַמעלע אריינגעגעבן
אין גרויס אָרימקייט.

184

קוק אָן, כלה יונגינקע,
ווער דיך קומט באַזוכן,—
חתנ׳ס טאַטע קומט צו דיר,
קאָלירטע הענטשקעס *) דערוואַרטנדיק.

185

קוקן זיך טשיקאַווע אָן איינאַנדער
די געקומענע מחותנים,—
איינער טראָגט א פרעמדנס בגדים,
צווייטער—פרעמדנס היטל.

186

קיינער זעט ניט, אַלע בלינדע,
בלינד די פרעמדע פערדעלאך,—
אָנגעפאָרן צום סטויג היי,
מיינענדיק, עס איז א שטוב.

187

רופן אוים די געסט געקומענע:
—ס׳איז פון דינסטן מעל דער קאָרנברויט.
—האָב מיט מיינע הענט דאָס מעל געמאָלן
אפן מילשטיין פון מיין ברודער.

188

אוי, דו שכנ׳יש מאַמעלע,
וואָלט איך זיין דיין שנור,—
וואָלט איך אויסטאָן דיר די שיכעלאך,
אויסבעטן דיר בעטעלע.

---

*) זע אנמערקונג צו נומ. 322.

189

ריין געהאַלטן ברודערל
האָב איך, גלייך א שוואָן א ווייסן,—
האָב אים איצט געבראַכט א כלה,
זאָל זי אים אין א זאַק באַהאַלטן.

190

מוסר מיך ניט, מאַמעלע,
לאָז מיך אויסוואַקסן ניט אויסגעמוסרט,—
לאָז מיך אויסוואַקסן ניט אויסגעמוסרט
פאר א בחור, וואָס איז אויך ניט אויסגעמוסרט.

191

ריר זיך, פערדעלע דו מיינס,
בעת איך טו א נעם די לייצעס,—
זאָלסט פאַרשטיין, יונג ווייבעלע,
בעת איך טו מיטן אויג א פינטל.

192

בין א יונגערמאַנטשיקל,
וואו זאָל איך אהינטאָן ווייבעלע?—
בוי איך אוים א שיפעלע
אפן ברעג פון שטראָמיק טייכעלע.
שווימען זאָל מיין ווייבעלע
צו א ווייטן געגנטל.

האָט צעשריען זיך קוקאַווקע,
נאַכטיגאַל—געצוויטשערט,
גייט אום וויינענדיק מיין ווייבעלע
אינם פרעמדן געגנטל.

—וויין ניט ביטער, ווייבעלע,
און זאָלסט שווער ניט זיפצן,—
היינטיקס יאָר, צי קומענדיקס
וועל איך צו דיר קומען.

—אַלץ עס פרעגן נאָך די פּאַראָבקעס:
וועמעס איז דאָס ווייבעלע,—
גאָלדיק האָריק ווייבעלע.

193

מיט זילבער האָט באַשאָטן ס׳פּאָטערל
זיין פויל טעכטערל,
שדכנ׳ט זיך צו איר מיין ברודערל,
אפן זילבער זיך פאַרקוקנדיק.

194

האָט געקראָגן ברודערל
וואונדער־שיינע ווייבעלע,—
וואונדער־שיין דאָס פּנימ׳ל,
וואונדערבאַרע פוילערין.

195

האַלט דיך, האַלט דיך, ברודערל,
אזא קלאָץ באַקומענדיק,
למאי האָסטו דיין שוועסטערל
ניט געוועלט זיך אָנטרויען,
אז דו ווילסט א כלה נעמען?

196

ברייננ איך ברודערס ווייבעלע,
גלייך א גרויסע בעריכע,—
האָט די פּיס מיר אָפּגעטראָטן,
האָט מיין פערדעלע פאַרמאַטערט.

197

אלץ עס קלאָגט מיין ווייבעלע,—
וואָס וויל זי אין לעבן נאָך?—
האָט זי זאַט צו עסן, טרינקען,
וואָסער וואוילטאָג וויל זי נאָך?

198

—זאָג וואָס ווייסטו, וואָס טוט ווי דיר,
ווייבעלע מיינס יונגיטשקע,—
וואַי, וואַי, מיין יונג ווייבעלע?

פעלט דיר ברויט, צי פעלט דיר זאַלץ,
אָדער איך בין צו דיר שלעכט,—
וואַי, וואַי, מיין יונג ווייבעלע?

—פעלט ניט ברויט מיר, פעלט ניט זאַלץ,—
פעלן ווערטער ליבינקע,
פעלן ווערטער ליבינקע.

—אויב ס׳געפעלט דיר—לעב מיט מיר,
ניט געפעלן—קום פאַנאַנדער,
וועלן זיך פאַנאַנדערגיין.

טייל אָף העלפט דעם בעטגעוואַנט,
חופה־רינגעלע צעברעך,—
אָף ניין שטיקער אים צעברעך.

און פארוואַרף צום גרונט פון טייכל,
פינקלען זאָל אָף טייכלס גרונט,
אָבער ניט אָף הענטל מיינס.

זאָלן פינקלען אָף מיין הענטל
מיינע טריפנדיקע טרערן,
וויינענדיק א לעבן־לאַנג.

199

קלאָגט זי: פּרייקייט וויל זי, פּרייקייט,
מיין יונג ווייבעלע,—
לאָז איך פריי זי, לאָז זיך אָנשפּילן,
אַבי נאָר זי זאָל ניט קלאָגן.

200

אין שלאַקס־רעגן איז אַנטלאָפן
יונגע ווייבל פון מיין ברודערל,—
אונטער דער געדיכטער ליפּע
האָט מען זי געפונען שטייענדיק.

201

שטאַרקער בלאָז, איי, ווינט דו בלויער,
אין מיין שייער בלאָז אריין,—
איך זאָל אויסרייניקן קאָנען
פאר מיין ברודערס פערד דעם האָבער.

202

בעסער דרעש איך אין דעם שייער,
איידער שווערן מילשטיין דרייען.

פינף־זעקס זיינען מיר באם דרעשן,
איינע נאָר דעם מילשטיין דרייט.

זיינען מיר ניין יונגע ברידער,
נאָר א שוועסטערל איינאיינציק.

אלע טאָג דרייט זי דעם מילשטיין,—
קאָרן מאָלט זי אויס א מאָס.

שוועסטערל, זאָלסט מאָלן דיקער,
זאָלסט ניט מאָלן אזוי דין.

וועסט דין־מאָלנדיק ניט קאָנען
מאַכן זאַט דאָס גאַנצע הויז.

203

זאָרג זיך, מאַמעלע, וואָס זאָרגן?—
זאָלסט פאר מיר ניט זאָרגן.
בין א בחור, ניט קיין מיידעלע,
דאַרף איך ניט קיין נדן.

204

שפּאַנט א פרעמדער, שפּאַנט א ברודער,—
ביידע שפּאַנען זייערע פערדעלאך.

ביידע האָבן גרויע פערדעלאך,
ביידנס שליטעלאך באַשלאָגן.

רופט מיך פרעמדער, רופט מיך ברודער:
—קום דאָ, שוועסטערל, זיך זעצן.

האָב איך זיך פאַרטראַכט, ניט ווייסנדיק,
נ׳וועמעס שליטעלע זיך זעצן.

האָב געזעצט זיך מיט פרעמד בחור׳ל,
איידער מיט מיין אייגן ברודערל.

ער׳ט מיר געבן ברויט ס׳גאַנץ לעבן,
וועט א לעבן-לאַנג מיך שליטלען.

ער דעם ברויט וועט מיר ניט זשאַלעווען,
וועל איך ארבעטן, צי ניט.

ברודערל מיינס, ברויט מיר געבנדיק,
וועט טאָגטעגלאך מיר עס פאָרוואַרפן.

205

האָב געקוקט פון זייט אַף בחור'ל,
וואָס ער טוט א שיכור'ער,—
שלאָגט א שיכור'ער זיין פערדעלע,
וועט ער שלאָגן אויך זיין ווייבעלע.

206

לאָזט מיך ברודער ניט צום פערדל צו,
האַלט עס פאר זיין כלה־מיידל,—
היט אָפּ, ברודערל, דיין פערדעלע,
היט פאר מיר אן אנדערער.

207

זאָל איך בראָדזשן איבער בלאָטע?—
טראָג איך ווייסע זעקעלאך.
זאָל איך פאר א שנור אַוועק?—
שלעכט איז אויך צו זיין בא ברידערלאך.

208

בעט זיך ברודערל בא שוועסטערל:
—זיי בא מיר ביז איבער האַרבסט.
—ניין, איך וועל ניט, ברודערל,—
עס איז שלעכט צו מיר דיין ווייבעלע.

209

פריינטלאך בעט זיך ברודערל:
—שוועסטערל, מאַך צו די טיר *).
—דאַרפסט ניט, ברודערל, זיך זאָרגן,
ער איז היי־יאָריקן האַרבסט
אונזער שטיבל שוין פאַרבייגעפאָרן.

*) מ'זאָל ניט קומען צו איר זיך שדכנ'ען.

210

זאָל געראָטן היי־יאָר, גאָטעלע,
גוט זאָל אויפגעלייגט זיין מאַמעלע,—
וועל איך קומענדיקן יאָר
מער ניט גיין אַף ברודערס פעלדעלע.

211

איר באטראכט אייך, ברידערלאך,
וואָס איר רעכנט מיט מיר טאָן:—
ווילט איר קומענדיקן האַרבסט
זאָל איך נאָך מיין קרענצל טראָגן?

212

האָט מיר ברודערל געהייסן
אין דער פרעמד זאָל איך אוועק:

אין דער פרעמד, וואָס וועל איך טאָן,—
בין נאָך אזא קליינינקע?

אזוי הויך די גרויפּן־סטופּע,
אזוי הויך די האַנט־מיל.

וועל איך ניט צו קיין זאַך גרייכן,—
טרעפּעלע זיך מוזן אונטערשטעלן.

213

טאַטע און מאַמע,
דריטער—פרעמד בחור׳ל,
וואָס טוען זיי אינם קליטעלע?

טאַטע גיט טאָכטער אָפּ,
מאַמע דערלאָזט ניט,
וויינענדיק בעט זיך דאָס בחור׳ל.

214

ניי מיר, מאַמעלע, א העמד,
אָבער שטאַרק און מיט ניין *) נעט,
און אין נאָט אין ניינטן
ניי דיין גוטע ברכה איין.

215

דונערן און בליצן,
אוי, שלאָגט איין מיין שוויגערל,—
איך זאָל איינינקע אליין
קלינגלען מיט די שליסעלאך.

216

וואָלט איך טאַטעלען דערקענען
צווישן הונדערט שיכורים,—
מיטן ביר־קרוג זילבערנעם,—
דאָס איז דאָך מיין טאַטעלע,
דאָס איז דאָך מיין שיכור׳ל!

וואָלט איך ברודערל דערקענען
צווישן הונדערט אַקערער,—
מיטן אַקער דימענטענעם,
מיטן פערדל ברוינינקן,—
דאָס איז דאָך מיין ברודערל,
דאָס איז דאָך מיין אַקערער!

וואָלט איך מאַמעלען דערקענען
צווישן הונדערט שפינערינס,—
מיטן שפינראָד זילבערנעם,
מיטן דינעם נעדעלע,—
דאָס איז דאָך מיין מאַמעלע,
דאָס איז דאָך מיין שפינערין!

*) ניין איז א הייליקע צאָל.

217

האָט דער ים געברומט, געשטורעמט
אין פאַרנעפּלטן באַגינען,—
אָנגעקומען צום ים׳ס ברעגעלע
זיינען שוועסטערלאַך, שפּאַצירנדיק,
צו באַזוכן זייערע ברידערלאַך.
אַלע ברידערלאַך געפונען,
ניט געווען נאָר דאָס מיזיניקל.
גייען זיי און נישטערן,
זוכן זייער ברודערל.

פישער האָבן זיי געטראָפן:
נעצן זיידענע און גאָלדן שיפעלע,
און מיט זעגלען זילבערנע.

—פישערלאַך, איר ים־מענטשן,
האָט איר ניט געזען אױף ים׳עלע
אונזער ברודערל?

—איי, איר שיינע מיידעלאַך,
זאָגט, ווי עס האָט אויסגעזען
אייער ברודערל?

—זיינע בעקעלאַך ווייס־ראָזע,
און די הערעלאַך—העל־גאָלדיקע.
—איי, איר שיינע מיידעלאַך,
ליגט אזא אױף דעק פון ים׳עלע.

נעכטן געשפּאַצירט, זיך שפּילנדיק,
אפן ברעג די ברידערלאַך,
און היינט גייען וויינענדיק
אפן ברעג די שוועסטערלאַך.

218

אויסגעבויט ווײַס שטיבעלע,
זיצן זאָל דאָרטן ווײַס מיידעלע,—
האָב באַקומען א שוואַרצאויגיקע,
אַלץ זי זיצט הינטערן אויוון.

219

רייץ איך, רייץ איך זיך מיט ברודערל:
—איך האָב דיר פאַרויסגעזאָגט,—

אַלע מיידלאַך שכנ׳ישע
האָסטו טאָרבעס אָנגערופן.

האָסט אצינד אַליין א טאָרבע,—
לעבן דיר זיצט זי.

220

קלאָגט זיך שוועסטערל פארן ברודער:
מענטשן האָבן זי באַרעדט.

ברודער ענטפערט אָפּ דער שוועסטערל:
—וואָסער בוים האָט ניט א ווינט צעשאָקלט,

וואָסער קאָרן האָט א האָגל ניט געטראָפן,
וועמען שוינען בייזע צינגער?

221

וואַרט איך אויף מיין ברודערל,
שפרייט איך אוים זיין וועג מיט ליפּע־בלעטער,—
בלאָזט א ווינט אַוועק די בלעטלאך,
ניט געקומען איז מיין ברודערל.

222

די ברידער, שוועסטערל ליבנדיק,
וואַרפן שווערד איר פאר א בריקל:
—איי, דו שוועסטערל, גיי לייכטער,
זאָלסט דאָס שווערד ניט איינברעכן.

VI.

ישׁעיהו

223

איז מיין פייערל פאַרלאָשן,
איך האָב מאַמעלען פאַרלאָרן,—
פייער קריג איך בא א שכן,
נאָר געפין ניט מאַמעלען.

224

זוכנדיק מיין מאַמעלען,
לויף איך אָן צום הויכן אַיער,—
לויף אַרוים פון הויכן אַיער,
שטראָמט א גאָלדן וואַסערל.

אינם גאָלדן וואַסערל
באָדן זיך דריי ליימע־געטינס,—
פרעגן צוויי בא מיר: „וואו לויפסטו?",
און די דריטע רופט צו זיך מיך.

די, וואָס'ט מיך צו זיך פאַרבעטן,
האָט געזאָגט מיר, וואו ס'איז מאַמעלע:
—איי, דו מיידעלע, לויף, מיידעלע,
ביז צו יענעם גרינעם בערגעלע.

דאָרטן שלאָפט דיין מאַמעלע
אונטערן באַגרעזלט ערדעלע.
—שטיי־זשע אויף, מיין מאַמעלע,
איך הייב אויף ס'באַגרעזלט ערדעלע.

וועל דיר וויינענדיק דערציילן
ווי ס'באַהאַנדלט מיך די שטיפמאַמע,—
רייסט די האָר מיר, שלאָגט אין פּנים,
בריקעט מיך אונטערן באַנק.

225

גיט די שטיפמאַמע דער יתומה׳לע
ברויט אַריבערן פייערל,—
גיי, יתומה׳לע, אַרום,
זאָלסט ניט אָפּברענען די הענטעלאך.

226

וויים, ווי שניי איז דאָס יתומה׳לע,—
האָט א שניי איר דען באַשאָטן?—
ניין, ניט אזוי איז וויים דער שניי,
ווי דאָס ערלאַכע יתומה׳לע.

227

דערקענט האָב איך ס׳יתומה׳לע
אינם גאַנצן מיידל־קרייז,—
אין האַנט—א ווייסע טיכעלע,
נאַס פון טרערן ס׳טיכעלע.

228

פון באַגינען ביזן אָוונט,
אַלץ בין איך די שולדיקע,—
איך מוז נעמען אַלץ אױף זיך,
ווייל איך האָב ניט טאַטע־מאַמעלען.

229

גייט דריי יאָר אויף זונעלע
איבער זומפּיקן בעריאָזקעלע,—
פרעמדע מענטשן דריי יאָר פאַרן
אָנקוקן ס׳יתומה׳לע.

230

זינג, יתומה׳לע, א לידעלע,
ווייסטו לידעלאך א סך,—
האָסטו ניט קיין טאַטע־מאַמעלען,
זאָל דאָס זינגען דיך באַרואיקן.

231

זונעלע קוקט אום זיך, שוועבנדיק,
ווי עס שלאָפן יענע קינדער,—
ווי עס שלאָפן יענע קינדער,
וועמען ס׳פעלן טאַטע־מאַמעלע.

232

זונעלע אַוועקגעשוואומען,
איך פאַרבליבן בין אין שאָטן,—
האָב איך ניט מיין מאַמעלען,
ס׳זאָל מיך אין דער זון־זייט שטעלן.

שווים דיך, זונעלע, הער מיך אוים,
האָב דיר וואָס צו זאָגן,—
צו מיין מאַמעלען פאַרטראָגן
זאָלסטו מיין גוט אָוונטל.

זונעלע גאָר נידעריק, נידעריק,
מאַמעלע אין וויטן־זייט,—
לויף איך, לויף, נאָר וועל ניט אָניאָגן,
רוף איך, רוף, וועל ניט דעררופן זיך.

233

האָב געהאַט איין איינציק רויזעלע,
וואו מיין רויזעלע פאַרפלאַנצן?—
דאָרטן וועל איך עס פאַרפלאַנצן,
אפן שפּיץ פון הויכן בערגל.

הויכע רויזן אויסגעוואַקסן,
גרייכן אַזש צום הימל,—
קלעטער איך אַרויף צום הימל,
איבער מיינע הויכע רויזן.

טרעף איך אָן גאָטס זונדעלע,
פערדעלע זיינס זאָטלענדיק,
—א גוט מאָרגן דיר, גאָטס זונדעלע,
זאָג, וואו איז מיין טאַטע־מאַמעלע?

—זוך זיי, מיידעלע, אין פּרייסנלאַנד,—
פּראַוון זיי דיין ברודערס התונה.
און איך קום אַראָפּ אין פּרייסנלאַנד,—
בין געשוואומען איבער ים׳עלע.

—א גוט מאָרגן, טאַטע־מאַמעלע,
איר׳ט פאַרלאָזן מיך א קליינטשינקע,—
אויסגעוואַקסן א גרויס מיידעלע,
האָב איך נאָר געפונען ס׳וויגעלע,
וואו איר האָט אַמאָל פאַרשלעפּערט מיך.

234

וואָלט איך וויסן דעם בית־עלמנ׳דל,
וואו ס׳שלאָפט טאַטע־מאַמעלע,
וואָלט איך צאַמעלע באַפּוצט
מיט רויט־רויטע רויזעלאך.

235

וואָלט איך וויסן יענעם בערגעלע,
וואו עס ליגט מיין מאַמעלע,
וואָלט איך ניט דערלאָזט, חזירים׳לאך
זאָלן בערגעלע צעגראָבן.

וואָלט אַרומגעצאַמט דאָס בערגעלע
מיט געזעגטע דעמבע־ברעטעלאך,—
מיט געזעגטע דעמבע־ברעטעלאך,
און מיט טשוועקלאך אייזערנע.

JEWISH PUBLIC LIBRARY

VII.

אלטקייט

236

אַלטקייט מיינע, אַלטקייט,
זעט מען ניט, ווי דו קומסט אָן,—
וואָלט איך דיך דערזען,
וואָלט איך מיטן פּוס דיך אָפּשטויסן.

237

טראַכט איך, זוך איך דעם באַשייד:
וואָס מיר פעלט אין לעבן?
פעלט געזונט מיר, פעלן כוחות,
שׂכל איז איבערגענוג.

238

האָט מיין מאַמעלען פאַרוואָלט זיך
צוויי מאָל ווערן יונג,—
נאָר עס בליט קיין בלימעלע
צוויי מאָל אין א זומער.

239

איז שוין אַלט מיין מאַמעלע,
טויג ניט צו קיין ארבעט,—
זיצט אַראָפּגעהאַנגען ס׳קעפּעלע,
גלייך אין האַרבסט א גערשטנזאַנג.

240

עס איז אַלט מיין מאַמעלע
קען די סטאַדע ניט ארויסבאַגלייטן,—
אוי, וועסט נאָך מוזן בא דער שנור
אין פרימאָרגן מילשטיין דרייען.

241

מורמלט אַלטע באָבעניו:
—גאָר ניטאָ קיין יאַגדעס, שוועמלאַך...
—געגוג יאַגדעס דאָ און שוועמלאַך,—
ווער וועט, אַלטע, פאַר דיר אָנקלייבן?

VIII.

ט ו י ט

242

דווינע-טייך שוואַרצאויגיקע,
לעבנס אזוי פיל פֿאַרשלינגנדיק,—
ווי זאָל דווינע שוואַרץ ניט פֿליסן,
לעבנס אזוי פיל פֿאַרשלינגנדיק?

243

וואויל איז יונגערהייט צו שטאַרבן,
אָדער גאָר אַלט—ניט אין יאָרן מיטעלע,—
ווער אין מיטן לעבן שטאַרבט,
לאָזט נאָך צופיל בייַנקנדיקע.

244

פירט מיך, פלינקע ברוינע פערד,
דאָרט צום זאַמדיק בערגעלע,—
ס'קערן זיך צוריק די ברוינע פערד,
אָבער איך קום ניט צוריק.

245

איך האָב בא מיין לעבן
ניט פֿאַרליטן זאַמד אין שוך,
אוי ווי לייד איך, אז אין גאַנצן
האָט מען מיך מיט זאַמד פֿאַרשאָטן.

246

מיין לעצט לעבנס-שטיבעלע
האָט קיין טיר, קיין פענצטערל,—
האָט קיין טיר צום עפענען,
פענצטערל—דעם דרויסן זען.

247

האָב געמיינט, אַ רעגנדל
קאַפּעט אפֿן הייפּל,—
ניין, עס איז מיין מאַמעלע,—
יאָמערדיק באַקלאָגט זי מיך.

248

איר באַגראָבט מיך לעבן שליאַך,
בין געווען אַ רעדער־מאַכער,—
ראָד וועט, זיך פֿאַרבייקיקלענדיק,
זאָגן: „אָט דאָ ליגט מיין מייסטער!"

249

פערדל האָט צעהירזשעט זיך
פֿאַרביי דעם בית־עלמין לויפֿנדיק:
—אָט דאָ שלאָפֿט מיין אַקערער,
פֿלעגט מיר ריינעם האָבער אָנשיטן.

250

גיי אַהיים, מיין ווייבעלע,
זוך אַן אנדער אַקערער,—
זוך אַן אנדער אַקערער,
איך פֿאַרבלייב אַף בערגעלע.

251

זיי געזונט, מיין ליבינקע,
זוך אַן אנדער אינגעלע,—
זוך אַן אנדער חת׳עלע,
מיך באַדעקט דאָס בערגעלע.

252

קום באַזוך מיך, ליבינקע,
ליג איך אזא רואיקער,—
קום באַזוך מײַן קבר'ל,
ברײנג א האַנט פול מאָנבלומען.

253

איך קאָן ניט אױפשטײן, טעכטערל,
ליג איך אונטער שלעסער דרײ:

געלער זאַמד באַדעקט די אױגן,
דריקט מײַן ברוסט געדיכטע גראָז,

מײנע גלידער אײנגעפענטעט
האָבן װאָרצלען פון בעריאָזע.

254

בעריאָזעס אַלטע אױסגעפוצט,
זײער קאָרע נאָר געבליבן,—
אױסגעשטאָרבן העלדן אַלטע,
זײערע נעמען נאָר פאַרבליבן.

∾

IX.

פריצים און לאנדקנעכט

255

זונעלע, צו גאָט פאַרגיי זיך,
גיב אונז שבת אָוונט־רו,—
אַרבעט גיבן בייזע פּריצים,
אָבער ניט קיין אָוונט־רו.

מעל האָט שוואַרצע שלאַנג געמאָלן
אױף א שטיין אין מיטן ים,—
עסן זאָלן ס'מעל די פּריצים,
צווינגען אַרבעטן באַנאַכט.

לויף א היים, א היים לויף, פערדל,—
מיטן קאָרע־צאַמעלע:
שלעכטע צייטן, בייזע פּריצים,
וואַגסט ניט קיטל אויסצושמידן.

256

זאָגט פאַרגייענדיק דאָס זונעלע:
—רוט אייך אָפּ, איר אַרבעטסלייט,—
זיינען אייך די הענט ניט מיד
נאָך א לאַנגן פּראַציע־טאָג?

257

פּריץ, פּריצ'ל,
שלאָג אונז ניט באַנאַכט,—
שלאָג אונז אין באַגינען,
וויינען זאָל דאָס זונעלע.

258

הילכיקער, הילכיקער הוסט,
אַלע ברידער מיינע פינף,—
זאָל מען מיינען, איר זייט זקנים,
וועט מען אייך ניט שיקן דרעשן.

259

זאָגט, ווער זיינען די, וואָס זינגען
שפּעטן אָוונטל — אָן זונעלע?

זיינען דאָס יתומים-קינדער, —
קנעכט בא רשעות'דיקע פּריצים.

צינדן פייערן, זיך אָנצואוואַרעמען,
ווישן זיך די טרערן ביטערע.

גריזשן האַרטן ברויט פון מעקענע,
ווייקנדיק אין קוואַל-וואַסער.

260

זאָגט א דייטש *) צום צווייטן דייטש:
— איז מיין כלה-מיידל שיין!
וועט דער רוח דיר א שיינהייט געבן,
גלייך צום גערשטן פונם לאַנדקנעכט.

261

צו וואָס קומסטו, דייטש,
צו דעם פויערס חתונה? —
וואָסער טייוול גייט
אף א חתונה באַ דייטשן?

262

איי, גייט, מענטשן, אָנקוקן,
וואָסער וואונדער אפן פעלד, —
שלעפן פינף קעץ אן אַקעראייזן,
אַקערט וויינענדיק א דייטש.

*) אונטערן וואָרט דייטש ווערט פאַרשטאַנען דער דייטשישער פּריץ, דער באַראָן.

263

דרעש איך אינם פּריצ׳ס שייער,
נאָר מען נעמט ניט צו דעם שטרוי,—
אַ־יאַ, ראַ־לאַ־לאַ,
קיינער נעמט ניט צו דעם שטרוי.

העלף דעם שטרוי מיר טראָגן, שוועסטער,
פאר א ווייסן וואָלנטוך,—
אַ־יאַ, ראַ־לאַ־לאַ,
פאר א ווייסן וואָלנטוך.

זיינען מאָגער, קליין די דרעשער
בא דעם פּריץ אינם שייער,—
אַ־יאַ, ראַ־לאַ־לאַ,
בא דעם פּריץ אינם שייער.

איימיץ פאַלט איבערן דרעש־דראָנג,
איימיץ פאַלט אוועק אין שטרוי,—
אַ־יאַ, ראַ־לאַ־לאַ,
איימיץ פאַלט אוועק אין שטרוי.

בעסער וועל איך קאָרן דרעשן,
איידער מיט א בחור שלאָפן,—
אַ־יאַ, ראַ־לאַ־לאַ,
איידער מיט א בחור שלאָפן,—

אויסגעדראָשן קאָרן־סנאָפּעס,
קער איך אום זיך שטאָלץ אהיים,—
אַ־יאַ, ראַ־לאַ־לאַ,
קער איך אום זיך שטאָלץ אהיים.

זאָל איך מיט א בחור שלאָפן,
לאָז איך אייגעלאך ארונטער,—
אַ־יאַ, ראַ־לאַ־לאַ,
לאָז איך אייגעלאך אַרונטער.

264

פריץ מעג דעם פויער זידלען,
זידלען מעג דער מאַן זיין ווייב,—
נאָר ניטאָ איז אזא רעכט,
ס'זאָל מעגן ברודערל זידלען שוועסטערל.

265

עסט דער חזיר פון דער קאַרעטע,
מוז ער דאָרט א פיסל אָפּטונקען,—
אַז דער פריץ טרינקט זיין וויין,
מוז ער חוזק'ן פון אָרימן.

266

לוינט ניט זיך צו לאָזן רייטן
צוליב פריציש טעכטערל,—
גרויס די גדולה פון די פריצים,
ווינציק טויגן זייערע טעכטערלאך.

267

ווער וועט געבן מיר יענץ בלימעלע,
וואָס וואַקסט איינזאַם בא דער אָזערע?

ווער וועט געבן מיר יענץ מיידעלע—
בת-יחיד'קעלע בא מאַמעלען?—

פארן פישער איז יענץ בלימעלע,
פארן פריץ—בת-יחיד'קעלע.

268

ווער גיט האָניק צו א קראָ,
פריציש טעכטערל צו א פויער?—
פיקט דער קראָ דעם סאָסנע-סאָק,
נעמט דער פויער א פויער-מיידל.

269

וואָס נעמסטו א ווייב זיך קנעכט?—
האָסט א שטוב, א רויכהייזל?
אוי, דיין שטוב, דיין רויכהייזל
וויגט נאָך אום דער ווינט אין וואַלד *).

270

וואויל איז גאָטעלעס מתנה
פאַרן פריצ׳ס טעכטערלאך,—
אויסגעקעכלטע אף שמאַנט,
פירט מען זיי אַוועק **) צו זויערמילך.

271

אויסנייערינס, שטריקערינס
זעצן אוים זיך באם זייט שליאַך.

—נעם, מיין ברודערל, א שטריקערין,
בלייבן זאָל די אויסנייערין,

בלייבן זאָל די אויסנייערין
פארן פריציש זונדעלע.

272

אַקער איך מיין ערד אין וואַלד
נעם א ווייב א פויער-מיידל,—
ווער וועט געבן מיר א פריי פעל,,
ווער א רייכע טעכטערל?

*) די ביימער אין וואלד.
** נאך דער חתונה.

273

לויפט דאָס שפּינראָד איבערן וועג,
זוכנדיק די שפּינערין,—
שפּינראָד, מעגסט אוועקפאַלן,
מ׳האָט די שפּינערין ווייט פאַרשלעפּט.

274

וואָסער יאָמערלאך געזאַנג
הילכט אדורך באַנאַכט?—
ס׳זינגט יתומה־מיידעלע,
וואָס עס דינט באַם פּריץ.

X.

פאסטוכשע

275

פאַסטוכל געשטאָרבן,—
אַלע פאַסטוכער באַוויינען:

גראָבט די גרוב דער חזיר
אפן הויכן בערגל;

די קוקאַווקע קלינגט
אף בעריאָזע קרומער;

פיקהאָלץ שמידט א צלם
פון אַן עגלע טרוקענער;

אַלע קליינע פייגעלאך
האַלטן אָפּ א תּפילה;

בלוי-פויגל ברענגט נייעסל
צו זיין טאַטע-מאַמעלען,

און די ציג צום הימל קלעטערט—
האָט צו גאָט א טענה.

276

באַק א ברויט מיר, מאַמעלע,
דאַרף איך טרייבן טשערעדע.

באַקסטו אויס א גרויסן,
וועל איך ווייט זי טרייבן.

באַקסטו אויס א קליינעם,—
טרייב איך ביז צום טויער.

277

אַלע קי מיינע—געפּלעקטע,
געפּלעקטע—גרויסע, קליינינקע,—
הער איך זיך ניט אויף צו פרייען:
בין פון געפּלעקטע קי א פאַסטושקע.

XI.

געזאנג

278

ליימע ליבינקע, גאָטס טעכטערל,
קום זאָג פאַר אונז לידער,—
זאָג אונז פאַר און זינג אליין
סיי פון יונגע, סיי פון אַלטע.

279

בעת איך זינג—איז פיין געזונגען,
בעת איך וויין—אוי, וויין איך ביטער.

ווי זאָל איך נים זינגען פיין,—
זאָגט מיר מאַרא *) אלע לידער?

ווי זאָל איך נים ביטער וויינען,—
בין איך א יתומה׳לע?

280

דריי מאָס דיינעס **) מיטגעבראכט
נאָך דער התונה צום מאַנס שטוב;

איז די שוויגער צו מיר ליב,—
זינג איך, ס׳זאָל איר פריילאך זיין;

איז זי אָבער בייז און שלעכט,—
זיץ איך שטיל, פאַרבאָרג די לידער.

281

דו ביזט שולדיק, מאַמעלע,
וואָס איך בין א זינגערקע,—
האָסט אין וויגל אונטערן קישן
מיר געלעגט א נאַכטיגאַל.

---

*) זע אנמערקונג צו נום. 15.
**) אין לעטיש איז אײנצאל—דיינא, מערצאל—דיינאס.

282

צוליב א לידל, מענטשן גוטע,
ניט פאַרפירט קיין קריג,—
זינג איך ס׳לידל, ווי עס איז,
האָב עס ניט אליין פאַרפאַסט.

האָט׳ס פאַרשריבן מאַמעלע,
ווען איך בין אין וויג געשלאָפן,
ניט געוואוסט וואָלט מאַמעלע,
ליימע זאָל ניט פאַרזאָגן.

283

זינגען, מיידלאך, קומט מיט מיר,
האָב איך לידעלאך א סך,—
האָב זיי איינציקווייז געזאַמלט,
וואַנדערנדיק אין דער פרעמד.

284

באַלד אין אָוונט פלעג איך קומען
זינגען פארן וואַסערקוואַל,—
האָב פאַרזונגען דאָרט מיין נדן
און מיין מאַרגאַריטן־קרענצל.

285

זינג איך הויך,
צי זינג איך נידעריק,
נאָר ס׳דערקענען אלע באַלד
ס׳בויגיק קול׳כל מיינס.

286

וועל איך קיינעם ניט דערלאָזן
מיינע לידער מאַטערן,—
האָב א לידל אויסגעזונגען,
באַלד אין קנויל פאַרוויקלט.

287

אינגלאַך קליינטשינקע צעמאַטערן
אַלע שיינע לידער,—
ליגן אָן זיי אין א לאַפּצע,
איבערן קאַמער שלעפנדיק.

288

אַלע לידער אויסגעזונגען,
פּיטערנדיק ברודערס קיעלאַך,
נאָר איין ליד נאָך ניט געזונגען,—
וועל עס שפּעט אין אָוונט אויסזינגען
פאַר מיין קליינטשיק שוועסטערל.

XII.

טאַנץ

289

ווערט זיך אין א קאַראַהאַד
לאָזן יונגוואַרג טאַנצן,—

ווער אין שיך, ווער אין לאַפּצעס,
און ווער באָרוויס.

וואָלט איך אויך געטאַנצט, געשפּרונגען,
האָט מיין שוך געפּלאַצט.

—כאַפּ א רימענדל, פאַרבינד,—
טאַנץ און שפּרינג ווי אַלע.

XIII.

וויגלידער

290

שלאָף, שלאָף, קינדעלע,
אינם גאָלדן וויגעלע,—
זאָלסט ניט האָרכן הענדעלע,
זאָלסט ניט וועקן מאַמעלען.

291

אַ־יאַ־שו, בערס זונדעלע
מיט די ברייטע לאַפּקעלאך,—
טאַטעלע זוכט האָניק,
מאַמעלע קלייבט יאַגדעס.

עס וועט ברייגנען טאַטעלע
האָניקל פון בינשטאָק,
עס וועט ברייגנען מאַמעלע
יאַגדעלאך א קערבל.

עס וועט זיין דיר קינדעלע,
אף א רואיק שלאָפעלע,—
אַ־יאַ, שו־שו־שו,
אף א רואיק שלאָפעלע.

292

מאַמע, האָדעווע אויס טעכטערל,
אונטער באַנק וואַרף זונדעלע,—
דרעשן גיכער גיין וועט טעכטערל,
ווי די שנור די יונגינקע.

293

זאָלסט מיך, מאַמעלע, פאַרשלעפערן
אף גרינגע הענטעלאך,—
איך וועל זיין פאר דיר א העלפערין
אף גרינגע פיסעלאך.

294

נער מיך, מאַמעלע,
מיט פעט מילכעלע,
וועל איך זיין א שטאַרקינקע,
בחור׳ל דעם וועג ניט אָפּטרעטן.

295

וויג מיך, מאַמעלע, פאַרוויג
אין א גרויסן היינגנדיקן וויג,—
איך זאָל וואַקסן שלאַנק און הויך,
זיין א פלינקע וועבערין.

296

שלאָף, שלאָף, ברודערל,
מיט א זיסן שלאָפעלע,—
איך וועל פאר דיר אויסשטריקן
הענטשקעלאך געשפריינקלטע.

297

זאָל זיך שאָקלען וויגעלע,
אויסוויגן מיין ברודערל,—
פרייען דאַרף א לאַנדקנעכט,
מאַמעלע—אן אקערער.

XIV.

איראַנישער צוזאַג

298

ווען גרינען וועלן פּאַרקאָן-דריינגער,
ווען די שטיינער וועלן פוילן,

ווען דער שטיין אַף וואַסערל וועט שווימען,
ווען דאָס פעדערל צום גרונט וועט זינקען,—

דעמאָלט וועל איך זיך אהיים אומקערן,
טאַטע-מאַמעלען באַזוכן.

299

ווען דאָס הענטל פונם האַק וועט בליען,
ווען דער קראָ וועט שליטן קירעווען,
ווען דעם באָב וועט מען מיט דלאָט צעהאַקן,—
דעמאָלט וועט בא אים זיין חתונה.

300

—טעכטערלאַך, גייט לאָזט אריין,—
איימיץ קלאַפּט אין טיר.

—מאַמעלע, דאָס איז דיין זונדל,—
קלאַפּט צו דיר אין טיר.

זיינע פיס און הענט אין בלוט,
טרערן אף די באַקן.

—אוי, מיין זונדל-זונדעלע,
וואָסער זינד ביזטו באַגאַנגען?

מאַמע-מאַמעלע געטרייע,
איך האָב ברודערל געקוילעט.

—אוי, מיין זונדל-זונדעלע,
וואו ווּעסטו איצט גיין?

—מאַמע מיינע, מאַמעלע,
וועל אוועק אין דייטשלאַנד.

—אוי מיין זונדל-זונדעלע,
ווען וועסטו צוריקקומען?

—קומען ווען עס וועלן וואַקסן
אף די פּאַרקאַן-דריינגער בלעטער,
און די שטיינער וועלן בליען.

∾

XV.

שטוב

301

לאַנג געהערט, און איצט געזען
אין דער פרעמד א שיינע שטוב,—
שווימט אַרום דאָס זונעלע,
קוקט אין גלאָזיק פענצטערל.

302

יאָמער ניט, יונג ווייבעלע,
פירט מען ווייט דיך ניט אוועק,—
שימערט נאָנט ס׳באַגלאָזטע פענצטערל
דורך צובלעטערטן עפּלבוים.

303

מענטשן חשוב׳ע, הייזער נידעריקע:
צום פאָרהויז קריך איך איינגעהויקערט,
גיי אין שטוב אַף אלע פיר,

קנעט דעם ברויט אין דייזשע,
אַף די קניען שטייענדיק,

אין דעם קו־שטאַל אָנצוקומען,
מוז איך שאַרן זיך אפן בויך.

304

בין געוואַקסן בא די ברידערלאך,
אין געהובלט שטיבעלע,—
פירט מען אָפּ מיך אין דער פרעמד,
דאַ די שטוב—א וויטשקע־ביידל.

305

זוך איך ניט קיין גלאָז־פענצטער,
קיין געזעגטן שטיבעלע,—
זאָל זיך זיין אן איינגע שטעלכעלע,
מ׳זאָל דעם ביסן נאָר ניט פאָרוואַרפן.

XVI.

קלייט

306

האָסטו, ברודערל, א גאָלדן פלעקעלע
אין וואַנט פון קליט אריינצושלאָגן?—
וואו ס'טו אָנהייגגען דעם קרענצל,
וואָס עס וועט דיין כלה אויסטאָן?

307

איך בוי א קלייטעלע פאר שוועסטערל
פון געזעגטע ברעטעלאך,
ווינטעלע זאָל דורכבלאָזן,—
שוועסטערלס צירונג זאָל ניט שימלען.

308

בליט איך, בליט איך, קאָרנזאַנגען,
בליט אין שורות ניין,
האָט געבויט א קליט מיין ברודערל
מיט ניין קאַסטנס פארן קאָרן.

XVII.

מרחץ

309

איך קום אין ליימע׳ס מרחצ׳ל,
האָב פאַרשפּאַרט דאָס טירעלע,
ווייס נאָר גאָט און ליימע ליבינקע,
צי וועל איך נאָך זען דאָס זונעלע.

310

קום איך אינעם מרחצ׳ל,
טו אויס גאָלדן רינגעלע,—
ליימע־געטין, נעם מיין רינגעלע,
נעם ניט מיין נשמה׳לע.

311

ליגט א ווייסער גרויסער שטיין
אויפן וועג צום מרחץ,—
רוען דאָרט זיך ווייבעלאך,
ווייבעלאך מעוברת׳ע.

312

פאר מיין יונגיטשק ווייבעלע
אויסגעפּראַוועט בריקעלע צום מרחץ,—
ניט פאַרנעצן אירע פיסעלאך,
אַז זי גייט, באַגלייט פון ליימע.

∾

XVIII.

מעבל און זאַכן

313

טיש

טישעלע, אוי טישעלע,
איז פאַר דיר פונקט צוגעפּאַסט,—
זיצן ארום דיר די מאַנסבילן
גלייך ווי דיקע דעמבע־ביימער.

314

שטול

מענטשן קענען גוט מיין טאַטעלען,
מענטשן קענען גוט מיין מאַמעלען,
איינע איך,—בין א פאַרשטויסענע,—
מ׳גיט מיר ניט קיין שטול צום זיצן.

315

מיינע ברידערלאך—גרויסע מאַנסבילן,
איך, דאָס שוועסטערל,—א קליינס,—
ברידערלאך, דערלאַנגט א הויכן שטול,—
ס׳זאָל זיין שוועסטערל גלייך מיט אייך.

316

קופערט

ריגע שטורעמט, ריגע שטורעמט,
ווער באַשטורעמט די שטאָט ריגע?—

מען באַשמידט דעם מיידלס קופערט *)—
האָט זי ברידער דרייערליי,—

פֿאָטערס ברודער שמידט דעם קופערט,
מוטערס ברודער—שליסעלע,

און איר אייגן ברודערל
גיסט אויס גילדן דעקעלע.

317

היטל

היטל מיינע, היטעלע,—
פֿאַרוואַרפֿט עס מיידעלע אין רויזן־קוסט,—
קימערט מיר ניט ס׳היטעלע,
וויל נאָר כאַפּן די וואַרפּערקע.

318

מיידעלאך אַרום מיין היטעלע,
ווי די בינען זיך אַרומגעקלעפּט,—
צי דען איז מיין היטעלע
אויסגעשמירט אין האָניק?

*) אין קופערט האַלט דאָס מיידל איר אויסשטייער.

319

שיכעלאך

אירע ברידער אייגענע
הויבן אויף דעם וואוקס פון שוועסטערל,—
נייען שיך איר מיט אפּסאַצלאך הויכע,
קויפן איר א הויכן קרענצעלע.

320

בין בא מאַמעלען געוואַקסן,
ווי א רויטינק יאַגדעלע,—
חת׳עלע מיר אויפגעניית
פונקט צום פּיסל גאָלדענע שיכעלאך.

321

ניי מיר, שוסטער, שיכעלאך,
ניי זיי אוים מיט גאָלדענע פלימערלאך,—
איך זאָל רייצן אין דער פרעמד,
מיט מיין פּיסל יונגן בחור׳ל.

322

הענטשקעלאך

האָב איך צוגעזאָגט מיין אינגעלע
א פּאָר ווייסע הענטשקעלאך,—
אוי, וואָס טו איך, גאָטעלע?—
מאַמע האַלט דעם קופערטס שליסעלע.

—גיב מיר, מאַמעלע, דאָס שליסעלע
דארף איך זען עפּעס אין קופערטל,—
אוי, וואָס טו איך, גאָטעלע,
גייט מיט מיר מיט מאַמעלע.

דאַרף איך גאָטעלע באַדאַנקען,
וואָס צעבילט האָט זיך דאָס הינטעלע,—
מאַמעלע נעמט הינטל איין,
איך די הענטשקאלאך אין בוזעם.

—נא דיר, בחור׳ל, די הענטשקעלאך
האָב די ערשטע זיי געשטריקט,—
האָב פון מאַמעלען זיי אָפּגע׳גנב׳עט,
וועסטו פאר מיר אָנזאָטלען
ס׳ערשטע מאָל ברוין פערדעלע.

*) דאָס לעטיש מיידל פלעגט אנגרייטן צווישן איר אויסשטייער א סך פּאָר הענטשקעס, אויסצוטיילן אף איר חתונה די מחותנים.

323

ליאַלקע

ווען מען אַפּגעבן מיין ליאַלקעלע
פאַרוויגן?—

טאַטעלען,
אָדער מאַמעלען?

וועל ניט געבן טאַטעלען:
זיינע—האַרטע הענט.

איך וועל געבן מאַמעלען:
אירע הענטלאך—ווייכינקע.

XIX.

ביר

324

ביר, דו זיסינקע,
זאָג, וואו קלייבט מען פאר דיר האָפּן?—
ביים טיר פון פערקאַנס שטיבעלע,
פון די זאַנגען גאָלדענע.

325

גאָט, דו העלף—וועמען העלף?—
אונזער ביר־ברויער:
זעצן זאָל מיט דאַמף זיין קעסל,
שוימען זאָל זיין טון.

326

בחורים׳לאך ווייסן נים,
צו געפעלן מיידל׳ס מאַמעלע:
מיטן קופל ביר אין האַנט,
און דאָס היטל אונטער פאַכווע.

XX.

געגנטן, לענדער, פעלקער

327

מאַמעלע, טרייב ניט דעם פרעמדן,
קומט ער אָן פון זייער ווייט,—
אונזער ברויט, אז ער וועט עסן,
וועט ער אין דער וועלט אונז אויסרימען.

328

געוועלט האָט זיך מיר ליטע־לאַנד
אויסברענען מיט גרינעם פייער,—
איך האָב זיך נאָר איינס דערמאָנט,
ס׳וואוינט מיין שוועסטער אפן ליטע־גרענעץ.

329

א גאָטהעלף דיר, קורלענדערין *)
שווינקסט א פנים קוילן־זעק?—
—ביזט משוגע, ליפלענדערין **),
איך שווינק מיין ברודערס יום־טוב־העמדער.

330

גיב איך אָפּ צו א רום מיין שוועסטער,
נעם פאר זיך ליטווינערין,—
איך קום צו רוסן, צו ליטווינער,
האָב איך קרובים אומעטום.

331

אויפגעגאַנגען גרין באַגינענדל,
אויפגעגאַנגען איז גרין זונעלע,—
צינדן אָן עס מיינע ברידערלאך
ווייט א שלאָס א רוסישן?

---

*) קורלאנד, מיט דער שטאט ליפּיי, אפן ברעג פון באלטישן ים.
**) ליפלאנד, מיט דער שטאט רינע, באם רינער אויסגוס.

332

אײ, ליטווינער, מײנע ברידערלאַך,
איר זײט מײַן הויף פֿאַרבײגעפֿאָרן,—
איר אף אײביק בלײבט ליטווינער,
ניט צו מיר פאַרפֿאָרנדיק.

333

פֿאַר וואָס האָט מען, מאָרגנשטערן,
ניט געזען דײַן אויפֿגאַנג?—
מאָרגנשטערן זוכט אין דײַטשלאַנד
זיך א סאַמעט רעקעלע.

334

גרויסל זיך ניט, דײַטשעלע,
מײַן ניט ביזט א פּריץ,—
האָסט אײן אײנציק שוואַרצע װעסטל—
פֿון אן אידן אָפּגעראַבעוועט.

335

מײַן װײַב האָט קרובים אידישע,
עסט זי ניט קײן חזיר־פלײש,—
קוילע איך פאַר איר אן אָקס,
עס אלײן דאָס חזיר־פלײש.

336

אידעלע שוואַרצבערדלדיק,
אוי, ווי זיס דײַן שמעק־טאַבאַק,—
אײנמאָל נאָר א שמעק געטאָן,
האָבן הויזן זיך צעטרײסלט.

אידעלע שוואַרצבערדלדיק,
אוי, ווי זיס דײַן שמעק־טאַבאַק,—
האָב צװײ מאָל א שמעק געטאָן,
האָבן לונגען זיך צעקלונגען.

337

אידיש מיידעלע וויינט ביטער
איז באם איד א גרויסער באָרד,—
וויין ניט ביטער, אידישקע,
מיר'ן באָרד באַם אידן אויספוצן.

338

אַט־אַ איז א זומערל,
איד טרייבט פערד באנאַכט אף פּאַשע,
אידנס באָרד האָט זיך פּאַרסמאַליעט *),
און דעם פערד האָט וואָלף צעביסן.

339

פּריצ'ל האָט פּריצ'טע
מיט אן עפּעלע געריצט.

אַקערער זיין וויבעלע
מיט א סקאָרינקע ברויט.

אידעלע פירט מאַמעלען
שפּאַצירן אין א מולטער.

ציגיינער האָט ציגיינערטע
מיט א בייטש „געדזשינדזשלט" **).

*) איינשלאָפנדיק באם געמאַכטן פייער.
**) „דזשינדשל"—אף ציגיינעריש שמייסן.

XXI.

בהמות און חיות

340

פערד

ליכטעלאך אין ים צוויי ברענען
ברענען אפן דעק פון ים׳עלע.

פונם ים ארויסגעשוואומען
זיינען פערדעלאך צוויי געלינקע.

איינס האָט גאָלדן זאָטעלע,
צווייט—א גאָלדן צאַמעלע.

341

פערדעלאך צוויי גרויע
פונם ים ארויסגעלאָפן.

אפן ערשטן—שטערנדיקע דעקטוך,
אפן אנדערן—גאָלדן צאַמעלע.

עסן ניט קיין בלאָטיק גראָז,
טרינקען ניט קיין בלאָטיק וואַסער.

זוכן גראָז, וואו טייך פארבויגט זיך,
וואַסער ריינינקן, וואָס קוואַלט.

ווילן גאָלדענע קאַרעטעס אין שטאַל,
דימענטענע זיפּ אף האָבער.

בחורים׳לאך זאָלן זיי פיטערן,
זקנים׳לאך זאָלן זיי רייניקן.

342

ווייסע הערנער, שוואַרצע אָקסן,
עסן אַיער אין דער דווינע,—
ס׳זיינען ניט קיין שוואַרצע אָקסן,
נאָר פון גאָטעלע די פערד.

343

האָב געקויפט בא גאָטעלע
פערדעלע לאַנגפיסיקן,—
בראָדזשעט עס דורך אלע טייכן,
שפּרינגט אריבער דווינע־טייך.

344

כ׳האָב געקויפט א ברוינעם פערד
פון א וואַסער־בלעזעלע,—
זעץ איך זיך אױף אים ארויף,
שאָקלט עס זיך, ווי דאָס וואַסערל.

345

דו מיין שוואַרצינק פערדעלע,
וועל איך דיך ניט מאַטערן,—
איך וועל נעמען קליינטשינק ווייבעלע,
מאַכן א לייכט שליטעלע.

346

שמיד איך אונטער ברוינעם פערד
פּאַדקעוועלאך זילבערנע,—
זען צו רייטן אין דער פינצטער,
ביז עס גייט לבנה אויף.

347

בא מיין ברוינעם פערדל
איז א צאַמעלע מיט גלעקלאך,—
הירזשעט פערדל טראַמפּלענדיק,
טרייסלענדיק זיך, קלינגלענדיק.

348

פערדעלע מיינס ווייסינקע,
דו האָסט מיך פֿאַרשעמט,

דו האָסט מיך פֿאַרשעמט,
פֿארן גאנצן מיידל-קרייז,—

האָסט מיט פֿוס זיך אויסגעגליטשט,
אַראָפּגעפֿאַלן איז מיין היטעלע.

349

בייזערט אייך ניט, מיידעלאך,
האָב געטאָן עס אומגערן,—
פערדל מיינס, זיך שפּילנדיק,
איז אריינגעשפּרונגען
אינס רויזנגערטנדל.

350

וויינט דאָס פערדעלע באַרג אַרויף,
צי האָב איך דעם באַרג געמאַכט?—
גאָטעלע האָט באַרג געמאַכט,
פֿריץ—וואָגן אָנגעלאָדן.

351

איז א גוטינק פערדעלע,
וואָס באַוואַרפֿט מיט שניי דעם שליטן,—
עס איז גוט יענץ טאַטעלע,
וואָס קען זונדעלע דערציען.

352

זאָלן וועלף און קראָעס אויפֿפרעסן
פערדל פֿון מיין חתן,—
ער האָט אין בלאָטע אויסגעטונקט
ווייסן שלייער מיינעס.

353

לאָז איך זיך ווייט רייטן
אף א ניט געריייניקט פערד,—
איך פאַרקער נאָר פאַזע ווערלדל,
זאָלן אים די צווייגן רייניקן.

354

בא מיין ברוינעם פערדעלע
צאַמעלע פון סטרונעס,—
אָנגעפאָרן שפּילנדיק,
זוך איך כלה־מיידעלע.

355

פלעכט איך לייצעס זילבערנע,
שמיד דאָס פערדעלע אין גאָלד,—
זאָל מיין כלה, פאָרנדיק,
שיינען, ווי דאָס זונעלע.

356

מונטער־מונטערער, ברוין־פערדל,
קריך ניט, צייל ניט דיינע טריט,—
אז איך שיט דיר אָן דעם האָבער,
צייל איך פריער דען די קערנער?

357

א ווייס פערד און א שיין ווייב
איז אן אומגליק פארן מאַן,—
וואַשן דארף מען ווייסן פערד,
היטן שיינע ווייב.

358

קו

קיעלע געפלעקטע, טייל זיך אַפּ
פון די ברוינע—דאָרפּישע,—
זאָל ניט זאָגן מאַמעלע,
איך האָב אינאיינעם איך געפיטערט.

359

עסט אייך, קי, דעם גרינעם גראָז,
נאָר ניט טרעט אים מיט די פיס,—
ביטער וויינען גרעזעלאך,
אז מען טרעט אף זיי.

360

קיעלע ווייספלעקיקע,
זאָג, וואָס ברילסטו אף דער נאַכט?—

ווילסט א שטאַל א גאָלדענעם?
ווילסט א קארעטע א זילבערנע?

—כ׳בריל ניט נאָך א גאָלדענעם שטאַל,
נאָך א קאָרעטע א זילבערנע.

פוילט זיך יונגע באלעבאָסטעטשקע
וויל ניט קומען מעלקן מיך.

361

ציג

האַלט א ציג ווער פאר א בהמה,
און א מיידל פאר א מענטשן?
מ׳טראַכט פון פלויטן פאַר קיין ציג ניט,
מ׳טראַכט פון ערד ניט פאר קיין מיידל.

362

איך וועל אָפּגעבן צום וואָלף
ציג, וואָס גריזשעט עפּלבוים,—
פרעמדן אָפּגעבן מיין שוועסטערל,
ווייל זי פיטערט ניט דאָס ציגעלע.

363

הונט

שטאַרק האָט זיך צעבילט דער הונט,
און איך האָב אים נאָך צערייצט,—
כ׳האָב געוואוסט, אים רייצנדיק,
אז ניט מיינע ברידער גייען.

364

וואָלף

זע איך אינם חלום,
ס׳לויפט א הינקענדיקער וואָלף,—
ס׳וועט מיין ערשטער שדכן קומען
אף א הינקנדיקן פערד.

365

שווערן וואָלף און ציגעלע
בשלום לעבן מיטאנאנדער,—
נאָר קוים טוט א שפּראָץ אף טאָג,
האָט וואָלף ציגעלע פארצוקט.

366

בער

ברייטע לאַפּצעס אָנגעטאָן
און אַוועק אין וואַלד מיט האַק,—
אין בוים א בינשטאָק אויסגעדליבעט.

זאָגט דער לויערנדיקער בער:
—אַי, א גוטער בינשטאָקמייסטער,
איך וועל האָבן זיסן האָניק
אינם קומענדיקן ווינטער.

367

וואָלט זיך לעבן וואַלד געדיכטן
אַקערפעלד געוואונטשן.

מיט פינף הירשן וואָלט איך רינווע שניידן,
פוקסל וואָלט ארומגעגראָבן.

העזעלע וואָלט ערד צעברעקלט
מיט די פיסלאך הינטערשטע.

טרייסל-פויגל מיט ווייס העלדזעלע
זיין וואָלט מיין באַדינערין.

XXII.

פייגלען

368

נאַכטיגאַל

פלעכט די נאַכטיגאַל א קרענצל
אין מיין רויזן-גערטל,—
האָב קיין שלאָף ניט, האָב קיין כּח,
האָרכנדיק די נאַכטיגאַל.

369

פרי באַגינען שטיי אויף, נאַכטיגאַל,
די קי ארויסטרייבן אָף לאָנקע.

דו וועסט פּיטערן, איך וועל אויסנייען
פאר מיין בחור׳ל זיידן טיכעלע:

אויסנייען אין מיטן—הערצעלע,
און ארומרינגלען מיט ליבע-ווערטער.

370

איז בא מיר גוטפריינטשאפט
מיט דער נאַכטיגאַל פון עפּלבוים,—
צוויטשערט נאַכטיגאַל אָף עפּלבוים,
און איך מאָל אין ברודערס מיל-קאַמער.

371

קוקאַווקע

שריי, קוקאַווקעלע, ליב פייגעלע,
שרייסט בעת איך בין טרויעריק.

טרויערסט אין בעריאָזע-וועלדעלע,
בעת איך שטיי פאר מאַמעס טירעלע:

אויסגעהאַקט פאר דיר דאָס וועלדל,—
מיר איז מאַמעלע געשטאָרבן.

372

שוואַן

שוואַנענמאַמע, שיץ דיין קינדעלע,
יאָגט דער שטורעם אָן א וועל,—
מיידל׳ס מאַמע, היט דיין טעכטערל,
קומען בחורים׳לאך שלעכטע.

373

וואַלדהון

שווימען לאָז איך זיך אין שיפל
איבער ים׳עלע אַף יאַגד,—
ווייס ניט וואָסער וואַלדהון שיסן,
שיין בא איטלאכער דער טשוב.

האָב איך וואַלדהינדל דערשאָסן,
וואָס געפלויגן איז באם ברעג,—
וואַלד־הינדל, מיין גאָלדנפליגל,
ליגסט אַף דעק פון ים׳עלע.

וואָלט פון ריינעם גאָלד אַן אנגל
טיף אין ים אראָפּגעלאָזט,—
ביז צו דיינע גאָלדנע פליגלען
צו די שפּיצן פליגעלאך.

יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY

XXIII.

בינען און בינער

374

הודזשעט דאָס ווילד בינעלע
אפן ברעג פון דווינע־טייך,—
בא די מיידעלאך פון דווינע־ברעג
הודזשן פונקט אזוי די ריידעלאך.

375

גייט די בין איבערן בלומענקוסט,
בויגט זיך ניט קיין בלימעלע,—
רייד איך אויס א וואָרט צום בחור'ל,
נעמט די ערד זיך טרייסלען.

376

בין און מיידל, בין און מיידל,
ביידע שעדיקן ניט קיינעם,—
טרעט די בין ניט אויס דאָס פעלד,
פאַרמאָגט ניט מיידעלע קיין ערד.

377

בינעלאך און מיידעלאך,
לעבן אין גוט־שכנות,—
טרעט די בין ניט אויס דעם פעלד,
האָט פיינט מיידעלע זיך צו קריגן.

378

האָב דריי בינעלאך געפונען,
ברייען ביר אין קאָרעטע,—
גיט־זשע מיר זיך אָנטרינקען
פון א קרוג א זילבערנעם.

379

בינעלע שוועבט הודזשנדיק,
שוועבט איבער מיין מיידל־קראַניץ,—
מען וועט קומען נעמען מיך
פארן זונדעלע פון בינער.

380

מאַכט א וואַרע, גיט דעם וועג,
מ׳פירט ס׳מוזינקעלע פון בינער,—
טראָגט זי שלייערן פון זייד,
גייט אין שיכעלאך פון וואַקס.

381

א בייז בינעלע
גיט זיסן האָניקל,—
בא שטרענגער מאַמעלען
איז ערלאך טעכטערל.

XXIV.

מוראַשקעס

382

מוראַשקעס מאַכן א מוראַשניק
הינטער פערדן־שטאַל,—
טייוולס מאַמע לויפט פאַרביי,
אירע נעגל גריזשנדיק.

383

פיטערנדיק טשערעדע, געפונען
פון מוראַשקעס אויסגעוועבט א טיכעלע,—
גיב איך עס מיין ברודערל,
זאָל ער רייצן זיך מיט זיין מיידעלע.

XXV.

פיש

384

העכט

גאָלדנשופּיק העכטעלע,
קום מיט מיר זיך שפּילן—
דו—אין טיפן וואַסערל,
איך—אין יאַסן־שיפּעלע.

385

פּלאָטקע

שווימען־שווים זיך פּלאָטקעלע,
פונם וואַסערל צו וואַסער,—
אַט אזוי פאַרגייט מיין חן
צוליב מענטשלאכע רכילות.

XXVI.

וואלד און ביימער

386

פריי דיך, פריי דיך, וועלדער־מאַמע,
פאָרן שטאַרקע מאַנסבילן צום וואַלד,—
שאַרפע העק, געשמידטע וועגן,
און אין פאַדקעוועס די פערד.

387

פאָרט א האָלצהעקער דורך וואַלד
אָנגעקליידט אין וואַלד־מלבושים,—
גרינע בוים־נאָדלען זיין קאַפּטל,
און פון קאָרע איז זיין היטל.

388

ווי ס'הויבט אָן זיך גרויסער וואַלד,
שפּאַרט א טונקל־גרינער רויך,—
ס'ברענט א בחור'שע נשמה,
ער האָט פון מיידעלאַך געשפּאָט.

389

פון ביינער מאַכן הינט א שליטן,
אויסשליטלען פון וואַלד דעם שומר,—
הערט נאָר, מענטשן, פלאַי־פלאַים,—
ס'האָבן הינט א הונט געשליטלט.

390

דעמב

א ווייב באַם קליאָן, א ווייב באַם יאַסען,
נאָר באַם דעמב קיין ווייב ניטאָ,—
האָט געבויגן זיך דער דעמב־בוים
אַף אלע זייטן פון דער לאָנקע.

391

וואַקסט א ברייט־צעצווייגטער דעמב
און געדיכט באַדעקט מיט בלעטער,
נאָר נאָך שענער וואַקסט די ליפּע
און זי האָט דעם דעמב פאַר'כשופ'ט.

392

הינטער טייך, אין פייכטקייט,
וואַקסט א ברייט־צעצווייגטער דעמב,—
בינעלע פאַרוואָרפט א פּעדימל
אַזש צום ברייט־צעצווייגטן דעמב.

393

נידעריקער דעמבע־בוים,
זאָג, וואָס וואַקסטו אינם טאָל?

שלאָפן אינם טאָל חזירים,
זיי צעגריזשען דיינע וואָרצלען.

מיידלאַך, שטייענדיק אויף באַרג,
ברעכן דיינע צווייגן.

394

אַי, דו נידעריקער דעמב,
זאָג, וואָס וואַקסטו אינם טאָל?—
הודזשן בינען איבער דיר,
גייט פאַרביי דער בינשטאָק־מייסטער.

395

נידעריקער דעמבע־בוים,
גרינער גראָז וואַקסט דיך אַריבער,—
ברודערל, דו ווינטיק קעפּעלע,
יונגע ווייב וועט דיך אַרומטרייבן.

396

ליפּע

וועל איך שטאַרבן, מאַמעלע,
וואו טוסטו אהין מיין קרענצל?

היינג אים אַן אױף ליפּע־ביימעלע,
זאָל אים זילבערן דאָס זונעלע:

וועלן פאלן ליפּעס בלימעלאך,
וועלן פאלן קרענצלס פליטערלאך.

397

ליפּע־ביימעלע אין טאָלכל,
איז פארפולט מיט ווייסן זילבער,—
זוכט די ליפּע זיך אנטקעגן
שיינעם בחור׳ל, יונגן דעמבעלע.

398

ברעך איך ניט קיין ליפּע־צווייגעלע,
בין אליין א ליפּע־ביימעלע,—
וואָלט פון דעמב א צווייג אָפּברעכן,
אַלץ ער ברוגז׳ט זיך אױף מיר.

399

שפּארט זיך אָן די אַלטע ליפּע
אָנם יונגן דעמב,—
יונגער דעמב רופט אָפּ זיך:
—בין איך דען פאר דיר אן אָפּשפּאַר?

400

דעמב און קליאָן און יאַסען,
וואָס גוטס עפּעס זוכט איר?
—זוכן ליפּעס טעכטערל
פארן זונדעלע פון דעמב.

401

בעריאָזע

אין דריי בלעטעלאַך וואַקסט בעריאָזקעלע
אפן ראנד פון זונענוועג.

אף איין בלעטעלע שיינט דער מאָרגנשטערן,
אפן אנדערן גייט אויף לבנה׳לע.

אפן דריטן בלעטעלע
גייט אויף שטראַלנדיקע זונעלע.

402

האָט זיך אויסגעפוצט בעריאָזקעלע,
בלעטעלע צו בלעטעלע,—
האָב איך צוגעפוצט מיין קרענצעלע,
פּאַטשערקע צו פּאַטשערקע.

403

פון בעריאָזקע פאַלן בלעטעלאַך,
אז אף צווייגל שפּרינגט די נאַכטיגאַל,—
פון יונג בחור׳ל פאלן טרערעלאַך,
אז ער רעדט מיט מיר.

404

פוצט בעריאָזקע זיך מיט בלעטעלאַך,
פוצט זיך מיידעלע מיט קרענצעלע,—
רייסט דער ווינט אָפּ גרינע בלעטעלאַך,
פרעמדער נעמט אַראָפּ מיין קרענצעלע.

405

ניט פאר מיר, בעריאָזקע, וואַקס,
פּוץ זיך ניט מיט בלעטעלאך,—
ווייל איך דאָ ניט לעבן מער,
שניידן פון דיר בעזימער.

406

קען איך א בעריאָזקעלע אין זומפּ,
וואָס האָט ברייט צעוואַקסן זיך,—
האָב איך ליב געקראָגן אינגעלע,
טרינקט ער מיינע טרערעלאך.

407

סאָסנע

בויגט זיך הין און הער
סאָסנע גרינינקע אין וואַלד,—
אזוי וועל איך נאָך מיין שכל
בויגן באלעבאטיש טעכטערל.

408

קרעכצט אין וואַלד א סאָסנעלע,
אויסגעוויקט פון רעגנדל,—
וויינען ביטער קינדערלאך,
עלטערן פארלירנדיק.

409

סאָסנע־ביימלאַך דריי אין וועלדל,
אַלע דריי איין הויך,—
האַק איך ערשטן ביימל,
ברעכט זיך איין דאָס צווייטע,
און דאָס דריטע בויגט זיך אויך.

באַ מאַמעלען דריי טעכטערלאַך,
אַלע דריי גלייך שיין,—
שדכן איך זיך צו דער ערשטער
קומט ארויס די צווייטע,
און די דריטע חנ׳ט זיך אויך.

410

האָב אַף בערגעלע פאַרפלאַנצט א סאָסינקע,
וואַרטנדיק אַף האָניק זיסן,—
האָב איך חתונה מיט א יונגינקער,
איך זאָל האָבן א ווייך בעטעלע.

411

סאָסינקע, וואו זיינען דיינע נאָדלען?—
הוילע צווייגן ווינגן זיך.
מאַמעלע, וואו זיינען דיינע טעכטער?—
שטייען שטולן ליידיקע אין שטוב.

412

סאָסנע און עגלע

אויב ס׳איז עמיץ רייך,—
זיינען סאָסנע, עגלע רייך,—
זומער, ווי אויך ווינטער
אָנגעטאָן אין גרינעם.

413

סאָסנע, עגלע—ביימער מיידלשע,—
גרינען ווינטער, גרינען זומער;
דעמבעס—ביימער אינגלשע,—
ניט באַבלעטערטע אויך זומער.

414

עפּלבוים

וואַקסן אויס אַף עפּלבוים
עפּעלאך פינף גאָלדענע,—
גיב איך צוויי מיין ברודערל,
דריי פאר זיך באהאלטן:

קויף פאר איינעם זיך א פערדעלע,
פארן אנדערן—א שטיקל ערד,
פארן דריטן עפּעלע—
א התנ׳דל, אן אַקערמאַן.

415

פאָר איך צווישן עפּלביימער,
שיטן זיי אַף פערדל בלימעלאך,—
גיי איך צווישן מענטשן פרעמדע,
גלאַנצן בא זיי טרערעלאך.

416

ווינט ברעכט איין דעם עפּלבוים,
אוי, ניט טרעט אים מיט די פיס,—
א יתומה׳לע—דאָס מיידעלע,
האַלט ניט אויף די צינגער זי.

417

שיקט מיך פרעמדע מאַמעלע
שניידן עפּלביימלם צווייגן.

—ניין, איך גיי ניט, מאַמעלע,—
האָט מיט ווייסע בלימעלאך

עפּלביימעלע צעבליט זיך,—
פלייצן מיינע טרערעלאך.

418

עפּלביימעלע דו, בלי,
וואָס לאָזט דיך ניט בליען?—
שאַדט דיר ניט דער מאָרגנטוי,
נים דער צפון־ווינט.

419

נוסבוים

גלייכע וואַקסן אַלע ביימער,
נוסבוים וואַקסט א קרומער,—
האָט דער נוסבוים א סך קינדערלאַך,
אַלע זיי—אין שאָלעכין-פּעלצעלאַך.

420

נוסבוים בליט באַם סאַמע וואָרצל,
בליט מיט רויטע בלימעלאַך,—
ס'האָט מיך האָלדט פון גאַנצן האַרצן
כלה-מיידעלע.

421

רייס איך ניסעלע פון נוסבוים,
נוסבוים רייסט אראָפּ מיין קרענצל.
—נוסבוים, נעם צוריק דיין ניסעלע,
גיב מיר אָפּ מיין קרענצעלע.

422

קאַשטאַנענבוים

שטאַרק, זאָגט מען, איז דער קאַשטאַן-בוים,
קלוג דאָס מיידלס מאַמעלע,—
צעשפּאָלטן האָב איך דעם קאַשטאַן-שטאַם,
איינגערעדט דאָס מיידלס מאַמעלע.

XXVII.

תבואה

423

ווייל איך ניט קיין טרעף קיין הויכע,
ניט קיין בונט־געמאָלטע קלייט־טירן,
נאָר א גוטן תבואהפעלד,
ווייסע ברויט זאָל וואַקסן.

424

אַט אן אָרט—א תבואה־שפע,
האָט מיך מאַמעלע אהער ארויסגעלאָזט,—
פרי באַגינען אפן פעלד
אַקערן ניין יונגען.

425

קאָרן

קאָרן קייקלט זיך און כוואַליעט
אפן ברייטן אַקער־פעלד;
ס'קוקט מיט פרייד דער אַקערמאַן,
אף זייטיק סטעזשקע שטייענדיק.

426

קאָרן, קאָרן גילדערנער,
טייער איז דיין זאַנג,—
מען צאָלט פאר דיר אין דייטשלאנד
גאָלד־געשמידטע טאלער.

427

וואָס טויג הויכער קאָרנזאַנג,
האָט ער שלעכט זיך אָנגעגאָסן?—
וואָס טויג שיינינק בחור'ל,
אז עס פעלט גוט הערצעלע?

428

האָט זיך איינגעלייגט דער קאָרן
אפן ברודערס פעלדעלע,—
ברודער, נעם יונג ווייבעלע,
וואָס זאָל אויפהויבן דעם קאָרן.

429

יומים*)

וואו ביזטו, יומים,
אין לאַנגן זומער?
—אף מיטן פעלד,
אונטער גרויען שטיינדעלע.

430

גערשטן

איילט אייך, ברידער, זייען גערשטן,
זייט מיט ביידע הענט,—
ליגן זאָגט די נאַכטיגאַל,
אז ס'וועט זיין א קורצער זומער.

431

כ'האָב פאַרזייט פון הויפן גערשטן,
ניט פון פולן קערבל,—
טרינק איך ביר אצונד פון גלאָז,
ניט פון פולן עמער.

---

*) „יומים"—אז איבערגעלאזטער ניט־אויסגעשניטענער קארנגארב אין מיטן פעלד. דארט געפינט זיך דער קארנגאט. ווען גאר דער קארן איז אפגעשניטן, שניידט מען צולעצט אפ דעם „יומים"־גארב. מען וויקלט ארום מיט די „יומים"־זאנגען די סערפן און אזוי לאזט מען זיך אהיים.

432

האָבער

פעלד פאַרזייַ איך פול מיט האָבער,
נעם א ווייב זיך אן אלמנה,—
צי איז האָבער ניט קיין תבואה,
אן אלמנה ניט קיין ווייב?

433

ניט דערקענט יונג ווייבעלע
אינם האָבערפעלד,—
ווייס—די זאַנגען פונם האָבער,
ווייס איז מיין יונג ווייבעלע.

434

גריקע

ווייסער בליט דאָס גריקע־פעלד
פון אלע איבעריקע פעלדער,—
ריינער איז ס׳יתומה׳לע
פון אלע מאַמעס טעכטערלאך.

435

פול מיט גריקע איז דער זומער,
דריי שדכנים אָנגעפאָרן,—
וואָלטן קאָרן, גערשטן אָנגעוואַקסן,
וואָלטן זיי געקומען ניין.

XXVIII.

אַרבעס

436

זיי איך אונטער באַרג דעם אַרבעס,
ער זאָל זיך ניט אַרונטערקייקלען,—
אַף אַן אָקס פיר איך מיין שוועסטער,
ס׳זאָל ניט ציטערן די ערד.

XXIX.

פלאַקס

437

נידעריקער פלאַקס,
שטאַרקע פּאַקעלעס,—
אינגסטער ברודערל
באַדויערט שוועסטערל.

438

פלאַקס—וויים פלאַקסעלע, אף פעלדעלע,
טעכטער־טעכטערלאך בא מאַמעלען,—
ווער וועט אויספּוצן דעם פלאַקסעלע,
ווער—די מאַמעס טעכטערלאך?

439

גאָט צו הילף דיר, שיינער בחור,—
דו צעאַקערסט ס׳פעלד פאר פלאַקס.
—דאַנק דיר, שיינע מיידעלע,
דו וועסט אים אראָפּנעמען.

XXX.

בלומען

440

וואַקסט שיין בלימעלע אױף באַרג,
נאָך א שענערס וואַקסט אין טאָל,—
רייכע טעכטערל איז שיין,
דאָס יתומה׳לע נאָך שענער.

441

די רויז

שפּרינג איך איבער גערטנדל,
פֿאָנסע רויזן ביזן גורט,—
זאָלן בליען מיינע בעקעלאך,
ווי די פֿאָנסע רויזן.

442

ברידערלאך, קוקט צו,
איז די רויז פאר אייך א ביישפּיל,
בליענדיק אריבער צאָם,
קוקט זי אינם פרעמדן גאָרטן.

443

מאַמעלע, פאַרשטעל דאָס רויזן-גערטל
מיט א ווייסן ליילאכל,—
זאָלן פרעמדע לייט ניט אָנקוקן
קליינע רויזן-פליקערין.

444

צי דען לוינט זיך פאר איין רויז
אויפבויען א הויכן צאַם?—
צי דען לוינט זיך פאר איין מיידל
רייטן אזא לאַנגן וועג.

רייטן אזא ווייטן וועג,—
אז ס׳זאָל אויסשוויצן מיין פערד?—
פון מיין פערדל רינט דער שווייס,
און פון מיר די הייסע טרערן.

האָב מיט זיידן דעקטור
אָפּגעווישט דעם שווייס פון פערד,
און האָב מיט מיין טיכעלע
אָפּגעווישט די הייסע טרערן.

445

הער איך, מענטשן זאָגן:
—איז דיין כלה דיר ניט טריי.
אלץ איך טראַכט, עס רוט מיין האַרץ ניט,
וועל איך פאָרן זי באַזוכן.

פאָר איך אָן ביז צו איר הייפל,—
שטייט זי אין דער טיר פון שטוב,—
נעמט ניט מיין „גוטמאָרגן״ אָן.
—מיינסטו טאַקע, גרויסהאַלטעריך,
איך וועל צו די פיס דיר פאַלן?

וועט א מאַמעלע נאָך געבן
מיר א קלוג דערצויגן טעכטערל,—
גלייך א בליענדיקע רויז,
וועט מיין כלה-מיידל זיין.

446

מאָן

וואַקסט רויט מאָנעלע
הינטער הויכן גראָז,—
ס'זאָל ניט בלאָזן
אויף אים צפון־ווינט.

ליבע שוועסטערל,
וואַקס בײַ ברודערל,—
ס'זאָלן מענטשן פֿרעמדע
דיך ניט אָנקוקן.

XXXI.

יאַגדעם

447

יאַגדעס, יאַגדעס, ניס און ניס,
אף מיין וועג פוןביידע זייטן,—
קלייב איך אָן זיי איינציקוויים,
גייענדיק צום ברודערל.

448

גיי איך קלייבן יאַגדעס
מיט מיין קליינעם ברודערל,—
וואָסער יאַגדע איך געפין,
גיב איך קליינעם ברודערל.

449

איך רייס אָפּ א צייטיק יאַגדעלע,
נעם זיך א דערוואַקסן מיידעלע,—
צייטיק יאַגדעלע איז געשמאַק,
קלוג—דערוואַקסן מיידעלע.

450

וועלדער טונקעלע אין קורלאַנד,
נאָר מיט יאַגדעס רויטינקע,—
ס'זיינען ניט קיין רויטע יאַגדעס,
נאָר פון זונעלע די טרערן.

ניגונים צו אייניקע לעטישע דיינעם



צווישן אנדערע אויסגענוצטע פֿאָלגנדיקע קוועלן:

אין ליטוויש:

Dawkont S. Dajnes Žiamajtių pagal žodžių Dajninikų iszraszytas. Pirmas Pēdelis. Petropilie, 1846.

Svotbine Rēda Velunyčiu Lietuviu surašyta par Antaną Juškevičę 1870 metuose.

Lietuviškos Dajnos užrašytos par Antaną Juškevičę apigardoje Pušalačiu ir Velunos iš žodžiu Lietuviu Dajnininku ir Dajnininkiu (Pirma ir Antra lajda). 1880.

Antra knyga (Trečia ir ketvirta lajda.) 1881.

Trečia knyga. 1882.

Lietuviškos Svotbinēs Dajnos, užrašytos par Antaną Juškevičę. Petropylē, 1883.

Basanavičius J. Oškabalių Dainos.

Kalvaitis V. Prusijos Lietuvių Dainos. 1905.

Janulaitis A., Žydai Lietuvoje. Kaunas, 1923 m.

Biržiška M. Dainų Atsiminimai iš Lietuvos Istorijos, Vilnius, 1920 m.

Biržiška M. Dainos Keliais, Vilnius 1921 m.

Biržiška M., Dainų Literaturos Vadovēlis II-sis, naujai paruoštas leidimas, Kaunas, 1923 m.

אין לעטיש:

Büttner G. F., Latweeschu lauschu dseesmas un singes. Jelgawa, 1844.

Wihtols J., 200 Latweeschu tautas dseesmas. Riga.

Baron Kr., Latvju dainas I-VI, Riga, 1922.

אין רוסיש:

Форунатовъ и Миллеръ, "Литовскія Народныя пѣсни". Изданіе Императорскаго Московскаго Университета 1872 г.

Бершадскій С., "Литовскіе Евреи". С.-Петербургъ 1883 г.

Я. Лаутенбахъ, "Очерки изъ исторіи Литовско-Латышскаго народнаго творчества". Юрьевъ 1896.

"Памятники латышскаго народнаго творчества", собраны и изданы Иваномъ Спрогисомъ, Вильна 1868.

Бривземніаксъ Фр. "Сборникъ антрополическихъ и этнографическихъ статей о Россіи и странахъ ей прилежащихъ" Книга II, Москва 1873 г.

Вольтеръ, Э. А. "Праздники и семейныя пѣсни латышей". С.-Петербургъ 1890 г.

אין פויליש:

Kolberg O., Pieśni Ludu Litewskiego. Kraków, 1879.

אין דייטש:

Lessing G. E., Briefe die neueste Literatur betrefend. No. 33. 1759.

Herder Y., Stimmen der Völker in Liedern. 1779.

Yennisch, Vorrede.
Kant I., Nachschrift eines Freundes. } Littauisch-deutsches, Deutsch - littauisches Wörter-Buch, Ch. G. Mielcke, Königsberg, 1800.

Rhesa L. J., Dainos, oder Litthauische Volkslider gesammelt, überstzt und mit gegenüberstehendem Urtext herausgegeben. Nebst einer Abhandlung über die litthauischen Volksgedichte. Königsberg, 1825.

Nesselmann, G. H. F., Littauische Volkslieder, gesammelt, kritisch bearbeitet und metrisch übersetzt. Mit einer Musikbeilage. Berlin, 1853.

Schleicher A., Litauisches Lesebuch und Glossar. Prag, 1857.

Niemi, Handbuch der Litauischen Sprache.

Leskien A. und Brugman K., Litauische Volkslieder aus dem Preussischen und dem Russischen Litauen, Strassburg, 1882.

Bezzenberger A., Litauische Forschungen. Göttingen, 1882.

Bartsch Chr., Dainu Balsai. Melodieen Litauischer Volklieder, gesammelt und mit Textübersetzung, Anmerkungen und Einleitung. Erster Teil. Heidelberg, 1886. Zweiter Teil. Heidelberg, 1889.

Bezzenberger A., Lettische Dialekt-Studien. Göttingen, 1885.

Lohmeyer, Ein Bericht über Reste lettischen Heidentums. Mitteilung der litauischer litter. Gesellschaft.

Dorneth I., Die Letten unter den Deutschen. Berlin, 1885.

Mannhardt W., Lettische Sonnenmythen.

זאל דער לייענער פארריכטן די פאלגנדיקע באמערקטע דרוקפעלערן:

זייט:	שורה:	געדרוקט:	דארף זיין:
40	3 (פון אויבן)	אף דיינע הענטלאך אנגעלעגט	אף דיינע הענטלאך אנגעלענט
130	13 (פון אונטן)	מאמעלע שלאגט מיך	מאנעלע שלאגט מיך
131	11 (פון אונטן)	מאמעלע שלאגט מיך	מאנעלע שלאגט מיך
143	4 (פון אויבן)	פאררואסט איז איננעלע	פאררואסט איז ריננעלע
202	7 (פון אויבן)	עלגע-בוים און סאסנע-בוים	עגלע-בוים און סאסנע-בוים
213	4 (פון אויבן)	מיט קיין גרעבער?	ניט קיין גרעבער?
217	2 (פון אויבן)	—ביז איך מיר גוט אויפגעלייגט, וועל איך מיט דיר טאנצן	
288	5 (פון אויבן)	איך שאר אויף צום פילויט די רויזן	איך שאר אויף צום פלויט די רויזן
334	2 (פון אונטן)	ווער וועט געבן מיר א פריי פעל	ווער וועט געבן מיר א פריי פעלד,

אינהאלט

ליטווישע

		זייט
	איינלייטונג	5
נומער		

I

מיטאלאגישע

1	באגינען־שעה א חתונה	22
2	לויפט אף בערגל געטין ליימע	23
3	ליפע־ביימער דריי באם טייכל	24
4	פארביי מיין טאטנס טייערן	25
5	איך רייט דעם בריק דורך	26
6	ליב זונעלע, גאטס־טעכטערל	27
7	אוי, נעכטן שפעט אין אוונט	28
8	לבנה׳לע און זונעלע	29
9	אוי, שלאפן, שלאפן	30
10	אין דער מיט פון טייכן, ימימ׳לאך	31
11	אונטער קליאן־בוים שלאגט א קוואלכל	32
12	בליט גאטס ביימעלע	33
13	איי, דו שלאנג, דו שליינגעלע	34
14	די האק (שפיל)	35
15	טרייב, ווינטעלע	36
16	זונעלע־מאמעלע	37
17	דו בעקעלע שווארצבערדלדיקס	38

II

היסטארישע

18	נו זינג, מיין שוועסטערל	40
19	היינט אף דער לאנקע	42
20	גייז יאר פארלאפן	44
21	הינטער דער שטאט ווילנע	46

III

מלחמה

22	בערג און טאלן	50
23	איי, אויפגעטריבן	52
24	באם אלטן טאטן	55

IV

נומער | זייט

אוועקגערויבטע כלה

25 ניט געקרייט האט נאך דאס הענדל 58
26 האט דורך נאכטעלע 60
27 עס שיקט מיך מאמעלע 63
28 דורך בעריאזע-וואלד שטראמט טייכל 64

V

ליבע

29 שפראץ אף טאג-באגינענדל 68
30 דער ווינט, וואס בלאזט ער 69
31 אוי, האט ארויסגעשפראצט 70
32 האב איך א מיידל 71
33 לויף, לויף, מיין פערדל 72
34 יונגע מיידעלע מיינע 74
35 איבער בערגל-בערגעלע 76
36 זאלסט שפאנען, דינער 77
37 אין א פינצטער נאכטעלע 78
38 אוי, מיין מיידעלע 79
39 איי, פיטער, פאטערל 80
40 איי דו פערדל-פערדעלע 82
41 האט שפאצירט א מיידעלע 83
42 עס שרייט דאס מאמעלע 84
43 איז צו זען אין רויטן עפעלע 84
44 אוי איז שוין דאס מיידעלע 85
45 דריי אינגעלאך 85
46 וואס וועט זיין, מאמעלע, וואס 86
47 אז איך וועל אויסוואקסן 86
48 פיר איך פרי באגינענדל 87
49 בין איך געגאנגען 87
50 ס׳ארא וואונדער, גרויסער וואונדער 88
51 הינטער טייכן 89
52 אין וואלד פארגאנגען 92
53 עס שיקט מיך מאמעלע 94
54 גרינינקער-גרין 96
55 בין איך געגאנגען 98
56 שטראמיק טייכעלע 100
57 אוי, אוי, ווי בין איך מיר 101
58 פון דער פערדן טשערעדע 102
59 וואלט איך אויסזינגען א לידל 103
60 בין געווען א כוואט—א בחור׳ל 104
61 וואס ווייסטו בחור׳ל 105
62 איך פיטער פערדל 106

VI

משפחה

63 האב געלאזט וויסן 110
64 האסטו, ליב מאמעלע 112
65 ניין יאר פארלאפן 113
66 איי, רוטן, איר רוטן 116

נומער		זייט
67	באַ מאַמעלען געוואַקסן	117
68	בין איך, יונג מיידעלע	117
69	האָב איך, זייענדיק באַ מאַמעלען	118
70	האָב געהאַט אַ פערדעלע	121
71	בין איך באַ ליב מאַמעלען	122
72	פאַרגאַנגען זונעלע	124
73	אוי, אַ וואונדער	126
74	נים באַטראַכט האָסטו זיך מיידעלע	127
75	פון וואָס געזאַמלט	128
76	אוי, אַלע שילטן מיך	130
77	טענעלאַך דריי פריילאַכע	132
78	איך וועל נים זינגען	133
79	מיין ליב מיידעלע	134
80	שרכן, דריי-קאָפּ, דו מולירער	136
81	איז אַ פריילאַך חתונ׳קה	137
82	טאָכטער מיינע, סימאָניענע	138
83	איך וועל אוועקגיין	140
84	אַף וועג אַף ווייטן	141
85	איך וועל אוועקגיין	142

VII

יתומים׳שע

86	איבער דער אזערע	146
87	אַ, וואו רייט איך, ברידערלאַך	147
88	ביידע מיר שוועסטער	148
89	דאָרט אַף הויכן בערגעלע	149
90	דורך דאָרף געגאַנגען	150
91	איי, האָט געהודזשעט	152
92	געשיקט מיך אינם וועלדעלע	154

VIII

ראודאַס (קלאָגלידער)

93	נאָך אַ מאַמען	156
94	נאָך אַ מאַן	157
95	נאָך אַ טאָכטער	158
96	נאָך אַ זון	159
97	געדונגענע קלאָגערין	160

IX

געזאַנג

98	איר דיינעס, איר דיינעס	162
99	איך וועל אויסזינגען	162
100	איך וועל אויסזינגען	163

X

פאַרוויגנדיק

101	קליאַן-בוים וואַקסט אין גערטנדל	166
102	טשוטשיאַ—ליוליאַ, קליינינקער	166

XI

נומער		זייט
ארבעט	
103	מאלנדיק	168
104	רייטן ברידערלאך דריי יונגע	169
105	טראגנדיק די ברידער עסן	170
106	פאסטושקעס	171
107	שפראץ אף טאג זיך אויפגעהויבן	172
108	אפן בערגל—קארן	173
109	האב איך היינטיק נאכטעלע	175
110	נאך וואסער גייענדיק	176
111	זייענדיק מאן	176
112	איך האב געדינט באם פריץ	177

XII

| | |
---|---|---
| שפאסיקע און וואוילערישע | |
113 | שוועלבעלע, דו לויפערקע | 182
114 | פריילאך איז אין קרעטשמעלע | 183
115 | גיין לאמיר, ברידערלאך, אהיים, אהיים | 184
116 | איך האב ביר טרינקנדיק | 184
117 | איך האב ביר טרינקנדיק | 185
118 | איי, איך טרינק און טרינק | 186
119 | ברודערל מיינס, טרינק | 187
120 | האב א שטיבל אויסגעבויט | 188
121 | איי, דו יורגים-יורגעלע | 190
122 | פאלט דער טוי פון דער בעריאזע | 192
123 | איי, איר מיידעלאך | 193
124 | גזלנים-ליד | 194
125 | זינגט דער וואלף, זינגט דער בער | 195
126 | אוי, דו גאטעניו, דו גאט מיינער | 196
127 | לאמיר טרינקען היינט און הוליען | 197
128 | שווימט א גענדזעלע | 198

XIII

| | |
---|---|---
| רעטעניש | |
129 | דערמאן זיך, מיידעלע | 202
130 | זאג מיר, מיידעלע | 203
131 | איי, דו סאקאל-פויגל פרייער | 204

XIV

| | |
---|---|---
| פייגלען און חיות | |
132 | נאכטיגאל | 208
133 | האט פארמאגט די באבעניו | 210
134 | שפאצירט א ציגעלע | 211
135 | געבראכט האט די באבעניו | 212
136 | הענדעלאך, צוויי הענדעלאך | 214
137 | גייט די יונגע שנור צום קלייטל | 214
138 | האט געקרייט די קאטשערע | 215
139 | בער איז אנגעקומען | 216
140 | דו וועלפל-וועלפעלע | 218
| ניגונים צו אייניקע ליטווישע דיינעם | 221

לעטישע

			זייט
		איינלייטונג	225
נומער			
		I	
1	48-	מיטאלאגישע פערקאנס.—זונעלע.—אוונטשטערן.—מארגנשטערן.—גאטס זונדעלאך גאטס טעכטערלאך.—לבנה.—זונעלע און לבנה.—ליימע.— נעליימע.—לאונא דיענא.—שדים.—צפון־טעכטערל.	240
		II.	
49	63-	מלחמה	258
		III.	
64	77-	אוועקגערויבטע מיידל	264
		IV.	
78	164-	ליבע	272
		V	
165	222-	מישפחה	300
		VI	
223	235-	יתומה׳שע	318
		VII	
236	241-	אלטקייט	324
		VIII	
242	254-	טויט	326
		IX	
255	274-	פריצים און לאנדקנעכט	330
		X	
275	277-	פאסטוכישע	338
		XI	
278	288-	געזאנג	340

נומער		זייט
	XII	
289	טאנין	344
	XIII	
297-290	וויגלידער	346
	XIV	
300-298	איראנישער צוזאג	350
	XV	
305-301	שטוב	354
	VXI	
308-306	קלייט	356
	XVII	
312-309	מרחץ	358
	XVIII	
323-313	מעבל און זאכן	360
	טיש.—שטול.—קופערט.—היטל.—שיבעלאד.—הענטשקעלאד.—ליאלקע.	
	XIX	
326-324	ביר	366
	XX	
339-327	געגנטן, לענדער, פעלקער	368
	XXI	
367-340	בהמות און חיות	372
	פערד.—קו.—ציג.—הונט.—וואלף.—בער	
	XXII	
373-368	פייגלען	382
	נאכטיגאל.—קוקאווקע.—שוואן.—וואלדהון	
	XXIII	
381-374	בינען און בינער	386
	XXIV	
383-382	מוראשקעס	390
	XXV	
385-384	פיש	392
	העכט.—פלאטקע.	
	XXVI	
422-386	וואלד און ביימער	394
	דעמב.—ליפע.—בעריאזע.—סאסנע.—עפלבוים.—נוסבוים.—קאשטאנענבוים	
	XXVII	
435-423	תבואה	404
	קארן.—גערשן.—האבער.—גריקע.	

נומער		זייט
	XXVIII	
436	ארבעם	408
	XXIX	
439-437	פלאקם	410
	XXX	
446-440	בלומען	412
	XXXI	
450-447	יאגדעם	416
	ניגונים צו איינינקע לעטיישע דיינעם	417
	אויסגעגוצטע קוואלן	418
	באמערקטע דרוקפעלערן	420
	אינהאלט	421

Toronto Jewish Public Library

THIS BOOK MAY BE KEPT

21 DAYS

and may be renewed once, if no application has been registered for it. A fine of 4 cents a day is charged, if the book is kept after the last date stamped below. No book will be issued while a fine remains unpaid.

ספריה עממית בטורונטו
אידישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY TORONTO

3460 פאעב.

א. קאצענעלענבויגען

דיינעס

פוֹלִיצ.

#3460

פוֹלִיצ